STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03023

GESHTALTEN

Zelig Tygel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געשטאַלטן

12

ייִדישע פּערזענלעכקייטן

פאַרלאַג „פאַרבאַנד"
ניו־יאָרק 1928.

Copyright by
Z. TYGEL
1928.

446 פינסקי־מזל פרעס, אינק., 84 באוערי, נ. י.

אויף דער שוועל

אויף דער שוועל

מיט ספקות בין איך צוגעטראָטען ארויסצוגעבען דאָס בוך. איך האָב געהאַלטען עצות מיט זיך אַליין און איין דעה האָט זיך געשלאָגען מיט דער צווייטער. איינע האָט געטענהט: וועגען יעדער איינציגער פּערזאָן, וואָס דו באַשרייבסט, האָט מען געקאָנט אָנזאַמלען נאָך אַ גאַנצע רייע פאַקטען; יעדע איינציגע אָפּהאַנדלונג, אָדער באַשרייבונג האָט מען געקאָנט באַאַרבעטען און שלייפען. און אַמאָל איז די דעה געגאַנגען אַזוי ווייט מיט אירע אַרגומענטען, אַז זי האָט אָנגעוויזען, אַז פון יעדער איינציגער פּערזענלאַכקייט האָט מען געקאָנט אָנשרייבען אַזויפיל וויפיל איך שרייב פון אַלע צוזאַמען. די אַנדערע דעה האָט אָבער אָפּגעענטפערט: אמת ביסטו מיט דיינע טענות, ווי איז אָבער דער דין, אַז פאַרשיידענע מכשולים דערלאָזען נישט צו באַאַרבעטען יעדען איינציגען אויף אַזאַ אופן? די צייט איז באַגרענעצט, און וואָס ווייטער הייבען אָן אָפּגעווישט צו ווערען די פּערזענלאַכע זכרונות וואָס זענען פון הויפּט וויכטיגקייט אין דער אַרבעט. זאָל עס, הייסט עס, זיין דער באַקאַנטער „אָדער גאָר אָדער גאָרנישט"?

אין דער אמתן איז די צווייטע דעה געווען די גערעכטע. איך האָב נישט געהאַט אין זינען צו געבען קיין פולע אָפּשאַצונג איבער די אַלע פּערזענלאַכקייטען, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך. יעדע פּערזאָן איז פון אַזאַ פאַרשיידענאַרטיגען כאַראַקטער, וואָס, אויב אימיצער וואָלט אָנגעשריבען אַ גאַנץ בוך איבער יעדען איינציגען, וואָלט ער אַליין געמוזט זיין אַ געלערענטער אויף פאַרשיידענע

געביטען: ער וואָלט באדארפט זיין א גרויסער מומחה אויפן געביט פון חכמת ישראל, ווען ער וואָלט געשריבען איבער דר. שמואל אברהם פאָזנאַנסקי; א גרויסער פילאָלאָג, ווען ער וואָלט געשריבען איבער דר. זאמענהאף; א גרויסער היסטאָריקער, ווען ער וואָלט געשריבען איבער חיים סאָלאָמאָן; א גרויסער מוזיקער, ווען ער וואָלט געשריבען איבער בענסמאַן; איינער פון די בעסטע קענער אין דער געשיכטע פון ציוניזם, ווען ער וואָלט געשריבען איבער דר. וויצמאַן און איינער פון די גרעסטע פסיכאָלאָגען, ווען ער וואָלט געשריבען איבער אזעלכע פארשיידענארטיגע פערזענלאכ־קייטען, ווי י. ל. פרץ, יאַנוש קאָרטשאַק, יצחק גרינבוים און אנדערע.

מיין כונה איז קודם כל געווען צו שרייבען איבער פערזאָנען, מיט וועלכע איך האָב פערזענלאך געהאט די מעגלאכקייט צו קומען אין בארירונג. מיר האט זיך געוואָלט, אז די פאקטען, וואָס גיבען די פארב און כאראקטעריסטיק צו זייער גרויסקייט, צו זייער גאנצען פארנעם, די פאקטען, וואָס ווערען מיט דער צייט אָפּגעווישט און פארשוואונדען, זאָלען נישט פארהוילען ווערען פאר די, וואָס וועלען זיך אמאָל אוועקזעצען און שרייבען איבער יעדען איינציגען א גרעסערע אויספירלאכע ארבעט.

מיר איז, למשל, זייער שווער געווען צו שרייבען איבער דעם גאון בישראל, דר. פאָזנאַנסקי. עס איז פאר מיר שטענדיג געווען א זכיה צו באַוועגען זיך אין זיינע ד׳ אמות. איך פלעג פון צייט צו צייט לעזען זיינע שאפונגען און ווען ער איז געשטאָרבען, האָב איך נאכגעפאָלגט — אויף וויפיל עס איז מיר געווען מעגלאך צו באקומען — א סך פון דעם, וואָס מען האט וועגען אים געשריבען. און טאקע אָט די ארטיקלען און ביאָגראפיעס האָבען מיך געבראכט צו דעם געדאנק, אז איך טאָר נישט פארהוילען צו פארעפענטלאכען די עטלאכע שטריכען וואָס זענען געבליבען אין מיין זכרון פון דער צייט, ווען איך האָב געהאט די גליקלאכע געלעגענהייט אים צו

קענען. פערזענלאכע באאבאכטונגען פון א פארערער, וועלכער דרוקט אפ זכרונות און פאקטען ביי זיך אין געדעכניש, אזוי ווי זיי זענען געשען, קאנען אמאל זיין פון גרויס וויכטיגקייט פאר דעם אפיציעלען ביאגראף אדער ביבליאגראף, אדער זאגאר היסטאריקער, וועלכער קלויבט צונויף אלע איינצעלהייטען, פריער מעכאניש, און נאכדעם וועבט ער פון דעם אויס זיין גרעסערע ארבעט. פערזענלאכע איינדרוקען אויפגענומען און אפגעשפיגעלט אט ווי זיי זענען, גיבען אמאל דעם שליסעל צו דער גאנצער פיזיאנאמיע, צו דער גאנצער נשמה פון א אזא גדול בדור ווי דר. פאזנאנסקי, וועלכער האט בייגעשטייערט זייער פיל צו דער אידישער און וועלטלאכער קולטור. דאס זענען געוועזן די כוונות, ווען איך האב זיך געזעצט שרייבען א קאפיטעל פון דר. פאזנאנסקיס לעבען און שאפען, באזונדערס איבער זיין לעבען.

וועגען דר. זאמענהאף האט מיך באזונדערס פאראינטערעסירט מיין פערזענלאכער צוזאמענקומען מיט אים. די רייד, וואס ער האט צו מיר גערעדט אין פארשיידענע צייטען, אן דעם מינדעסטען חשד, אז זיי וועלען אמאל פארעפענטלאכט ווערען, האבען מיך אפטמאל נישט געלאזט רוען. און ווען איך האב געשריבען אין קורצען איבער אים, האב איך מער אין זינען געהאט אונזערע פריוואטע געשפרעכען, ווי די גענויע ביאגראפיע איבער זיין גאנץ לעבען. מיך האט, למשל, באמת זייער פאראינטערעסירט זיין אידישע גראמאטיק, וועלכע ער האט געשריבען אין דער רוסישער שפראך און האט זי קיינמאל נישט פארענדיגט; אין זיין באציאונג צו דער אידישער שפראך איז ער געוועזן מער דער פילאלאג, ווי דער איד, וואס האט דערביי אין זינען די צוקונפט פון דער אידישער קולטור. ער פערזענלאך האט, ווי ווייט איך ווייס, קיינמאל קיין אידיש נישט גערעדט, ער פלעגט אפילו מיט זיינע פאציענטען, סרוב ארימע און ווייניג אינטעליגענטע, רעדען פויליש. ער איז

געוועזן דער פילאָזאָף דורך און דורך, נאָר דורכגעדרונגען מיט אַן אידעאַל, וואָס איז אין תוך אידיש. און דאָס לעצטע האָט מיך באַזונדערס פאַראינטערעסירט. די עטלאַכע ביאָגראַפישע שטריכען אין אָנפאַנג זענען אַלעמען באַקאַנטע און זענען מער אָדער ווייניגער דערמאַנט אין יעדער אידישער ענציקלאָפּעדיע.

דער זעלבער כּלל האָט מיר אויך געדינט ביי אונזער גרויסען דיכטער און געניאַלער פּערזענלאַכקייט י. ל. פּרץ. מיר האָט זיך געוואָלט איבערגעבען איינגע עפּיזאָדען פון זיין לעבען פון דער צייט ווען די גרויסע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכען און וועלכע זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין פילפאַרביג לעבען. י. ל. פּרץ איז דאָך געוועזן אויסער דער גרויסער געניאַלער שריפטשטעלער, אויך איינע פון די שענסטע און אינטערעסאַנטע פּערזענלאַכקייטען, וואָס דאָס פּוילישע אידענטום האָט ארויסגעגעבען אין פאַרלויף פון לעצטען יאָרהונדערט, און דאָך ווי ווייניג איז געשריבען געוואָרען ביז איצט וועגען אים, אַלס פילאָזאָף, קולטור־טרעגער, פירער און וועג־ווייזער.

מיר האָט זיך דעריבער נישט געוואָלט פאַרבאַהאַלטען די עטלאַכע פאַקטען, וואָס איך האָב פּערזענלאַך געהאַט די געלעגענהייט אויפצונעמען, וואָס זענען בלויז איינצעלנע געציילטע שטריכען פון זיין נשמהדיגקייט און שטראַלענדיגקייט, כאָטש עס האָט זיך געבעטען, אַז מען זאָל די שטריכען צונויפבינדען מיט פריערדיגע געשעענישען פון דעם זעלבען כאַראַקטער.

עס זענען פאַראַן צוויי פּערזאָנען אין דעם בוך, מיט וועמען מיין געדאַנק איז געוועזן פאַרנומען זייער אָפט (און איז עס נאָך ביז היינט), און וועגען וועלכע איך האָב ערנסט גענומען צוגרייטען מאַטעריאַל פאַר אַ גרעסערער אַרבעט: איך מיין יאַנוש קאָרטשאַק און חיים סאָלאָמאָן.

יאנוש קאָרטשאַק, דער באַרימטער פּוילישער שריפטשטעלער, איז אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט. ער איז אָריגינעל דורך און דורך, אַלזייטיג און געהערט, לויט מיין מיינונג, צו די אויסערוויילטע אין היינטיגען דור אין פּוילישען אידענטום.

איך האָב קאָרטשאַקען באַאָבאַכטעט פון דער נאָענט. איך פלעג זיך מיט אים אָפטמאָל צוזאַמענקומען. איך וויים פון צענדליגער אַנדערע כאַראַקטעריסטישע פאַקטען, וועלכע איך האָב נישט דערמאָנט אין דער קורצער אָפּהאַנדלונג איבער אים אין דעם בוך. זיין רייזע קיין לאָנדאָן, אום צו באַקענען זיך מיט די מאָדערנע בתי יתומים, פאָרענדיג דעם גאַנצען וועג מיט דער פערטער קלאַס, זיין באַקענען זיך מיט די אידישע מאַמעס, וועלכע האָבען קיין וואָרט פּויליש נישט געקאָנט, פון די צייטען, ווען ער האָט באַהאַנדעלט זייערע קינדער אַלס דאָקטאָר מעדיצין אין דעם קינדערשפּיטאָל אין וואַרשע; זיינע מאָדערנע פּעדאַגאָגישע איינפירונגען אין דעם בית יתומים אין וואַרשע, וואָס איז אונטער זיין פולער אויפזיכט, א. אַז. וו. זענען באַזונדערע קאַפּיטלאך אין זיין אינטערעסאַנטען לעבען.

אין יאַנוש קאָרטשאַק זענען ווי צוזאַמענגענומען עטלאַכע נשמות. קאָרטשאַק דער שריפטשטעלער, איינער פון די בעסטע און גלענצענדסטע הומאָריסטען־סאַטיריקער אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, נישט בלויז צווישען די פּוילישע שריפטשטעלער; קאָרטשאַק דער פּעדאַגאָג, קאָרטשאַק דער אייגענאַרטיגער איד און בכלל קאָרטשאַק אַלס פּערזאָן זענען באַזונדערע פּעדים, פון וועלכע מען קאָן אויסוועבען אַ גרויס בילד וואָס וואָלט געווען אַ מוסטער אין אייגענאַרטיגקייט און כאַראַקטעריסטיק פון אַ זעלטזאַמען מענשענעקזעמפּלאַר.

איך חלום שטאַרק צו שרייבען וועגען אים אויספירלאַכער, אָבער כדי דאָס צו טאָן, דאַרף מען ווידער זיין נאָענט צו אים,

ווי איך בין געווען מיט עטלאכע יאָר צוריק, דארף מען זיך אויפסניי באקענען מיט יעדען זאַץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבען און נאָכ־פאָלגען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט יעדען שריט זיינעם. און היינט צו טאָג בין איך דאָך אַזוי ווייט פון אים.

אָבער עס גליט אין מיר די האָפענונג, אַז צו דער דאָזיגער גרעסערער ארבעט וועל איך זיך נאָכאַמאָל נעמען.

די צווייטע פערזענלאכקייט, ווי געזאָגט, איז חיים סאָלאָמאָן. די איינציגע פערזאָן אין דעם בוך פון דער ווייטער פארגאַנגענהייט, וואָס שטימט נישט מיט דעם געזאָגטען, אַז איך האָב געהאט בדעה צו שרייבען נאָר וועגען אַזעלכע פערזאָנען, וועלכע איך האָב פער־זענלאך געקענט און האָב געהאט די געלעגענהייט צו פארקערען אין זייער געזעלשאפט.

חיים סאָלאָמאָן האָט מיך אָנגעהויבען אינטערעסירען נאָך איידער איך בין געקומען אין אמעריקע און נאָכדעם ווי כבין אָפּגעווען דאָ בלויז עטלאכע מאָנאַטען, האָב איך גענומען זוכען מאַטעריאַל. אַ דאַנק מיין פאָרשלאַג צו דער פעדעראַציע פון די פוילישע אידען אין אמעריקע, אַז מען זאָל אים שטעלען אַ מאָנומענט אין ניו־יאָרק, איז דער אינטערעס צו זיין פערזענלאכקייט אויך אויסגעוואַקסען ביי אַ גאַנצער רייע פערזאָנען אין לאַנד, און אַזוי אַרום האָבען פילע מיטגעהאָלפען צו זוכען און פאָרשען וועגען אים. עס האָבען זיך אויך צו דער וויכטיגער ארבעט גענומען איינינע ספּעציאַליסטען אויפן געביט פון אמעריקאַנער אידישער געשיכטע. אַ דאַנק דעם האָב איך געהאט די מעגלאכקייט צו מיין אייגען געזאַמעלטען מאַטעריאַל אויך זיך צו באַנוצען מיט דעם, וואָס אַנדערע האָבען געזאַמעלט, און איך גלויב אויפריכטיג, אַז עס איז נישט ווייט די צייט, ווען איך וועל פארענדיגען מיין אויספאָרשונגס מאַטעריאַל איבער חיים סאָלאָמאָן און זיין פעריאָדע — איינע פון די רייכסטע אין דער געשיכטע פון אמעריקע — און וועל קאָנען

צוטרעטען צו דער פולער ארבעט, פון וועלכער א טייל איז שוין פארטיג.

איך האב אבער נישט געקאנט פועלן ביי זיך, אז איך זאל וועגען חיים סאלאמאן גאר נישט שרייבען אין דעם בוך און האב נאר אריינגעגעבען א קצור פון דעם, וואס איך האב שוין געזאמעלט און פריער פארעפענטלאכט אין דער ענגלישער שפראך*). ווידער צוליב דער זעלבער אורזאך. עס קאנען זיך טרעפען פארשיידענע מכשולים און זאל דערווייל אפגעדרוקט ווערען דאס, וואס איז פאראן. האבען מיר דאך וועגען חיים סאלאמאן ביז איצט גאר נישט אין דער אידישער שפראך.

וועגען צוויי פערזאנען, דענק איך, האב איך געשריבען אויס־פירלאך: וועגען מתתיהו בענסמאן און יצחק גרינבוים.

וועגען בענסמאן איז זייער ווייניג געווען געשריבען, בלויז עטלאכע ארטיקלען אין די אידישע זשורנאלען און צייטונגען אין פוילען פון דער צייט, וואס ער איז געווען דיריגענט אין די פאר־שיידענע „הזמירם" אין פוילען. אין די פוילישע צייטונגען האב איך נאר געפונען עטלאכע נאטיצען פון דער צייט, ווען זיין שטערען האט אנגעהויבען אויפגיין אין איטאליען. די איטאליענישע און רוסישע צייטונגען, וואו מען האט וועגען אים אויך געשריבען, האב איך קיינמאל נישט געזען. דעם הויפט מאטעריאל האב איך גענומען פון אייגענע באאבאכטונגען און פון אים אליין, און האלט, אז דאס איז דער בעסטער קוואל. אויך דא אין אמעריקע, וואו בענסמאן האט פארענדיגט זיין דאן־קיכאטיש לעבען, האב איך אים די גאנצע צייט נאכגעפאלגט. נאך זיין טויט האט אים זיין פינסטער מזל

*) Haym Salomon—*His Life and Work.* The Polish Jew Who Helped America Win the War for Independence. By Z. Tygel. Issued by the Haym Salomon Monument Committee under the auspices of the Federation of Polish Jews in America, 55 West 113th Street, New York, N. Y., January, 1925.

אויך פאַרפאַלגט: זיינע מוזיקאַלישע ווערק זענען צעשלעפּט, צעזייט און צעשפּרייט געוואָרען און קיינער ווייסט נישט וואו זיי זענען אהינגעקומען. זאָלען באַטש בלייבען צייכענס פון אים געשריבען פון זיינעם אַ נאָענטען פריינט. און אפשר וועלען, לויט די צייכענס, זיינע ווערק זיך אָפּזוכען און דאָס שעפערישע פון אים וועט נאָך לעבעדיג ווערען.

יצחק גרינבוימען האָב איך באַאָבאַכטעט פון מיין פריער יוגענט אָן און האָב זיך וועגען אים באַמיט צו שרייבען אַן אויס־פּירלאַכע כאַראַקטעריסטיק. איך האָב מעגלאַך דורכגעלאָזען איניגע פאַקטען פון זיין רייכער ציוניסטישער טעטיגקייט און מעגלאַך איינצעלהייטען איבער זיין פאַרשיידענאַרטיגער ליטעראַרישער אַרבעט. איך דענק אָבער, אַז די אָפּהאַנדלונג איבער אים איז אַ פולע און גיט אַ קלאָרען באַגריף וועגען זיין אינטערעסאַנט לעבען, וואָס איז פול מיט קאַמף און שטורם.

צום שווערסטען איז מיר געווען צו שרייבען איבער דעם גרויסען אידישען פירער, פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן. אים האָב איך צום ערשטען מאָל באַגעגענט דאָ אין אַמעריקע, זינט ער האָט אָנגעהויבען פאָרען דאָ אהער אין זיין מיסיע פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. ער האָט מיך מאַגנעטיזירט בלויז מיט זיין פּערזענלאַכקייט. נאָך יעדען מאָל זען אים, אָדער הערען אים רעדען, האָט מיך זיין פּראָפעטיש געזיכט נעהאַלטען געפאַנגען טעג נאָכאַנאַנד. פּערזענלאַך האָב איך אים נאָר באַגעגענט צוויי מאָל און ביידע מאָל נישט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט אַ גרופּע פריינט, און אַז איך פלעג טראַכטען פון אים, האָב איך אים פאַרבונדען מיט מאַסען, מיט זיין שליחות צו באַפרייען דאָס אידישע פאָלק פון גייסטיגער קנעכטשאַפט.

איינמאָל האָב איך פאַר אַ יובילעאום נומער פון אַ צייטונג אָנגעוואָרפען עטלאַכע איינדרוקען מיינע איבער אים, און דאָס, וואָס איך האָב געשילדערט איז געווען דער טרויער וואָס ליגט אויף

אים, דער יאָך, וואָס הויערט אויף אים. ער איז ביי מיר געוואָרען פאַרוואַנדעלט אין אַ מאָדערנעם נביא, וועלכער וואַנדערט לאַנד איין — לאַנד אויס, שטראָפט און טרייסט, טרויערט אויף גלות השכינה און וועקט מיט גליענדען מוט צו זעלבסט־באַפרייאונג.

ווען איך האָב באַשלאָסען צו שרייבען וועגען אים אין דעם בוך, האָב איך זיך גענומען די מי צו באַקענען זיך מיט זיין ביאָגראַפיע און מיט זיין פּערזענלאַכקייט, אויסער פון מיינע פּער־זענלאַכע איינדרוקען, אָבער דאָס איז מיר נישט געלונגען אין פולען. עס איז נאָך ביז איצט וועגען וויצמאַן ווייניג געשריבען געוואָרען, אויסער אַזעלכע אַרטיקלען, וועלכע זענען מער לויב געזאַנגען פאַר זיין הערָאישער אַרבעט ווי אַ קלאָרע כאַראַקטעריסטיק איבער זיין וואונדערבאַרען לעבען און שאַפען.

דאָס מאַטעריאַל, פון וועלכען מען האָט געקאָנט אויסוועבען אַ קלאָר בילד פון זיין רייכער פּערזענלאַכקייט, וואָס וואָלט געגעבען אַ געטרייע אָפּשפּיגלונג פון זיין הויכען גייסט — זיינע רעדעס, וואָס האָבען דעם נביאישען פּאַטאָס, וואָס זענען אָנגעשלאָגען סיי אין דעם טאָן און סיי אין דעם תוכן מיט דעם גייסט פון אַ פאָלקס־באַפרייער — איז ליידער נאָך ביז איצט נישט אויפגעקליבען געוואָרען און דאָס האָט, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אויך מיר געשטערט צו שרייבען אויספירלאַך איבער זיין לעבען, וואָס איז, ווי ער אַליין האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, נישט מיט רויזען פאַרזייט.

דר. גרשון לעווין און ע. נ. פרענק האָב איך מער אוועקגע־שטעלט אין זייער ריכטיגער סביבה, ווי געשריבען איבער זיי אויס־פירלאַך. איבער דר. ג. לעווין האָב איך נאָר געגעבען אַ קורצע סקיצע. מיט דער באַשרייבונג פון ע. נ. פרענק האָב איך נאָר ערגענצט די ביז איצטיגע אָפּשאַצונגען איבער אים.

פילמאָל קאָנען די טרוקענע אָפיציעלע ביאָגראַפישע פאַקטען, וואָס ווערען אוועקגעלייגט מיט אַלע דעטאַלען און איינצעלהייטען,

נישט געבען קיין בילד, וואָס זאָל אויך אַנטהאַלטען דעם תוכן פון דער פּערזאָן. מיר האָט זיך געוואָלט מער געבען דעם חוט השדרה פון ע. נ. פרענק, ווי די קלעפּקעס וואָס האַלטען דעם רוקען־ביין, אום אַזוי אַרום אַרויסצוברענגען דאָס טיפּישע, וואָס האָט אים באַגלייט דאָס גאַנצע לעבען. איך האָב אפשר וועגען פרענקען געקאָנט אָנשרייבען דריי מאָל אַזויפיל, אויב איך וואָלט געוואָלט צוגעבען, אַזוי צו זאָגען, היסטאָרישע דאַטען. איך האָב אָבער געהאַלטען, אַז אים דאַרף מען אָנהייבען צייכענען פון דעם זיג־זאַגיגען מאַרך און נישט פון דער פלייישיקער נאָז. ביי דעם פאַל איז זייער וויכטיג געווען דער סקעלעט און דער חוט השדרה און דאָס איבעריגע צו לאָזען פאַר דעם אמתן היסטאָריקער. ווען דער דאָזיגער אומבאַקאַנטער היסטאָריקער וועט זיך אַמאָל נעמען באַארבעטען די געשיכטע פון ע. נ. פרענק, וועט ער אויסער מיט זיינע ווערק אויך דאַרפען זיך באַקענען מיט זיין שטעטעל. ער וועט דאַרפען מיטגיין מיט אים פון זיין פריער יוגענט אָן אויף אַלע זיינע געקרייציגטע וועגען, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען, נישט בלויז מיט זיינע קורצע טריט, נאָר אויך מיט זיין דענקונגס־אַפּאַראַט, און זיין אַרבעט וועט גאָרנישט זיין קיין לייכטע. צו יענער גרויסער אַרבעט, ערלויבט מיר די דרייסטקייט, האָב איך בלויז אונטערגעטראָגען דעם שליסעל.

דער בוך שליסט זיך מיט אַ פּערזאָן, וואָס טראָגט דעם נאָמען אַביש. ווען די זאַך איז צום ערשטען מאָל געדרוקט געוואָרען, איז נאָך דעם נאָמען אַביש געשטאַנען דאָס וואָרט „דערציילונג“, דאָס מאָל האָב איך עס אַרויסגענומען מיט אַ כונה.

אַביש איז אַ לעבעדיגע פּערזאָן, וועלכע געפינט זיך נאָך היינט אין אַ משוגעים הויז אין דער שטאָט וואַרשע. די אַלע פאַקטען, וואָס ווערען דערציילט וועגען אים, זענען אמתע, אָבער נאָר די פאַקטען, אויב מען זאָל זיי אַרויסנעמען טרוקענערהייט. ביי מיר אין געדאַנק איז ער אָבער אויסגעוואַקסען צו אַ סימבאָל. אַזוי

האָב איך אים געזען אין מיין געדאַנק, ווען זיין גאַנץ לעבען איז פאַר מיר ווידער אויפגעגאַנגען מיט עטלאַכע יאָר שפּעטער, נאָכדעם ווי ער איז אַראָפּ פון זינען. די ענטפערס, וואָס ער האָט מיר געגעבען, ווען איך האָב אים געזען אַרומגיין משוגענערהייט איבער די וואַרשעווער גאַסען, זענען זיינע ענטפערס.

אַביש האָט געהאַט אַ גאוינישען קאָפּ, מיט אַן אומפאַרגלייכבאַרען פענאָמענאַלען זכרון. אַביש איז געווען אַ גרויסער דענקער. ער איז משוגע געוואָרען גלייך נאָך דעם אָנפאַנג פון דעם גרויסען וועלט־קריג. מען האָט מיר דערציילט, אַז זיין גאַנצע פאַמיליע, וועלכע איך האָב גוט געקענט, איז אויסגעשטאָרבען פון קראַנקהייט און הונגער אין דער מלחמה־צייט.

אַביש איז לויט אַלע מיינע איינדרוקען געווען אַ גרויסע פּערזענלאַכקייט, און ווען זיין מאַרך וואָלט זיך נישט איבערגעבראָכען פון דעם גרויסען קלאַפּ — די וועלט־מלחמה — וואָלט ער געווען צווישען די געציילטע, וואָס קעמפען מיט וויסען און חכמה איבערצובויען די היינטיגע וועלט אויף אַ שענערע און אַ בעסערע.

אַביש איז די אומבאַקאַנטע פּערזענלאַכקייט — אַן אַ נאָמען — וואָס איז נישט געפאַלען אויף די שלאַכט־פעלדער אין דעם וועלט־קריג, נאָר איז משוגע געוואָרען צוליב דעם, וואָס די שלאַכט־פעלדער זענען צוגעגרייט געוואָרען פאַר מיליאָנען אומשולדיגע מענשען־קינדער, די שלאַכט־פעלדער, וואָס ווערען נאָך היינט צעאַקערט זאָגאַר אין אונזער בלומרשטער פרידענס־צייט.

אַביש איז אַ סימבאָל פון מיליאָנען, וועלכע זענען אומגעקומען אויסער די שלאַכט־פעלדער, נאָר אין דער אמתן צוליב דער בלוטיגער שוידערלאַכער וועלט־מלחמה. אויף דער שוועל פון אַבישעס לעבעדיגען קבר האָט איך מיט מיין שוואַכער שילדערונג אַוועקגעלייגט אַ קראַנץ בלומען.

געלערנטע און שאַפער



דר. שמואל אברהם פּאָזנאַנסקי

ווען דר. פּאָזנאַנסקי איז געשטאָרבען אין יאָר 1921, האָב איך אָפּגעדרוקט אַ קורצען ארטיקעל איבער אים. איך האָב טיילוויז דערמאַנט וועגען זיינע שריפטען און וועגען עטלאָכע פאַקטען פון זיין לעבען און רייכען שאַפען אויפן געביט פון חכמת ישראל. פון יענער צייט אַן האָבען פילע געשריבען איבער אים. עס האָבען געשריבען געלערנטע, זיינס גלייכען, וואָס האָבען אַלץ מסתמא פון אים געלעזען. עס איז זאָגאַר אין יאָר 1922 ערשינען אַ ביכעלע אין אידיש איבער זיין לעבען און זיינע ווערק פון באַקאַנטען היסטאָריקער דר. מאיר באַלאַבאַן. עס איז אויך שפּעטער ערשינען אַן ארטיקעל פון פראָפ. אַלעקסאַנדער מאַרקס פון ניו־יאָרק *), וועלכער גיט אַן אַ גענויע אויספירלאָכע רשימה פון אַלע אַרטיקלען און ווערק וואָס דר. פּאָזנאַנסקי האָט געשריבען.

און דאָך האָב איך באַשלאָסען אין דעם בוך וועגען אים צו שרייבען, ווייל מיין אויפגאַבע איז צו באַהאַנדלען די ווערק נאָר פאַרבייגייענדיג און איבערהויפּט זיך אָפּצושטעלען אויף דער פּער־זענלאָכקייט זעלבסט, אום ארויסצוברענגען די כאַראַקטעריסטישע שטריכען, וואָס זאָלען בעסער באַלייכטען די אַלזייטיגקייט פון זיין לעבען און שאַפען.

דר. שמואל אברהם פּאָזנאַנסקי איז געוועזען אַ גרויסער געלע־רענטער, אַן אַלוועלטלאָך אידישער געלערנטער, דער אמתער חוקר ודורש, אַ גאון בישראל, ניט לויט דעם היינטיגען באַגריף, מיט

*("Revue Etudes Juives," Paris, 1922, Vol. 79, Pages 83, 169

וועלכע עס ווערט באַצייכענט דער יעניגער, וואָס קאָן מפורש זיין די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה און שרייבט וועגען דעם אַן אַ ספר, אָדער איז דער גוטער לערנער, וואָס זאָגט שאַרפע פשטלאַך און פאַרטייטשט אויף אַ שאַרפען אופן די שווערע שטעלען פון תלמוד, אָדער זאָגאַר דער גרויסער ראש ישיבה, וואָס לערענט און מאַכט אַנדערע לערנען, — נאָר דער אידישער גאון אין פאַרצייטישען זין, דער גאון און פילאָזאָף, וועמען עס פאַסט אָנצורופען דער תלמיד פון ר' סעדיא גאון, וועלכען ער האָט אַזוי קרעפטיג, אַזוי וויסענ־שאַפטלאַך מפורש געווען.

דר. פאָזנאַנסקי, דער בעל הוראה איז געווען דער, וואָס האָט געקענט די תנאים פון דער גמרא, נישט בלויז לויט דער הלכה, וואָס זיי האָבען געפסקנט, אָדער לויט די גלייכע ווערטלאַך, וואָס ווערען וועגען זיי דערציילט. נאָר ער האָט זיך פאַרטיפט אין דער נשמה פון יעדען תנא, ער האָט זיך פאַרקליבען מיט דער פערזענלאַכקייט פון דעם תנא בחדרי חדרים און דאָרטען שטיל, געלייטערטערהייט צונויפגעוועבט די פעדים פון דעם תנאס קענטעניש. ער האָט זיך ווי אַ גרויסער געלערענטער דערקליבען צו די מקורים פון די תנאים און איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט נישט בלויז געקענט זייער חכמה, האָט נישט בלויז געוואוסט נאָכצוזאָגען זייערע לערען, און איז געווען דורכגעדרונגען מיט זייער תורה, נאָר ער האָט אויך געגוי געקענט זייער לעבען און שאַפען, פונקט ווי עס קענען איינציגע דאָס לעבען און שאַפען פון דר. פאָזנאַנסקי.

אויף דר. פאָזנאַנסקי קאָן מען זיכער אָנווענדען די לעגענדע, וואָס מען פלעגט דערציילען אויף איינציגע יחידי סגולה אין דער לומדיש־חסידישער וועלט, אַז זיי האָבען שפּאַצירט מיט אביי ורבא. ער איז מיט די תנאים אַזוי היימיש געווען, גלייך ווי ער וואָלט פון זייער מויל תורה געלערענט.

דר. שמואל אברהם פאָזנאַנסקי

דר. שמואל אברהם פאָזנאַנסקי האָט געשריבען אויף פילע אייראָ־פעאישע שפּראַכען וועגען חכמת ישראל און אויך אויף איינינע סעמיטישע שפּראַכען, צווישען די זייער פיל אויף העברעאיש. אויף פרעמדע שפּראַכען פיל מער. צו די צוהערער אין פוילען האָט ער כמעט דאָס גאַנצע לעבען נאָר אויף פויליש גערעדט. דאָס כאַראַק־טעריסטישע דערביי איז, אז ווען ער פלעגט האַלטען זיינע לעקציעס פאַר דער אידיש־נאַציאָנאַלער יוגענט אין דער פוילישער שפּראַך איבער ר׳ יוחנן בן זכאי אָדער איבער ר׳ ריש לקיש און אַנדערע תנאים, האָט די פוילישע קלינגענדיגע שפּראַך אַרויפגעצויגען אויף זיך אַ פייערלאַכקייט און עס האָט זיך געדאַכטען, אַז די פּערל, וואָס שיטען זיך פון זיין מויל, קומען אין העברעאיש, אין דער שפּראַך, אין וועלכער זיי דאַרפען קומען.

מיט אונזערע גדולי הדור אין פוילען איז דאָך געשען אַ טראַ־געדיע. די טראַגעדיע פון דעם גרויזאַמען גלות, וואָס האָט פילע פון אונזערע בעסטע און שענסטע, פון אונזערע איידעלסטע און אויסערוויילטע נישט געלאָזט ווערען דאָס, וואָס זיי האָבען באַדאַרפט זיין, לויט אַלע זייערע פעאיגקייטען, פאַר דעם ברייטען אידישען עולם. צוויי מענשען זענען דאָך געווען אין דר. פאָז־נאַנסקין און אין דער דאָפּעלטקייט איז ער געווען געגליכען צום גרויסען אידישען קינסטלער און דיכטער י. ל. פרץ. דער לעצטער איז ביי טאָג געווען דער טרוקענער גמינע־מענש, דער, וואָס שרייבט אוים קוויטלאַך פאַר טויטע, אויף וועלכער קרקע מען זאָל זיי לייגען, און ביינאַכט האָט ער באַהאַלטענערהייט גאָלדענע אידישע אוצרות צעפּלאָכטען און זיי איבערגעוועבט אין וואונדערבאַרע פאָלקס־טימלאַכע מעשות, וואָס וועלען אייביג שיינען און לייכטען. דר. פאָזנאַנסקי איז אַ טייל פון דער וואָך געווען דער טרוקענער פּריי־דיגער אין דער וואַרשעווער סינאַגאָגע, וואָס איז כל ימיו געווען די ציטאַדעל פון דער אידישער אַסימילאַציע, און אַ צווייטע טייל וואָך

איז ער געווען דער באהאלטענער מחבר פון גרויסע אידישע ספרים. א גרויס ליכט האט געלויכטען אין דעם שטילען אומעטיגען הויף פון דער גרויסער סינאגאגע. פאר די, וואס האבען זיך דערוואוסט, אז דאס איז דער זעלבער פאזנאנסקי, וואס איז דער גרויסער גאון און חוקר, וואס באריימערט די בעסטע און וויכטיגסטע וויסענשאפטס-זשורנאלען מיט באלערענטע ארטיקלען, דער, וואס האט זיך געשטעלט פאר א לעבענס אויפגאבע ארויסצוגעבען אין דרוק די כתבי יד פון אלטע מפורשים, צו באלויכטען דאס לעבען פון די קראים, דער, וואס האט זיך און זיין גרויסען, פראכטפולען צימער פארוויקעלט מיט ביכער און ספרים, פארטיפט זיך אין דער תקופות הגאונים, פאר די, וואס האבען דאס ערפארען, האט זיך דר. פאזנאנסקי פארגעשטעלט ווי א ל"וניק. ווי א תלמיד פון בעל שם טוב, וואס פלעגט אומגיין אויף די מארקען און האנדלען אום צו האבען אויף חיונה, און ביינאכט לערנען תורה, מחדש זיין חדושים, באלויכטען מיט דעם סודותדיגען פלאם, וואס נאר יחידי סגולה פון זיין גלייכען האבען דאס געקאנט באמערקען.

אין זיינע רעדעס וואס דר. פאזנאנסקי האט געהאלטען יעדען שבת פאר זיינע צוהערער, ווי געוועגלאך אין דער פוילישער שפראך, איז קיין שום באזונדערעס נישט געלעגען. זיי זענען אין די ערשטע צייטען געווען כמעט טרוקענע איינגעהזרטע דרשות פון דעם סקאר־באווען שניט און אפשר איז דאס געווען די אורזאכע פארוואס די אסימילאטארען, די בעלי הבתים פון שול האבען אים געהאלטען. ער האט זיך צוגעפאסט צו זיי, ער האט צוגעשניטען זיינע שבתדיגע רעדעס אויף אזא ארט, אז זיי זענען געווען לא מעלה ולא מוריד. מען האט גארנישט געהאט וואס פון זיי ארויסצונעמען. ווען עס וואלטען געבליבען קאפיעס פון זיינע דרשות, אויסער פון די סאמע לעצטע, אין אנהייב פון דער מלחמה און וויטער ביז זיין טויט, וואלטען זיי געווען א שרייענדער דיסאנאנס צו זיינע אומגעהויער

וויכטיגע ווערק, וואָס וועלען אויף דורות באַלייכטען דאָס אידענטום *).

און ווי טראַגיש איז עס, אַז דער מאַן וואָס איז געווען דורכ־געדרונגען מיט דער רעליגיאָנס פילאָזאָפיע פון „אמונות ודעות“ פון ר׳ סעדיה גאון, האָט געמוזט צוזיפּשטעלען לעבלאַכע רעדעס פאַר זיינע אסימילאַטאָרישע צוהערער. דער גדול בישראל, וועמען עס האָט געפּאַסט צו זיין דער ראש אין די ישיבות פון סורא און פּומבדיתא, און ווען ער לעבט, וואָלט ער זיכער היינט געווען איינער פון די חשובסטע פּראָפעסאָרען אין ירושלימער אוניווערסיטעט, דער יעניגער האָט געמוזט פאַרברייטען פאַר זיינע צוהערער זיסע רייד, וואָס עס קאָן אַרויסברענגען יעדער בעסערער דורכשניטלאַכער ראַבאַי אין אַמעריקע. עס איז די טראַגעדיע פון אונזער גלות־לעבען און אפשר האָט דאָס גורם געווען, אַז דר. פּאָזנאַנסקי זאָל זיך שטענדיג באַהאַלטען פון דער אויסענוועלט און זיין אַזוי ווייניג צוזאַמענ־געבונדען מיט דעם עפענטלאַכען אידישען לעבען — רעדענדיג ווידער פון די צייטען ביז דעם קריג. שפּעטער זעען מיר אים מער אין דער אידישער עפענטלאַכקייט און אין די נאַציאָנאַלע־אידישע קרייזען.

.2

דר. שמואל אברהם פּאָזנאַנסקי איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1864 אין לובראַניעץ, אַ קליין שטעטעלע, וואָס ליגט נישט

---

*) דר. באַלאַבאַן דערציילט אין זיין ביאָגראַפיע וועגען דר. פּאָז־נאַנסקי, אַז זיינע רעדעס זענען יאָ געבליבען. אויב יאָ, גלויב איך נישט, אַז די, וואָס ער האָט געהאַלטען אין די ערשטע יאָרען, וועלען האָבען וועלכע עס איז באַדייטונג, און איך ערלויב זיך צו זאָגען, אַז ווען דר. פּאָזנאַנסקי וואָלט געלעבט, וואָלט ער קיינמאָל נישט געגעבען קיין ערלויבעניש זיי אָפּצודרוקען.

ווייט פון וולאָצלאַוועק. זיין פאָטער איז געווען א גרויסער למדן, און אין זיין שטעטעל, שפעטער אין ראַציאָנזש, האָט דער יונגער פאָזנאַנסקי געלערענט ביי א מלמד, וואָס דער פאָטער האָט פאַר אים געהאלטען. גמרא האָט זיין פאָטער אליין שוין מיט אים געלערענט. דער פאָטער האָט זעלבסט געמוזט זיין א באַגאַבטער מענש, ווען ער האָט געקאָנט מיט זיין אייגענער השפעה געבען זיינע זין אזא זעלטענע ערציאונג, אזא פלאם־פייערדיגע ליבע צו דער אידישער תורה. די איבעריגע צוויי ברידער פון שמואל פאָזנאַנסקי האָבען אויך געקאָנט גוט לערנען און האָבען זיך אויס־געצייכענט מיט זייערע גרויסע פעאיגקייטען. איין ברודער אדאָלף איז געווען א ראַבינער אין רייכענבערג, שפעטער אין פעלזען און האָט אָנגעשריבען צוויי באַדייטענדע ווערק איבער די רעליגיאָנס פילאָזאָפישע אַנשויאונגען פון יוסף פלאַוויוס און שילא, א בייטראָג צו דער משיח־לערע. א צווייטער ברודער הערמאַן איז געוואָרען א דאָקטאָר מעדיצין אין מעמפיס, טענעסי, אין די פאַראייניגטע שטאַטען. *)

דר. שמואל פאָזנאַנסקי האָט אָנגעהויבען צו לערנען אלגעמיינע למודים ווען ער איז אַלט געווען 16 יאָר. ער איז אריינגעטראָטען אין דער דעמאָלטיגער איינציגער אידישער שולע אין ווארשע, (דיק־שטיינס). כאָטש מען האָט דאָרט געלערענט העברעאיש אויך, האָט אין יענע שולע געהערשט דער אסימילאַטארישער גייסט. דיקשטיין, דער שפּעטערדיגער פראָפעסאָר, איז געווען פון שטענדיג אָן א זייל פון דער אידישער אסימילאַציע אין פוילען און עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז פאָזנאַנסקי האָט זיך דאָרט מיט דעם גייסט אָנגעשטעקט. מען האָט טאַקע אין יענע קרייזען נאָך דאַן נישט איינגעפלאַנצט אין דער יוגענט קיין האס צו אידישע למודים, אָבער

*) ער האָט דאָ געענדערט זיין נאָמען אויף פאָזערט.

עס איז געווען דער האַס צו דעם „זשאַרגאָן" און צו דעם אידישען בית המדרש־לעבען, וואָס מען האָט געהאַלטען פאַר בטלנות און פאַנאַטיזם. די יעניגע, וואָס ווילען אויסטייטשען פון דר. פּאָז־נאַנסקים שפּעטערדיגען ציוניזם און פון זיינע שפּעטערדיגע טיילווייז ציוניסטישע דרשות, אַז ער איז כל ימיו געווען אַ נאַציאָנאַל־געשטימטער איד, ווען צו דעם קיין באַשטימטע באַווייזען נישט קאָנען ברענגען, כאָטש דר. פּאָזנאַנסקי איז געווען פון די ערשטע, וועלכער האָט זיך אָפּגערופען אין יאָר 1897 אויף דעם רוף פון דר. טעאָדאָר הערצל אָנטייל צו נעמען אין ציוניסטישען קאָנגרעס. דאָס וואָס ער איז נישט געגאַנגען אין די וועגען פון אַסימילאַציע, איז געווען נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט זיך שטענדיג פאַרנומען מיט תורה און חכמה, און דאָס האָט אים אויסגעהיטען פון פאַרקערעווען זיך פולשטענדיג אין זייער לאַגער.

דער, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט זיינע רעדעס אין דער ווארשעווער סינאַגאָגע און זיין בהדרגהדיגען איבערגאַנג צו די עפּענטלאַכע אידיש־געזעלשאַפטלאַכע ארבעטען, האָט געקאָנט באַמערקען, ווי דער גרויסער גאון קאָכט זיך איבער אין אידישען קעסעל. די פרייע אידיש־נאַציאָנאַלע ווינטען באַאיינפלוסען אים. ער הייבט אָן ארויסקומען פון זיינע וויסענשאַפטס־קרייזען, וואו ער פלעגט זיך נאָר צוזאמענקומען מיט געלערנטע, אָריענטאַליסטען, אידישע ווי נישט אידישע, און געלערנטע אויפן געביט פון חכמת ישראל, וואָס פלעגען קומען פון אנדערע לענדער אים צו באַזוכען. ער הייבט ביסלאַכווייז אָן צו באַקומען דעם גלויבען, אַז די טיילען אידען, וואָס טראָגען אויפריכטיג דעם עול פון דער תורה, און די נאַציאָנאַלע אידען, וואָס גלויבען טיף און ערנסט אין דער אידישער אויפלעבונג, זענען די, וואָס אנטהאַלטען אין זיך די יסודות פון דעם אידישען פאָלקס־קיום, און ער הייבט אָן פּראַקטיש צו העלפען זיי אין דער דאָזיגער גרויסער נאַציאָנאַלער ארבעט.

פאר מיר איז באזונדערס אינטערעסאנט דער פאקט, וואס ער פלעגט קיינמאל נישט רעדען קיין אידיש, נאר פויליש, און מיט די, וואס האבען מיט אים דוקא גערעדט אידיש, האט ער גערעדט דעם טיפען דייטש. אבער מיט דעם נייעם אנקומענדען נאציאנאלען שטראם הייבט ער אן רעדען אידיש, וואס ער האט געקאנט מיט אלע פאלקסטימלאכע אידיאמען. דאס איז נישט געווען קיין איבערגאנג צו א וואכענדיגער שפראך, נאר א נאטיר־לאכע ערשיינונג, וואס קאן אפשפיגלען א מענשענס נשמה מער ווי אנדערע שווער־געוויכטיגע פאקטען און באווייזען.

דר. פאזנאנסקי האט געהאט אלע אייגענשאפטען, אלע וואונ־דערבארע מעלות פון דעם טיפ גרויס־שטאטישען רב, וואס נאר איינצעלנע פון זיי האבען מיר געהאט אין פוילען. ער איז געווען דער גרויסער געלערנטער, דער לינגוויסט, דער אריענטאליסט, דער וויסענשאפטסמאן פון דעם אומגעהויערען פארנעם מיט וועמענס אפהאנדלונגען אלע גרויסע ענציקלאפעדיעס האבען זיך באנוצט. דערביי איז ער געווען דער בעל הוראה, וועמען קיין שום הלכה איז נישט פרעמד געווען, דער למדן מופלג, וואס ווען ער וואלט געגאנגען אויף די וועגען, וואס פירען פון ישיבה צו ישיבה, באהויכט מיט אלגעמיינער וויסענשאפט, וואלט ער מיט זיין צניעות, מיט זיין באשיידענהייט, מיט זיין עטישער באציאונג צו מענשען, מיט זיין איינגעבוירענעם טאקט און נאבעלען כאראקטער, געווען דער פארטזעצער פון דעם רבנות אין ווארשע וועלכעס עס האבען געטראגען אין פארלויף פון א גאנצען דור אזעלכע רבנים ווי ר' בעריש מייזעלס, דאס רבנות וואס האט זיך געצויגען ביז ר' יאקעלע געזונטהייט.

עס איז נישט קיין צופאל, וואס א שטיקעל צייט פאר זיין טויט האט מען אנגעהויבען רעדען אין ווארשע גאנץ ערנסט וועגען אויפנעמען אים אלס רב הכולל פון דער שטאט ווארשע. ער האט

דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטען אויף אַ מערקווירדיגען אופן. ווען איך זאָג אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען, מיין איך נישט אין קענטעניש, נאָר אין דעם צוגאַנג צו דער אידישער הלכה. מען האָט זיך שוין דעמאָלט געקאָנט מאַכען אַ באַגריף ווי אַזוי עס וואָלט אויסגעזען די סביבה, ווען ער וואָלט געווען דער רב הכולל, אָפּגעזען פון זיינע איבעריגע טיטולען, אַלס דער גרויסער וועלט-געלערנטער.

די וואַלען צו דער אידישער קהלה זענען אין יאָר 1917—1918 איינגעטיילט געוואָרען אין קוריעס. די וואָס האָבען געהאַט אַן אוניווערסיטעט דיפּלאָם האָבען געהערט צו דער ערשטער קאַטעגאָריע און האָבען געקאָנט וויילען אַ געוויסע צאָל דאַזאָרעס; און די סתם-וויילער, דער דורכשניטלאַכער עולם, האָט געהערט צו אַ צווייטער קאַטעגאָריע. די רבנים האָבען אויך געהערט צו דער ערשטער קאַטעגאָריע און ווייל די אָרטאָדאָקסיע האָט געוואָלט האָבען אַ סך וויילער פון דער ערשטער קאַטעגאָריע, האָט זי פאַרלאַנגט, אַז די יעניגע, וואָס זענען נישט קיין אָפיציעלע רבנים, נאָר זיי קאָנען אַזויפיל לערנען, אַז לויט זייער קענטעניש זענען זיי בעלי הוראות, זאָלען אויך אריינגערעכענט ווערען צו דער ערשטער קאַטעגאָריע.

ארויסצוגעבען אַטעסטאַטען די יעניגע, וואָס זענען בעלי הוראות זענען באַשטימט געוואָרען איניגע וואַרשעווער רבנים, צוזאַמען מיט דר. פאָזנאַנסקי. פון דער ערשטער מינוט אָן האָט דר. פאָזנאַנסקי באַקומען די אויבערהאַנט אין די שאלות, וואָס מען האָט געשטעלט יעדען עקזאַמינירטען, און ווען די רבנים צוזאַמען מיט דר. פאָזנאַנסקי האָבען זיך גענומען מפלפל זיין, האָבען זיך ווי אָפּגעטיילט פון אים דער הארטער הוט פון קאָפּ און די קורצע מלבושים, און עס האָט זיך געדאַכטען, אַז דאָ זיצט על כסא רבנות דער גאון הדור מיט דעם גרויסען שטריימעל, מיט דער ציכטיגער זיידענער יופּיצע, באַשיינט מיט די בלאָנד געקרייזעלטע פאות. זיין פּנים

האט געהאט דאס איידעלקייט פון א רב א ירא שמים, עס איז געלעגען ווייכקייט אין יעדען שטריך פון זיין געזיכט און דאס קליינע בערדל איז ווי אויסגעוואקסען און האט באקומען דעם אנבליק פון די בערד פון די אנדערע רבנים, וואס זענען געזעסען נעבען אים.

דער שמועס איז אנגעגאנגען אויף אידיש. און דער הארציגער געשפרעך געמישט מיט תורה־ווערטלאך, זאצען פון תנאים, באמער־קונגען און פארטייטשונגען פון שאלות ותשובות האבען מיט יעדער שטונדע דר. פאזנאנסקין דערהויבען צו דער מדרגה פון א מרא דאתרא, וואס האט אלע אייגענשאפטען צו זיין אין היינטיגען דור דער פאסטוך איבער דער גרויסער עדה. א צווייטער פאזנאנסקי איז דאן ערשינען אין דער אידישער עפענטלאכקייט. עס איז פאשוואונדען דער פריידיגער און עס איז ארויסגעשוואומען דער רב, דער וואס האט לויט זיינע גאונישע ארבעטען אויפן געביט פון חכמת ישראל זיך געקאנט רופען צווישען פאלק לויט דעם נאמען פון זיינע ווערק, ווי מען האט למשל געוואוסט דעם נאמען פון „חמדת שלמה". ווען דר. פאזנאנסקי וואלט געגאנגען אויף דעם וועג פון רבנות, וואלט מען אים זיכער גערופען דער גאון ר' שמואל.

די רבנים, וואס האבען צוזאמען מיט אים ארויסגעגעבען די אטעסטאטען אויף התרות הוראה, האבען אין אים געפונען אן אומ־ערשעפלאכען קוואל און די קהל שטוב פון דער ווארשעווער גמינע, וואו די לומדים זענען אויסגעפרעגט געווארען, איז פארוואנדעלט געווארען אין א פרדס, וואו מען האט געדרשנט מיט גרוים בקיאות איבער יעדען אות פון דער תורה און איבער הונדערטער מאמרים פון די חז"ל און דעם אויבען אן האט פארנומען דר. שמואל אברהם פאזנאנסקי.

דאס, האב איך געזאגט, זענען געווען די טעג פון עקזאמען, ווען דר. פאזנאנסקי האט באוויזען, אז ער איז ווערט צו זיין דער

רב הכולל פון דער גרעסטער אידישער קהלה אין אייראָפּע. אָבער שפּעטער, ווען ער איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען אַלס קאַנדידאַט פאַר דעם אַמט, האָבען אָבער די פרומע אידען נישט געקאָנט שלום מאַכען מיט דעם געדאַנק, אַז דער פריידיגער פון דער איין און איינציגער קאָר־שול אין וואַרשע זאָל ווערען דער רב הכולל. עס איז פאַר זיי געווען אַ צו גרויסער שפּרונג. זאָגאַר די ערלאַכערע, וואָס האָבען געקאָנט אָפּשאַצען דר. פאָזנאַנסקים גרויסקייט אַלס רב, האָבען מורא געהאַט פאַר די חסידישע מאַסען און עס האָט אויסגעבראָכען אַ קאַמף געגען אים. דאָס האָט דר. פאָזנאַנסקין שטאַרק וויי געטאָן. ער איז געווען דער מאַן פון גרוים פשטות. דאָס קהל לעבען האָט ער נישט געקענט פון די שלעכטע ווינקעלאַך. האָט עס אים געקרענקט און ער איז אַרוים מיט זיין וואָרט, אַז ער וויל נישט פאַרנעמען די שטעלע אַלס רב הכולל. ער איז שוין דאַן געווען קראַנק און צעבראָכען. די ביטערע וועלט־מלחמה און דער קאַמף פאַר דעם טאָג־טעגלאַכען לעבען (נישט קוקענדיג אויף זיין אָנגעזעענער שטעלע) האָבען אים אויסגעמאַטערט. מענשען זענען אין יענע צייטען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין חיות. יעדער האָט זיך באַהאַלטען אין זיין ווינקעל, אין זיין הייל. און די רייכסטע בעלי הבתים, אמת, אַ טייל פון זיי שוין דאַן יורדים, האָבען דעם וויכטיגסטען, דעם גרעסטען אידישען געלערענטען געלאָזט כמעט הונגערען. אָבער וועגען דעם איז מען ערשט שפּעטער געוואויר געוואָרען. דר. פאָזנאַנסקי האָט דאָס אין זיין באַשיידענהייט זעלבסטפאַרשטענדלאַך קיינעם נישט דערציילט.

דאָס טאָג־טעגלאַכע לעבען האָט אים אַלזאָ דערדריקט, און ווען נישט די שווערע אומשטענדען אין דעם אידישען קרייז, וואָלט ער אפשר נאָך איצט געלעבט און ווייטער באַרייכערט די גאַנצע אידישע וועלט מיט זיינע אוצרות, וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט אין זיך.

3.

פארשיידענארטיג, פארביג־רייך איז געווען די טעטיגקייט פון ד"ר. פאזנאנסקי. זיין ליטעראריש־וויסענשאפטלאכע ארבעט קאן מען איינטיילען אויף פארשיידענע פעריאָדען און יעדער איינציגער פאָדערט א באזונדערען שטודיום און באזונדערע אויפמערקזאמקייט. האָט ער דאָך אין זיין לעבען אָנגעשריבען 784 וויסענשאפטלאכע ארטיקלען — אייניגע פון זיי זענען גרעסערע ווערק, אויף וועלכע ער האָט געארבעט יארען לאנג *) צו דעם איז נאָך צוגעקומען זיין טעטיגקייט אויף דעם געזעלשאפטלאכען פעלד, וואָס איז געווען פארבונדען מיט זיין ליטעראריש־וויסענשאפטלאכער ארבעט. מיט דעם אויסברוך פון דער מלחמה הייבט ער זיך אויך אָן באטייליגען אין דעם טאָג־טעגלאכען כלל־טוערישען לעבען.

צו די וויכטיגסטע אויפטואונגען זיינע געהערט באזונדערס דאָס אויסברייטערען פון דער ביבליאָטעק אין דער סינאגאָגע. אין ווארשע האָבען זיך בסך הכל געפונען צוויי אידישע ביבליאָטעקען,

*) אין דער ביאָגראפיע איבער ד"ר. פאזנאנסקי גיט ד"ר. מאיר באלאבאן אָן די פאָלגענדע סטאטיסטישע ציפערען:

א) צייט־שריפטען: דייטשע 166 ארטיקלען, פוילישע — 31, פראנצויזישע — 52, ענגלישע — 37, איטאליענישע — 13, אונגאַרישע — 1, העברעאישע — 150, אידישע — 5; ב) ענציקלאָפעדיעס: וויעלקא ענציקלאָפעדיא אילוסטראָוואנא (פויליש) — 217 ארטיקלען, רוסיש־אידישע — 58, ענגליש־אידישע — 11, העברעאישע — 23; ג) פעסט־שריפטען און יאָר־ביכער: דייטשע — 7, העברעאישע — 13, צוזאמען אלע ארטיקלען — 784. דעם ערשטען ארטיקעל האָט ד"ר. פאזנאנסקי געשריבען אין „הצפירה“ אין יאָר 1889 (המשכן והארון). דעם לעצטען — זונטאג, דעם 4־טען דעצעמבער (ג׳ כסלו) 1921 — אין „נאַש קוריער“ (א נעקראָלאָג פאר דעם פּראָפעסאָר גאָלדציהער).

וואו געלערנטע אידען און סתם אינטעליגענטע לעזער האָבן געקאָנט קומען אַמאָל אריינקוקען אין אַ ספר. די קלענערע ביבליאָטעק איז געווען אַן אָפּטיילונג אין דעם קליינעם אָבער וויכטיגען מוזעאום ביי דער וואַרשעווער גמינע. און די צווייטע — די ביבליאָטעק ביי דער סינאַגאָגע. די ביבליאָטעק ביי דער גמינע, וואָס איז נעגרינדעט געוואָרען פון דעם געלערנטען מאַטיאַס בערסאָן, וואָלט געווען אַ גרויסע ביישטייערונג פאַר פילע געלערנטע, ווען זי וואָלט זיך אַנטוויקעלט לויט דעם אָנפאַנג. עס איז אָבער אַלץ דאָרט פאַרשימעלט און איינגעשרומפּען געוואָרען. צום גליק, האָט זיך צו דער ביבליאָטעק פון דער סינאַגאָגע גענומען דר. פּאָזנאַנסקי, וועלכער האָט זי איבערגענומען אין נישט קיין שלעכטער אָרדענונג פון דר. צילקאָוו, (דער איבערזעצער פון תנ"ך אין פּויליש), און זי ביסלאַכווייז פאַרוואַנדעלט אין איינע פון די רייכסטע אידישע ביבליאָטעקען אין אייראָפּע. באַזונדערס איז דאָרט געווען אַ שפע פון אַלטע אידישע ספרים און דר. פּאָזנאַנסקי האָט מיט זיין גאַנצען ערנסט זיך געזאָרגט, אַז דער אוצר זאָל פאַרגרעסערט ווערען. די אַרבעט ביי דער ביבליאָטעק האָט ער אָנגעהויבען מיט דעם ערשטען טאָג, ווען ער איז אָנגעקומען אין סינאַגאָגע, און געאַרבעט פאַר איר אויסברייטערונג ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען.

אין דער מלחמה צייט זעען מיר פּאָזנאַנסקין אין דעם ענגען קרייז פון די נאַציאָנאַלע אידישע כלל טוער און עסקנים. ער נעמט אויך אָנטייל אין פּאָליטישען לעבען, ווערט אויסגעקליבען פאַר אַ מיטגליד אין שטאָט־ראַט, וואו ער ווערט נאָכהער באַשטימט אין איינינע וויכטיגע קאָמיטעס. ער ווערט אַ מיטגליד אין צענטראַל קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער באַשעפטיגט זיך שטאַרק מיט אידישע ערציאונגס־פראַגען, אויף וועמענס געביט ער איז געווען אַ מומחה און ער נעמט אויך אַ גרויסען אָנטייל אין דער הילפס־אַרבעט פאַר די אידען אין פּוילען.

געשטאָלטען

דער וועלט־קריג האָט נישט איין געלערענטען אָפּגעצויגען פון זיין וויסענשאַפטלאַכער ארבעט, און אויך אים האָט עס נישט אויס־געמידען. ער האָט נישט איינמאָל געמוזט לאָזען ליגען אַ נישט פאַרענדיגטען ארטיקעל און געלאָפען צו אַן אסיפה וועגען געבען הילף די נויט־ליידענדע אידען. אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע פירט ער אָן יודאַאיסטישע קורסען פאַר לערער און האלט אין איין פאַרברייטען נייע פּלענער פון אַ ברייטען געזעלשאַפטלאַכען פאַרנעם. ער האָט זיך שוין דאַן אָנגעהויבען פילען שוואַך; עס האָט זיך ביי אים אַנטוויקעלט צוקער קראַנקהייט און פון צופיל אָנשטרענגונג האָט דאָס הארץ אויפגעהערט פונקציאָנירען נאָרמאַל, אָבער ער האָט אויף דעם אַלעמען נישט געקוקט. ביי דער ערנסטער געזעלשאַפטלאַכער ארבעט האָט זיך אין אים ערוועקט אַ נייער כח, און עס האָט זיך ווי אויסגעוויזען, אַז ער הייבט אָן ביסלאַכווייז אַריבערטראָגען זיין גאונות אויף דעם געביט. אַלס אילוסטראַציע צו דעם קאָן דינען זיין ריזיגער פּלאַן צו גרינדען אַ אידישען אוניווערסיטעט אין ווארשע, וועמענס סטאַטוטען ער האָט אַליין געהאָלפען אויסארבעטען און אין יאָר 1918 צוגעשטעלט צו דער רעגירונג.

מערקווירדיג אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, דאָס זיין לעצטער ארטיקעל, עטלאַכע טעג פאַר זיין טויט, איז געווען אַן אָפּהאַנדלונג איבער פּראָפעסאָר גאָלדציהער, זיין נאָענטער קאָלעגע אויפן וויסענ־שאַפטלאַכען געביט, וועלכער איז געשטאָרבען עטלאַכע וואָכען פאַר דאָקטאָר פּאָזנאַנסקי. פּראָפ. גאָלדציהער האָט געהערט צו די בעסטע קענער פון דער אַלט־אַראַבישער ליטעראַטור, וועמענס ענין עס איז אויך דר. פּאָזנאַנסקין נישט פרעמד געווען.

פאַר דעם אידישען פּאָלק איז דער טויט פון די צוויי געלערענטע אַן אומגעהויער גרויסער פארלוסט. זיי וואָלטען זיכער געהאָלפען ברענגען אַ בעסערע פארשטענדיגונג אין די אַראַביש־

אידישע באַציאונגען, וואָס איז אַזוי נויטיג געוואָרען נאָך דעם סאַן רעמאָ באַשלוס. די אידען פון דער גאַנצער וועלט האָבען אָנגעהויבען קוקען אויף ארץ־ישראל לויט דעם אייגענטלאַכען אויסדרוק און די ביידע גרויסע געלערענטע זענען נויטיג געווען פאַר דער ארבעט אין א גרויסען מאַסשטאַב. אָבער נאָכדעם ווי דר. פּאָזנאַנסקי האָט פאַרענדיגט די ביאָגראַפיע פון זיין גרויסען חבר לרעה, פּראָפעסאָר גאָלדציהער, איז ער אַליין אוועק פון דער וועלט, נישט האָבענדיג געזעען די שנעלע אַנטוויקלונג פון דעם נייעם ישוב אין ארץ־ישראל.

די גרויסקייט און פשטות פון דעם גאון הדור, דר. שמואל אברהם פּאָזנאַנסקי, דאָס שטראַלענדע ליכט, וואָס שיינט ארויס פון זיין נשמה, דריקט זיך אויס אין זיין איינפאַכער צואה, וואו אויף יעדען זאַץ ליגט די הייליגקייט פון א גרויסען אידען. אַזוי וואָלט געשריבען דער רב הכולל פון דער שטאָט וואַרשע. די צואה, וועלכע איז געשריבען געוואָרען צוויי יאָר פאַר זיין טויט, לעזט זיך צווישען אַנדערען אַזוי:

„איינס בעט איך דיך: (מיינענדיג זיין פרוי) ערצי די קינדער אין הייסער הינגעבונג און ליבע צום אידענטום, צו אונזער פאָלק ישראל. אָן דעם איז נישט פאַראַן קיין גליק אויף דער וועלט. און איר, ליבע טייערע קינדער, געדענקט, איר זאָלט אייער מוטער און אויך מיין נאָמען האַלטען בכבוד. זייט געטרייע זין און געטרייע טעכטער פון דעם גרויסען פאָלק, וואָס איר געהערט צו אים.

„ווען זיין ליבער נאָמען וועט מיך רופען צו זיך, וויל איך, אַז מיין לויה זאָל זיין גאָר איינפאַך, אָן פאַראַדנע קאַראַוואַנעס, אָן געזאַנג און אָן הספדים. איך וויל קומען צו קבר ישראל אויף דעם זעלבען אופן, ווי ס'איז געשען מיט מיינע עלטערען. נאָר איינס בעט איך, מ'זאָל אַריינטראָגען מיין קערפּער אין דער סינאַגאָגע, וואו איך האָב גע'דרש'נט קנאַפּע 23 יאָר.

געשטאַלטען

אויף מיין מצבה זאָל מען אויפשרייבען פאָלגענדע נוסח:

לולי תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי

פ"נ

הרב, הדוקטור לפילוספיא

ר' שמואל אברהם ב"ר יצחק יעקב פאָזנאַנסקי

רב ודרשן בבהכ"נ הגדול ברחוב טלאמצקי

נולד בלובראניץ ב"נ תשרי תרכ"ה

נפטר ב — — — — — — —

ת"נ"צ"ב"ה.

דר. פאָזנאַנסקי איז געשטאָרבען שבת, דעם צווייטען דעצעמ־בער, 1921. מיט זיין טויט איז אויסגעלאָשען געוואָרען א גרויס ליכט. אזעלכע גרויסע גייסטער באווייזען זיך איינמאָל אין יאָר־הונדערטער, און די גרויסקייט באשטייט אין דעם, וואָס זיי לאָזען איבער גייסטיגע שפייז אויף ווייטערע יאָרהונדערטער ביז א צוויי־טער, אן אויסערוויילטער, באווייזט זיך אום פאָרטצוזעצען די מלאכת הקודש, וואָס זאָל דינען פאַר א לייכטטורם לדור דורות.

דר. לודוויג לאַזאַרוס זאַמענהאָף

ד״ר ל. זאמענהאָף

דר. לודוויג לאַזאַרוס זאַמענהאָף

אין יאָר 1923 איז אין נירעמבערג (דייטשלאַנד) פאָרגעקומען צום ערשטען מאָל נאָך דער לעצטער גרויסער וועלט־קריג דער אינטערנאַציאָנאַלער עספעראַנטאָ קאָנגרעס, אויף וועלכען עס זענען געווען פאָרטראָטען פאָרשטייער פון 43 לענדער. דאָס איז געווען דער ערשטער עספעראַנטאָ קאָנגרעס נאָך זאַמענהאָפס טויט. אויף יענעם קאָנגרעס זענען געהאַלטען געוואָרען איינדרוקספולע רעדעס לכבוד דעם פאָטער און שאַפער פון דער שפּראַך עספעראַנטאָ, דעם ביאַליסטאָקער איד, דר. לאַזאַרוס לודוויג זאַמענהאָף, וועלכער איז געשטאָרבען אין דער צייט פון קריג אין וואַרשע. די פאָרשטייער פון אַזוי פיל פעלקער און נאַציאָנען האָבען נישט בלויז דורך זייערע רעדעס, נאָר דורך זייער צוזאַמענקונפט זעלבסט, אויסגעהאַמערט פאַר דער גאַנצער עפענטלאַכקייט די גרויסקייט פון דר. זאַמענהאָפס אידעע.

ווען איך פלעג טראַכטען וועגען דר. זאַמענהאָף, האָבען מיך שטענדיג מער אינטערעסירט די מאָטיווען, וואָס האָבען געבראַכט דעם ביאַליסטאָקער אידען צו שאַפען אַ וועלט־שפּראַך, ווי די שפּראַך זעלבסט. כאָטש עס וואָלט אויך געווען וויכטיג זיך אָפּצושטעלען אויף זיינע גרויסע געניאַלע פעאיגקייטען אַלס שפּראַך־פאָרשער און פילאָלאָג.

דר. זאַמענהאָפען האָט געצויגען צו פילאָלאָגיע נאָך פון זיין פריער יוגענט אָן. ווען ער איז געווען אַ סטודענט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, שטודירענדיג מעדיצין, האָט ער שוין פלייסיג געלערענט פאַרשיידענע אייראָפּעאישע שפּראַכען, און ער האָט שפּעטער אַליין דערציילט, אַז שוין דעמאָלט האָט ער געהאַט דאָס

פאַרגעפּיל, אַז מיט יאָרען שפּעטער וועט דאָס איִם צונוץ קומען צו אַ גרויסער וויסענשאַפטלאַכער אַרבעט.

די פעאיגקייט גרינג און גרינטליך צו ערלערנען פרעמדע שפּראַכען האָט דר. זאַמענהאָף זיכער גערשנט פון זיין זיידע פאַביאַן, און פון זיין פאָטער מאַרקוס, וועלכע זענעןביידע געווען לערער פון דייטש און פראַנצויזיש. זיי זענען בכלל געווען פּראָמינענטע פּערזאָנען און האָבען אין זייער צייט אַ גרויסע ראָלע געשפּילט אין ביאַליסטאָק און זיין פאָטער אויך אין ווארשע, וואו ער האָט געוואוינט פון יאָר 1873. זיין פאָטער מאַרקוס איז בכלל געווען אַ באַגאַבטער מענש. ער האָט אָנגעשריבען איינינע טעקסט ביכער און האָט אויך געשריבען העברעאישע אַרטיקלען אין פאַרשיידענע זשורנאַלען. און ווי ווייט עס האָט דערגרייכט זיין אויסערגעווענלאַכע פעאיגקייט, באַווייזט דער פאַקט, וואָס נאָך מיט 50 יאָר צוריק איז ער געווען אַ פּראָפעסאָר אין „וועטערינאַרני אינסטיטוט” אין ווארשע און איז באַשטימט געוואָרען אַלס איינער פון די דריי שטאַטישע ראַטגעבער. די ירושה איז אַלזאָ געווען זייער אַ שיינע, אָבער פיל מער האָט געווירקט אויף לודוויג זאַמענהאָף זיין אייגענער דראַנג צו באַקענען זיך טיפער און ערנסטער פון זיינע עלטערען מיט דעם מהות פון אידענטום.

דר. זאַמענהאָף, דער שאַפער פון עספּעראַנטאָ, איז אין באַצוג צום אידישען פאָלק געקומען אַ סך נענטער ווי זיינע עלטערען. זיי זענען געווען אַסימילאַטאָרען, באַהויכט מיט די השכלה־באַגריפען פון יענער צייט, וואָס האָבען געלויטעט, אַז מען דאַרף די אידען געבען אַלגעמיינע בילדונג און דורך דעם זיי אַרויספירען אויף די נייע און ברייטע וועגען פון דער מאָדערנער וועלט. אָבער לודוויג זאַמענהאָף האָט זיך פון זיין פריער יוגענט אָן אַרומגעטראָגען מיט אַ וועלט, וואָס האָט אין אירע גרונט יסודות געהאַט צו טאָן מיט דעם קיום היהדות. לויט ווי מיר ווייסען איצט, האָט דר. זאַמענהאָף

אויסער שפּראַכען אויך שטודירט און פלייסיג געלערענט חכמת ישראל און אידישע געשיכטע און באַקענט זיך מיט די פאַרשיידענע שטרעמונגען, וואָס זענען אויפגעגאַנגען אין אידענטום אין פאַרשיידענע צייטען פון זיין עקזיסטענץ. דאָס באַווייזט זיין בראָשורע „הילליזם” און זיינע אַנדערע אידישע מעשים. פון די פיל שפּראַכען, וואָס ער האָט געקענט, האָט ער אַממערסטען ליב געהאַט די העברעאישע שפּראַך, וועגען וועלכער ער האָט געחלומט, אַז זי וועט אַמאָל ווערען די וועלט־שפּראַך. ער איז געווען אַ ציוניסט נאָך איידער עס איז געבוירען געוואָרען דער הערצל־ציוניזם און האָט אַליין געגרינדעט אין וואַרשע די ערשטע ציוניסטישע גרופּע „פריינט פון ציון”. ער האָט געלערענט תלמוד און איז געווען באַקאַנט מיט דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור. ווען ער איז שפּעטער, אַלס אויגען דאָקטאָר, געקומען אין באַרירונג מיט די ברייטע אידישע מאַסען און געזען, אַז די הויפּט שפּראַך ביי זיי איז אידיש, האָט ער זיך אָפּגעגעבען פולע דריי יאָר מיט דער אויספאָרשונג פון דער אידישער שפּראַך און אָנגעשריבען די ערשטע גראַמאַטיק. אַ טייל פון דער גראַממאַטיק האָט ער אָפּגעדרוקט אין אַ. ליטווינס מאָנאַטלאַכען זשורנאַל „לעבען און וויסענשאַפט”, וואָס איז ערשינען אין ווילנע. די אַנדערע טייל פון דער גראַממאַטיק איז נאָך ביז איצט געבליבען אין מאַנוסקריפּט. ערשט שפּעטער איז ביי אים אויסגעוואַקסען דער געדאַנק, אַז כדי אַלע מענשען פון דער וועלט זאָלען זיך קאָנען צונויפרעדען, מוז מען שאַפען אַ פולשטענדיג נייע שפּראַך, אַ נייטראַלע — און דאָס איז אים געלונגען אויף אַ וואונדערבאַרען אופן.

מערקווירדיג איז, וואָס פאַר דר. זאַמענהאָף איז שוין געמאַכט געוואָרען אַ שטאַרקער פאַרזוך צו שאַפען אַזא שפּראַך. דאָס איז געווען „וואָלאַפּיק”, וועלכע האָט אין דער צייט, ווען עספּעראַנטאָ איז געבוירען געוואָרען, געהאַט אַ מיליאָן מיטגלידער, וואָס האָבען

זיך מיט איר אינטערעסירט. דער גרינדער פון „וואָלאַפּיק” איז געווען אַ דייטשער גלח מיט דעם נאָמען י. מ. שלייער (געבוירען 1839). יענער האָט זיך אָבער איבערהויפּט געשטיצט אויף דער ענגלישער שפּראַך און די גאַנצע קאָנסטרוקציע איז באַארבעט געוואָרען לויט דער דייטשער גראַמאַטיק און האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטען די פילאָלאָגישע כללים, וואָס זאָל מעגלאַך מאַכען זי זאָל ווערען אַ וועלט־שפּראַך. דר. זאַמענהאָף האָט זיך הויפּט־זעכלאַך געשטיצט אויף די ראָמאַנישע שפּראַכען און ווען די ערשטע בראָשורע איבער עספּעראַנטאָ איז ערשינען, האָט דער נירעמבערגער וואָלאַפּיק־קלוב אָנגעשלאָסען זיך אָן עספּעראַנטאָ און פון דאָרטען האָט זיך עספּעראַנטאָ פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. דעריבער איז טאַקע אין יאָר 1923 פאָרגעקומען דער אינטערנאַציאָ־נאַלער עספּעראַנטאָ קאָנגרעס אין נירעמבערג אַלס אָנדענקונג פון דער ערשטער קליינער גרופּע, וועלכע האָט געוואוסט אָפּצושאַצען די גרויסקייט פון דער נייער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך.

נישט אַזוי לייכט איז דר. זאַמענהאָפען אָנגעקומען, אַז ער זאָל זיין שפּראַך ארויסברענגען פאַר דער עפענטלאַכקייט. ער האָט שוין געהאַט אָנגעשריבען די גראַמאַטיק, פאַרטיג געמאַכט דאָס ערשטע בוך, וואָס האָט אויף אַ פּאָפּולערען אופן געוויזען, ווי אַזוי צו ערלערנען די שפּראַך, אָבער קיין פאַרלעגער האָט דאָס בוך נישט געוואָלט ארויסגעבען. ערשט מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט ער אין יאָר 1888 ארויסגעגעבען די ערשטע בראָשורע, וואו ער האָט זיך אונטערגעשריבען דר. עספּעראַנטאָ, וואָס הייסט אויף אידיש דר. האָפענונגספול.

די עספּעראַנטאָ האָט גלייך געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די שפּראַך־פאָרשער, און אויף די, וועלכע האָבען געגאַרט נאָך אַן אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך. צום ערשטען האָט זיך, ווי דערמאַנט, אָנגעשלאָסען דער נירעמבערגער קלוב, און

שפּעטער, אין 1891, האָט זיך געשאַפֿן דער צווייטער קלוב אין אופּסאַלאַ (שוועדען) און גלייך נאָכדעם אין פּעטערבורג און אָדעס. מיט אַ קליינער צייט שפּעטער האָבן זיך אָנגעשלאָסן פֿראַנקרייך און דענעמאַרק, און אין יאָר 1897 — ברוסעל און שטאָקהאָלם. די ערשטע עספּעראַנטאָ גרופּע האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אין יאָר 1900, אין פּאַריז, און פֿון דאַן אָן האָט די שפּראַך באַקומען טויזענטער אָנהענגער אין אַלע טיילען פֿון דעם ערד־קוגעל. אויך אין קענעדע און אין די פֿאַראייניגטע שטאַטען האָבן זיך געגרינדעט עספּעראַנטאָ קלובען.

ווי ווייט עספּעראַנטאָ איז געווען פֿאַרשפּרייט ביז דעם קריג, באַווייזט דער פֿאַקט, וואָס לויט די ידיעות פֿון 1914, אויף וועלכע איך שטיץ זיך איצט, האָבן זיך געפֿונען איבער דער גאַנצער וועלט 800 עספּעראַנטאָ געזעלשאַפֿטען. עס זענען ערשינען ביז דעם קריג דרייסיג עספּעראַנטאָ זשורנאַלען, צווישען זיי אויך איין סאָציאַליסטישע און איינע אַ רעמאַניש־קאַטאָלישע. אויף עספּעראַנטאָ זענען איבערגעזעצט געוואָרען צענדליגער ווערק פֿון די אָנגעזעענסטע וועלט־שריפֿטשטעלער. דר. זאַמענהאָף אַליין האָט איבערזעצט עטלאַכע דראַמען פֿון שעקספּיר.

דר. זאַמענהאָף האָט זוכה געווען צו זען ווי זיין לעבענס אַרבעט ווערט אַלץ מער פֿאַרשפּרייט און האָט טיף און ערנסט געטרוימט, אַז זי וועט מיט דער צייט זיין דער פֿאַרמיטלער פֿון איין פֿאָלק מיט דעם צווייטען און דער בעסטער מיטעל צו ברענגען פֿרידען אויף אייביג. דר. זאַמענהאָף האָט באַקומען אויסצייכענונגען פֿון די גרעסטע וויסענשאַפֿטס־אַקאַדעמיעס און פֿון די גרעסטע מלוכות אין אייראָפּע. אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען עספּעראַנטאָ קאָנגרעס אין ברוסעל אין יאָר 1913 איז דר. זאַמענהאָף אויפגענומען געוואָרען קעניגלאַך — און אפשר איז דער אויסדרוק נאָך אַלץ נישט דער ריכטיגער — מען האָט דאַן געזאָגט, אַז זיינט

א בשר ודם לעבט, האט ער נאך נישט באקומען אזא אויפנאמע, וואס איז געווען אן אויסדרוק פון פארערונג אין נאמען פון צענדליגער פעלקער און מדינות. זיין קארעטע, וואס איז געווען איינגעהילט אין בלומען, איז אין דער צייט פון יענעם קאנגרעס, וואס איז געווען דער לעצטער ביי זיין לעבען געפירט געווארען אן די פערד איבער דער גאנצער שטאט פון טויזענטער פארערער. עס איז געווען דער שענסטער טריאומף־צוג, וואס איז ווען עס איז דורכ־געפירט געווארען פאר א מענשען ביי זיין לעבען און אין זיין אנוועזענהייט.

איך האב געהאט די ערע צו קענען דר. לאזארוס לודוויג זאמענהאף פערזענלאך, ווען ער איז שוין געווען בארימט, און עטלאכע מאל צו פארברענגען אין זיין געזעלשאפט. פיזיש איז ער געווען פון מיטעלוואוקס, א דארער, אן אפגעצערטער, מיט א פאר קליינע אויגען, וואס האבען צייטענווייז אויפגעלויכטען מיט א געהיימען גלאנץ. צו גיין צו אים פון מיין היים איז ניט געווען ווייט, ווייל ער האט געוואוינט אין דער סאמער אידישסטער געגענט פון דעם אידישען קווארטאל אין ווארשע, אויף דזיקע 9. אלס בארימטער אויגען־דאקטאר האט ער אין דער היים גענומען ווייניגער באצאלט, ווי פיל קלענערע דאקטוירים פאר אים. זיינע פאציענטען זענען אין רוב געווען עמיגראנטען, וואס זענען געפארען קיין אמעריקע און האבען זיך ביי אים פאר צוויי גילדען געלאזען אונטערזוכען די אויגען, צי זיי האבען ניט קיין טראכאמא. ווען ער האט אויסגעפונען, אז איינער האט יא טראכאמא, האט ער אים שוין נישט אפגעלאזט, ביז וואנען ער האט אים אויסגעהיילט, אן געלט, צי מיט געלט — דאס האט אים ניט געקימערט. מיט די פאציענטען האט ער ווייניג גערעדט און הונדערטער פון זיי האבען זיכער נישט געוואוסט, אז דער דאקטאר, וואס קוקט זיי אזוי קונסטפול אין די אויגען, איז א וועלט־בארימטקייט.

איך האָב אַמאָל געפרעגט דר. זאַמענהאָף, פאַרוואָס ער וואוינט אַזוי אָרים, אין דער צייט, ווען ער קאָן אויך האָבען אַ רייכע קונדשאַפט, ווען ער זאָל וואוינען אין אַ שענערער געגענט און דר. זאַמענהאָף האָט מיט תמימות געענטפערט: „פאַר צוויי אורזאַכען: איך האָב ליב די אָרימע און בין אַליין אָרים". און דער אמת איז, אַז ער האָט זיך ביי זיין גאַנצען לעבען נאָך קיין רייכקייט ניט געיאָגט. זיינע מתנות, וואָס ער האָט באַקומען אַלס אָנערקענונג פאַר שאַפען עספּעראַנטאָ, האָבען טאַקע באַטראָפען עטלאַכע צענדליג טויזענט דאָלער, ווייל אַ סך פון זיי זענען באַשטאַנען פון גאָלד אָדער זילבער באַזעצט מיט טייערע עדעל־שטיינער, אָבער דאָס וועט ער דאָך נישט גיין פאַרקויפען. און ווי מאָדנע קלינגט עס, אַז דער, וואָס איז געוואָרען פון דער גאַנצער וועלט פאַרערט און האָט באַקומען די טייערסטע מתנות פאַר זיין רייכער גייסטיגער אַרבעט, האָט זיין גאַנץ לעבען געלעבט בוכשטעבלאַך אָרים.

פון די פאַרשיידענע געשפּרעכען, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט, ווען עס איז מיר געלונגען, אַז ער זאָל רעדען וועגען זיין לעבענס־ווערק — ער האָט ווייניג גערעדט וועגען דעם, צוליב גרויס עניוות — האָב איך אַרויסבאַקומען דאָס פאָלגענדע, וואָס איך וואָלט וועלען באַזונדערס אונטערשרייכען.

דער געדאַנק צו שאַפען אַן איינהייטלאַכע שפּראַך פאַר אַלע פעלקער איז נישט געקומען צו אים בלויז צוליב דעם, ווייל ער האָט געירשנט די נייגונג צו ערפאָרשען שפּראַכען, נאָר אויך דערפאַר, ווייל קענענדיג גוט די אידישע נביאים, קענענדיג גוט די אידישע געשיכטע, האָט ער יאָרען לאַנג געטראַכט ווי אַזוי צו פאָרמען דעם שליסעל, וואָס זאָל פאַראייניגען אַלע פעלקער. אין זיינע יונגע יאָרען האָט ער געטרוימט, אַז העברעאיש וועט אַמאָל ווערען די פאַראייניגונגס שפּראַך פאַר אַלע פעלקער. די אידעע

איז ביי אים, ווי געזאָגט, אויפגעגאַנגען צוזאַמען מיט זיין צוקומען צום ציוניזם, און ער האָט געחלומט עס זאָל מקוים ווערען דער „כי מציון תצא תורה". נאָר שפּעטער האָט ער באַגריפען, אז איין פאָלק אליין וועט די וועלט ניט צונויפברענגען און פירען זי צום ברעג פון פרידען און גערעכטיגקייט. מיט דער שאַפונג פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער שפּראַך עספּעראַנטאָ, האָט ער דעריבער געבאַנט א נייעם וועג — איין שפּראַך פאַר אלע, „שפה אחת לכלנו", ווי ער האָט עס מיר געזאָגט אין העברעאישען טעקסט.

ביי א צווייטער געלעגענהייט האָט ער ערקלערט, פאַרוואָס עס ציט אים שטענדיג צו די אָרימע, און אז ער אליין קאָן נישט זיין רייך, ווייל „איך האַלט — האָט ער געגעבען צו פאַרשטיין מיט זיין שטילען האַרציגען, אינטימען טאָן — אז נישט נאָר איין שפּראַך פאַר אלע נאָר אז עס דאַרף אויך זיין ,כיס אחד לכלנו' ", ציטירענדיג ישעיהו הנביא. דאָס באַווייזט דייטלאַך, אז דער געניאַלער דר. זאַמענהאָף האָט געוועבט אין זיין רייכער פאַנטאַזיע דעם אַלטען טרוים, וואָס אונזערע נביאים האָבען אַזוי הערלאַך געמאָלען מיט די שענסטע בונטע פאַרבען.

זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אז דער געדאַנק צוזאַמען מיט די איבעריגע אייגענשאַפטען אלס פילאָלאָג, האָט אים צוגעהאָלפען, אז ער זאָל קאָנען שאַפען א שפּראַך, און אז אויף דעם קאָנגרעס אין נירעמבערג זאָלען זיך צוזאַמענקומען נאָך אזא מוראַדיגען וועלט־קריג פאָרשטייער פון 43 נאַציאָנען.

2.

וואָס ווייטער, וואָס מער מיר זעען דר. זאַמענהאָף אין דער פּערספּעקטיווע, אַלץ מער הייבט ער אָן פאַר אונז אַרויסשיינען פון זיין באַהעלטעניש. ערגעץ אויף א ירידגאַס אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע איז געזעסען א איד, געטאַפּט און געקוקט אין

מענשלאכע אויגען און הינטער די ווענט פון זיין ענגען מעדיצינישען קאבינעט זענען געלעגען אנגעווארפען ספרים אויף אלערליי שפראכען און אויף פילע זענען געווען צוגעשריבען קאמענטארען און באמערקונגען איבער סתם וועלט געדאנקען. קיינער האט פון אים נישט געוואוסט, קיינער האט פון אים נישט געהערט, און ער האט פון חשכות ארויס ערפונדען א ניי ליכט פאר דורות. ווי מאדנע עס איז אמאל דער שיקזאל פון א מענשלאך לעבען.

אלע שטריכען פון זיין ביאגראפיע באווייזען, אז אין זיין מח האבען זיך געוועבט געדאנקען, וואס זענען געווען פארבונדען מיט דער צוקונפט פון אידענטום. ער האט געקוקט אויף אלץ ארום זיך מיט אידישע אויגען. אזוי זיין זעלבסט־קומען צום ציון־געדאנק און, אלס פילאלאג, זיין נעמען באארבעטען א אידישע גראמאטיק. אינטערעסאנט איז, וואס ער האט געשריבען צו א. ליטווין, ווען ער האט אים צוגעשיקט זיין גראמאטיק, געדרוקט אין יאר 1910, ווייט נאך איידער די אידישע שפראך און די אידישע ליטעראטור זענען ארוים פון זייער ענגען קרייז אין שטח און אין פארנעם.

„מיט 30 יאר צוריק, ווען איך האב מיט א הייסער ליבע געארבעט איבער דער אידישער שפראך, האב איך זיך באמיט ניט צו שאפען עפעס אין איר אדער מאכען פארשלאגען וועלכע עס איז. נאר מיט דעם וועג פון דער אינדוקציע אויסצוזוכען און פעסט־שטעלען אין איר די גראמאטיקאלישע געזעצען, וואס זענען אין איר דא. וואס מער איך האב געארבעט, אלץ מער האב איך זיך איבערציייגט, אז די אידישע שפראך האט שטרענגע און אפט זייער אינטערעסאנטע געזעצען. פעסטשטעלען און וויסען די געזעצען מוז מען, אויב מיר ווילען, אז אונזער שפראך זאל אויפהערען זיין א מיש־מאש, א זשארגאן, און זאל ווערען א ריכטיגע שפראך; אז אלע זאלען איר באנוצען גלייך און ספקות, ווייל אנשטאט צו

בלאָנדזשען אין דער פינסטער, וואָלט יעדערער פינקטלאך געוואוסט, וואָסער פאָרם איז אַ ריכטיגע און וואָסערע ניט.

„מיט איין וואָרט, — שרייבט זאמענהאָף ווייטער, — אונזער שפּראַך האָט שטרענגע געזעצען, פון וועלכע איניגע זענען זייער אינטערעסאַנט. דאָס אויסצוזוכען און פעסטשטעלען אָט די געזעצען — אויף וויפיל דאָס האָבען מיר ערלויבט מיינע שוואכע קרעפטען און מיין ניט גענוגענדע ערפאַרונג — איז געווען דער גאַנצער ציל פון מיין אַרבעט מיט עטלאַכע און דרייסיג יאָר צוריק"...

און אָט אין די פאַרעפענטלאַכטע עטלאַכע פּראָבען פון זיין אידישער גראַמאַטיק, שרייבט ער אגב אזוי:

„איך ליב היים דעם אזוי גערופענעם ,זשאַרגאָן'... מיליאָנען ברידער אונזערע רעדען און וועלען נאָך לאַנג רעדען אויף אים, ניט קוקענדיג דערויף, צי וועלען מיר אַרבעטען פאַר אָדער געגען דעם. דעריבער מוזען מיר זיך מיטן זשאַרגאָן ערנסט רעכענען. פאַר מיליאָנען ברידער אונזערע פאַרבלייבט און וועט נאָך לאַנג פאַרבלייבען זשאַרגאָן און די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור אַלס די איינציגע גייסטיגע שפּייז... דעריבער וואָלט ניט איבעריג געווען צו זאָרגען, אַז די דאָזיגע שפּייז זאָל זיין מער אָדער וויניגער ליטיש, אַז די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור זאָל געוואוינען אונזער מאַסע צו אַ געוויסער ,ליטישקייט', צו אַ סדר, אַז זי זאָל געשריבען ווערען ניט ווי ,ועמען עס וועט זיך פאַרוועלען', נאָר איינהייטלאך, ריין און ריכטיג, לויט די אמתע כללים פון אונזער שפּראַך...

„יאָ, לויט די כללים פון דער זשאַרגאָנישער גראַמאַטיק, וואָרים ניט נאָר די שפּראַך, פון וועלכער האָטענטאָטען אָדער אוסטראַלישע פּראַים האָט אַ גראַמאַטיק, נאָר — ווי משונה ווילד דאָס קאָן דאָך קלינגען פאַר פילע אידען — די שפּראַך פון די אידען האָט אויך איר גאַנץ באַשטימטע און שטרענגע גראַמאַטיק. אַנדערש,

פאַרשטייט זיך, קאָן עס ניט זיין, וואָרים אויב ניט, וואָלט דאָך איין איד דעם צווייטען ניט פאַרשטאַנען. נאָר די קנעכטישע זעלבסטערנידערונג ברענגט אונז דערצו, מיר זאָלען כסדר איבער־חזרן די נאַרישע פראַזע, אַז די שפּראַך פון די אידען איז כלומרשט „אַ זשאַרגאָן אָן אַ גראַמאַטיק" און ברענגט אונזערע זשאַרגאָנישע שרייבער דערצו, זיי זאָלען מיינען, אַז אידיש קאָן מען שרייבען ווי מוויל און וואָס ווייטער מטרעט אָפּ פון דעם אמתן פאָלקס־זשאַרגאָן, איז די שפּראַך אַליין מער פאַרשטענדלאַכער און... ריכ־טיגער.

„פאַר דער מאַסע אונזערער ווערען אַנדערע שפּראַכען לאַנג נאָך פאַרבלייבען ניט צוגענגלאַך און זי וועט מוזען לייענען נאָר אין אידיש. טאָ זאָל זשע לכל הפחות איר לייענען נישט פאַרפאַלען גיין צוליב דער אָפּגעלאָזענהייט פון אונזערע פּראָפעסער און זאָל זי זיך ביסלאַכווייז אויסלערנען באַנוצען זיך מיט איר שפּראַך רעגעלמעסיג און דעמאָלט וועט אידיש זיין פונקט אַזאַ מעכטיגער פאַקטאָר פון ציוויליזאַציע פאַר אידען, אַזוי ווי פאַר יעדען ניט אידען, וואָס קאָן קיין אַנדער שפּראַך ניט נאָר זיין מוטער־שפּראַך.

„צווישען אידען זענען דאָ פיל, וואָס פאַרשטייען קיין זשאַרגאָן ניט, נאָר זיי וואָלטען זיך גערען געלערענט צו פאַרשטיין איר; צווישען ניט אידען זענען פיל פאַראַן אַזעלכע, וואָס וואָלטען זיך ווערען באַקענען מיט דער שפּראַך פון די אידען; נאָר ביז איצט וואָלט אַ מענשען, וואָס וואוינט ניט אין אַ אידישען צענטער, לייכט געווען אויסלערנען די שפּראַך פון אַ וואָסערען אַפריקאַנישען שבט, וואָרים איר גראַמאַטיק איז אים מעגלאַך צו באַקומען; אָבער אויסלערנען די שפּראַך פון מיליאָנען קולטורעלע, וועלט־באַקאַנטע אידען איז לחלוטין אוממעגלאַך. אַ גוטע גראַמאַטיק און אַ לייטיש ווערטער־בוך פון זשאַרגאָן וואָלט ענדלאַך געמאַכט די שפּראַך צוטריטלאַך פאַר יעדען, וואָס פאַרלאַנגט זי אויסצולערנען".

ער האט אין יענער צייט אויך געטראכט וועגען איינפירען, אז מען זאל די אידישע שפראך שרייבען מיט לאטיינישע בוכשטא־בען, אום זי זאל זיך קאנען פארשפרייטען אויך צווישען נישט־אידען, און האט וועגען דער פראגע אנגעשריבען אן ארטיקעל אונטער דעם פסעוודאנים דר. איקס.

זיין לעבענם ארבעט אבער, וואס איז פון גרונט אוים געשאפען געווארען פון א אידיש־אידעאלאגישען שטאנדפונקט, איז אוים־געוואקסען געווארען צו א וועלט־טאט, וועלכע זיין אייגענע פאנ־טאזיע האט זיך נישט געקאנט אויסמאלען.

וואס א יאר וויטער ווערט עספעראנטא מער פארשפרייט אויף דער וועלט. וואו עס לעבט און באוועגט זיך א קבוץ פון קולטור־מענשען, טיילען זיך אוים גרופען, וועלכע הייבען אן לערנען די שפראך. און עס גלויבט זיך ערנסט, אז עס איז נישט ווייט די צייט, ווען מען וועט לערנען די שפראך פון „האפענונג" אין אלע שולען, אום עס זאל ווירקלאך דינען אלס א פארשטענדיגונגס מיטעל, אז איינער מיט דעם צווייטען, פון וועלכען לאנד ער זאל נישט קומען, זאל זיך קאנען צונויפרעדען. עס וועט דאן אויפהערען דער מישמאש פון פארשיידענע שפראכען אויף די אינטערנאציאנאלע קאנפערענצען פאר וויסענשאפטס־צוועקען און פאר פאליטישע ענינים.

דר. לודוויג זאמענהאף וועט זיכער אריינגיין אין דעם פאנטעאן פון די אומשטערבלאכע אין דער מענשלאכער געשיכטע און זיין מצבה וועט זיין נישט בלויז פון מארמאר און שטיין מיט עטלאכע ווערטער אין עספעראנטא, נאר זיין ווערק, און די צילען, צו וועלכע זיין שפראך דארף פירען, וועלען זיין אן אייביגער מאנומענט פאר זיין גרויסען אנדענק.

און ווען די קינדער פון דער וועלט וועלען ווערען געלייטערטער, ווען עס וועט אמאל אפגעשאפט ווערען דער ראסען־האס און

פעלקער־צוויסטיגקייטען און מען וועט נישט קיין מורא האָבען, צי דורך שנאה, צי דורך קנאה, צוצושרייבען יעדען פאָלק זיין חלק ביישטייערונג צו דער מענשלאַכער קולטור, וועט מען דעמאָלט ציען א שנור צווישען די נביאים און דר. זאמענהאף און אַלע פעלקער וועלען וויסען, אז די שפּראַך, וואָס וועט אמאָל פאראייניגען פעלקער און נאציאָנען, איז געוועזן די שאַפונג פון א גרויסען אידישען זון, וועמענס פאָלק סהאָט געלייגט מיט טויזענטער יאָר צוריק די גרונט־זייל פון דער מענשלאַכער קולטור בכלל.

אין דער צייט פון קריג האָב איך דר. זאמענהאָפען אויך עטלאַכע מאָל באגעגענט, אָבער מיר האָבען דאַן גאָרנישט גערעדט וועגען זיין לעבענס ארבעט. זיינע אויגען און זיין שרעקלאַך טרויעריג געזיכט האָבען נאָר דערציילט ווי דער מענש בלוטעט און ליידט, צווזעענדיג, ווי די קאַנאָנען, וואָס קלאַפּען איבער זיין קאָפּ, צעשטערען זיין טרוים, (לעבען זיין הויז, וואו ער האָט געוואוינט, זענען געהרגעט געוואָרען עטלאַכע מענשען פון אַראָפּ־געוואָרפענע באָמבעס) און ער האָט דעם קריג נישט געקאָנט איבער־לעבען. אין 1917 איז ער געשטאָרבען אין וואַרשע אין עלטער פון 58 יאָר.

אינטערעסאַנט איז, און אפשר אויך טראַגיש, וואָס צו זיין לויה, וועלכע איז ניט געווען קיין גרויסע, זענען אויסער די עספּע־ראַנטיסטען פון פוילען אויך נאָכגעגאַנגען א רייע דייטשע מיליטער לייט (פוילען איז דאַן געווען אין די הענט פון די דייטשען), וועלכע האָבען אין זייער היימלאַנד געהערט צו די איינפלוסרייכסטע עספּע־ראַנטאָ גרופּען. און אויף דעם וואַרשעווער בית עולם האָט אים צווישען אַנדערע אויך מספּיד געווען א דייטשער גענעראַל אין אַן אייזערנער העלמע אין נאָמען פון די דייטשע עספּעראַנטיסטען.

פירער און קעמפער

ד״ר חיים ווייצמאן

פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן

דר. **טעאָדאָר הערצל**, דעם גרעסטען אידישען פירער אין אונזער לעצטען דור, און אפשר אין דורות, האָב איך פּערזענלאַך נישט געהאַט די זכיה צו קענען, אָבער פון מיין פריער יוגענט אָן, האָב איך אים אויסגעטרוימט אין מיין גערדאַנק. איך האָב געזען פאַר זיך אַ הויכען אידען, מיט אַ לויטער געזיכט און צוויי לויכטענדע אויגען, וועלכע האָבען אַרויסגעבליקט פון אונטער זיינע שוואַרצע ברעמען. אויף זיין שטערען שפּרייט זיך דער טרויער פון מיין פאָלק, אָבער זיין בליק גלעט און היילט די פאָלקס־וואונדען.

ווען הערצל איז געשטאָרבען און איך האָב דערהערט די טרויער־בשורה — איך בין נאָך דאַן גאָר יונג געווען — האָב איך אַ טרוים געהאַט, אַז ער איז אַרויפגעפלויגען אין הימעל אַריין, אָנגעטאָן אין בגדי מלכות; ער איז געפלויגען ווי אַ וויכער, אײַנ־וויקלענדיג זיך אין די פאַרביגע וואָלקען, כדי וואָס שנעלער צו קומען צום כסא הכבוד, מיט דער בשורה, אַז ביים פאָלק פון פעלקער האָבען אָנגעהויבען אויפגליען פונקען אין ליכט פון דער גאולה.

אַז איך בין אַביסעל עלטער געוואָרען און האָב באַקומען אַ באַגריף ווי אַזוי הערצל האָט אויסגעזען אין דער ווירקלאַכקייט, האָב איך צו מיין טיפסטער פרייד ערפאַרען, אַז מיין טרוים וועגען אים איז געווען נאָענט צו דער ווירקלאַכקייט. דער געניאַלער נאָבעלער פירער איז לויט זיין געשטאַלט, האַלטונג, אינערלאַכער און אויסערלאַכער שיינקייט געווען פון דעם מאַטעריאַל, פון וועלכען מען שפּינט אויס אין דורות שפּעטער צויבער־לעגענדען.

געשטאלטען

איז איינגעזאמעלט געוואָרען אונזער פירער, אוועק אין שאָץ פון אונזערע אבות און נישט געלאָזען קיין ממלא מקומו נאָך זיך. צו גרויס געווען, צו הערלאַך לויט זיינע מעשים, צו בולט־געניאל אין זיינע טאטען, אז מען זאל ביי זיין קבר קאָנען אויסרופען מיט א טרויעריגער פרייד: אָט איז ער, דער ממלא מקומו! אונזער פירער איז אוועק אין זיין אייביגער רו, אָבער וואויל איז אונז, ווייל ער האָט געלאָזען תלמידים נאָך זיך, וואָס קאָנען אונז ווייטער פירען.

ניין, הערצל האָט דאָן אזעלכע תלמידים נישט געלאָזען. עס איז בלויז טרויער געווען. עס האָבען געשיינט פונקען דאָ און דאָרט, אָבער א צווייטען הערצל, אָדער א פערזאָן מיט א גרויסען טייל שטריכען פון אים האָבען מיר נישט געהאָט.

האָבען די נעכט געוויינט, און דאָס פאָלק האָט געלעכצט און געבענקט נאָך א נייעם פירער.

איז א פורכטיגער מוראדיגער קריג אָנגעקומען. הימלען, וואָס פאַר א קריג! זינט די וועלט שטייט האָט מען נאָך אזעלכעס נישט געזען. מלוכות זענען אונטערגעגאנגען און מדינות זענען אָפּגע־ווישט געוואָרען אין ימים בלוט. שכנות־פעלקער געגען שכנות־פעלקער, ברידער געגען ברידער און קולטור־מענש געגען קולטור־מענש. א תל איז געוואָרען פון א גרויסער טייל פון אונזער ערד־קוגעל. און נאָך דעם מבול פון בלוט איז אלס צולאָג אויף אונזער פאָלק די גרעסטע בראָך געקומען, די בלוטיגסטע שחיטות, די גרויז־זאמסטע יסורים און נגישות, וואָס אפילו מיר, וואָס האָבען צום מערסטען פון אלע געליטען אין דער מענשלאַכער געשיכטע, האָבען נאָך אזעלכעס נישט געהאָט.

און דורך דעם געדריכטען נעבעל פון בלוט און טרערען איז דערגאַנגען צו אונז א בשורה פון נחמה: עס האָט זיך באוויזען א נייער אידישער פירער. ער שטייט פאַר מלכים און די מאָדערנע

וועלט־שופטים און שרייבט פאַר זיי מיט אַ שטראַלענד געזיכט, ווי עזרא הסופר אין זיין צייט, דאָס נייע ליכטיגע בלאַט אין דער בלוטיגער פינסטערער אידישער געשיכטע. און דערציילט האָט מען אונז, אַז ער גייט אין די פוס־טריט פון אונזערע פאָרגייער. הערצלס גייסט שוועבט איבער אים.

האָב איך מיר גענומען אויסמאָלען אין מיין טרוים, ווי אַזוי ער זעט אויס, דער נייער פירער אונזערער. הויך מוז ער זיין און זיינע ליכטיגע אויגען קוקען אַרונטער צו דער ערד מיט גרויס ענוות; שיין מוז ער זיין, נאָר זיין שיינקייט איז מיט טרויער באַצויגען און דער צער פון זיין פאָלק איז געצייכענט אויף זיין געזיכט; זיין קערפּער איז ווי פון שטאָל געגאָסען, אָנגעגליט מיט פייערדיגען מוט.

מיין טרוים האָט מיך אויך דאָס מאָל אינגאַנצען נישט גענאַרט. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען דר. חיים ווייצמאַן און אים געהערט רעדען, האָט מיין האַרץ אָנגעהויבען שטאַרקער קלאַפּען, איך האָב דערזען אין פילע שטריכען מיין טרוים אויפן וואָר און האָב נאָר שטיל צו מיין פריינט געזאָגט: אָט שטייט ער פאַר אונז, דער גרויסער אידישער פירער, דער צעדער פון אונזער פאָלק.

דערציילט דער תלמוד: אויסער דעם וואָס דער נביא האָט געמוזט באַזיצען אַ שאַרפע צונג אַרויסצוברענגען זיין אמת, האָט ער אויך געמוזט שיין זיין, הויך געבויט און פאַרנעמענד פאַרן אויג, אַז ער זאָל זיך לאָזען זען און זיין אויסזען זעלבסט זאָל באַגייס־טערען. הערצל איז דאָס געווען, כאָטש מיר האָבען היינט נישט קיין נביאים אין פולען זין פון וואָרט, ווי מיר שטעלען זיך זיי פאָר לויט דער ביבעל. דר. ווייצמאַן האָט אויך די שטריכען, וואָס אַ פירער דאַרף באַזיצען: זיין געשטאַלט איז ווי אַ צעדערבוים, זיין שטימע איז ווייך און דורכדרינגענד און דאָס עצבות, וואָס ליגט

אויף זיין געזיכט אויסגעגאָסען, דערציילט פון א טרוים, וואָס הונדערטער דורות פאַר אים האָבען געחלומט.

מיר ווייסען פון וואנען וויצמאַן קומט. מיר ווייסען דעם נאָמען פון דעם פּיטשענדיגען שטעטעלע, וואו ער איז געבוירען. מיר ווייסען ווער זיין טאַטע איז געווען און מיר קענען פּערזענלאַך זיין האַרציגע אידישע מאַמע, וואָס צירט זיך ביי איר לעבען מיט דער קרוין פון איר קאָפּ. מיר ווייסען וואו ער האָט זיך ערצויגען, מיר קענען די שטאָט און ווייסען וואו זי ליגט. מיר קענען יעדען שטעג און וועג. מיר קענען אים פון די צייטען, בעת ער איז געווען אין דער אָפּאָזיציע, בשעת זיין רבי הערצל האָט געלעבט. און דאָך האָט ער זיך צו אונז באַוויזען, ווי א נייער שטערען אויפן אידישען האָריזאָנט. און דאָך דאַכט זיך אונז, אז ער איז צו אונז געקומען ווי א נייער איד, ווי א פרישער גייסט, ערגעץ פון מרחקים, ווי פון א הייל אַרויס, וואו ער איז געזעסען און תורה געלערענט — חכמה ישראל און חכמת העולם — ער זאָל ראוי זיין צו ווערען דער פירער פון אידישען פאָלק אין זיין שווערסטער, וויכטיגסטער, היסטאָרישער צייט.

וואָרים ביז דעם קריג און אפילו באַלד נאָך דעם קריג, האָבען מיר דאָך פון אים אזוי ווייניג געהערט. מען האָט געוואוסט, אז ערגעץ אין ענגלאַנד געפינט זיך איינער מאחינו בני ישראל, וועלכער איז א גרויסער בעמיקער, א פּראָפעסאָר אין אָקספאָרד אוניווערסיטעט, באַקאַנט אַלס ציוניסט. האָבען מיר דען ווייניג אַזעלכע אַלגעמיינע פּראָפעסאָרען מזרע ישראל?

אָבער אז וויצמאַן האָט זיך באַוויזען אַלס פירער, איז עס געווען א נייע וויכטיגע ערשיינונג. נישט די וועלט פּאָליטיק — ווייל ענגלאַנד האָט פאַרנומען דעם אויבען אָן צווישען די גרעסטע פעלקער נאָך דעם קריג — האָט אים אַרויסגעפירט אויף דער אידישער פאָלקס-אַרענע. ער האָט דאָך אין דער ענגלישער

רעגירונגס־פּאָליטיק קיין אַנטייל נישט גענומען; אויך נישט דער־פאַר וואָס ענגלאַנד, דאָס ביבעל־פאָלק האָט באַקומען די מעגלאַכ־קייט לויט דעם מאַנדאַט צו באַזעצען ארץ־ישראל, האָט אים אַ שטוים געגעבען צו ווערען דער גרויסער פירער — איינציגע פּעדים פון דעם האָבען זיכער געהאָלפען — נאָר עס איז געווען ווייצמאַן אַליין, די גרויסע פּערזענלאַכקייט, וואָס האָט געגעבען דעם אויס־דרוק פון דער נישט אויסגעלאָשענער האָפענונג, וועלכע האָט געטליעט אין אידישען פאָלק אין משך פון דורות, די האָפענונג צוריק אויפצובויען אַ נאַציאָנאַלע היים אויף דער אייגענער ערד.

.2

די ביאָגראַפיע פון דר. חיים ווייצמאַן איז ווי פון אַ סך אידישע יונגע לייט אין ליטע און רוסלאַנד: חדר, ישיבה, נאָכהער גימנאַזיום, און אויב דער פאָטער איז געווען אַ שטיקעל משכיל און עס איז דעם יונגענמאַן געלונגען, איז ער אויך אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט. אויף ד ע ם טיפּ אידישען יונגענמאַן איז אָבער אויסגעפאַלען דורכצוטראָגען אומגעהויערע ליידען און אָפטמאָל צו ברענגען קרבנות. ד ע ר יונגערמאַן איז דאָס געווען דער טרעגער פון די פרייהייטס שטרעמונגען, וואָס האָבען אויפגעיורען ביי די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסען. עס זענען געווען ד י יונגע לייט, וואָס האָבען פון זייער פריער יוגענט אָן געהאַט איינ־געוואָרצעלט אין זיך דאָס בעסטע, וואָס איז געווען אָנגעזאַמעלט אין דעם פאַרהאָרעוועטען האָראָפּאַשנעם אידען, דורכגעדרונגען מיט דער התלהבות פון דעם חסיד, וועלכער האָט געפּראַוועט סגופים און געזונגען האַרציגע זמירות.

דר. ווייצמאַן איז געווען דער שענסטער טיפּ פון דעם מין יונגענמאַן. מיר האָבען זיי אין גרופּען היינט, די האַרציגע אידישע

זין, וועלכע האָבען דערגרייכט צו דער מדרגה פון פירער צווישען די אידישע מאסען אין פוילען און רוסלאנד. טייל ארבעטער פירער און טייל נאציאָנאל־אידישע פירער. ווייצמאַן האָט אָבער א חוץ זיין גרויסער מאָס פאָלקסטימלאַכקייט, א חוץ דעם, וואָס ער האָט ווי א שוואָם איינגעזאַפּט אין זיך אַלע ליידען און פריידען פון די אידישע פאָלקס־מאַסען, אויך געהאט געניאַלע פעאיגקייטען, וואָס האָבען ארויסגערופען די באוואונדערונג פון די פּראָפעסאָרען, ביי וועלכע ער האָט געלערענט.

ווען ער איז אַלט געווען 17 יאָר, איז ער שוין אריינגעטראָטען אין בערלינער אוניווערסיטעט, און ווען ער איז נאָך געווען אויפן צווייטען קורס, האָט ער שוין געמאַכט א רושם מיט זיין ערפינדונג „פּורפּורין" — אזא פארב, וואָס האָט אים גלייך בארימט געמאַכט, און זיינע גרויסע לערער האָבען אים פאָראויסגעזאָגט א גלענצענדע צוקונפט.

פון יענער צייט אָן האָט ער אָנגעהויבען שטייגען אין זיין קאריערע אַלס געלערענטער. פון בערלין פאָרט ער קיין פעטערבורג, און נאָכדעם ווי ער ענדיגט דאָרט זיין שטודיום, פאָרט ער אוועק קיין זשענעווע, וואו ער ווערט באשטימט אַלס אסיסטענט פּראָפעסאָר און שפּעטער אַלס פּריוואַט דאָצענט.

אין יאָר 1905 באזעצט זיך דר. ווייצמאַן אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד. ער קען נאָך דאַן זייער ווייניג די ענגלישע שפּראַך, אָבער אָפּזייענדיג דאָרט בלויז 9 חדשים, לייענט ער שוין לעקציעס אין דאָרטיגען אוניווערסיטעט אַלס פּראָפעסאָר פון כעמיע.

אין דעם קפיצת הדרך פון זיין רייכער קאריערע איז דר. ווייצ־מאַן געבליבען דער הארציגער פאָלקס־איד, וועלכער האָט געבענקט נאָך ארץ־ישראל, נאָך א אידישער סביבה, און האָט זיין בענקשאַפט אויסגעדריקט אין הארציגע אידישע לידער, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו זינגען, און אין חסידישע מעשות, וואָס ער האָט ליב געהאַט

צו דערציילען. נאָר אין די לעצטע יאָרען, ווען ער האָט אָנגעהויבען טראָגען אויף זיך די פולע פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל, האָט זיך אָן עצבות צעשפרייט אויף זיין לויכטענד געזיכט: דער גרויסער אידישער פירער לעבט איבער שווערע יסורים, וועלכע צייכענען זיך אויף זיין פנים און אויך זיכער אויף זיין הארץ, וואָס מען קאָן פילען, ווען ער רעדט צו אידישע מאַסען.

ווייצמאַן, דער דיפּלאָמאַט אין פולען זין פון וואָרט, דער, וואָס האָט געקאָנט פאַרטרעטען יעדע גרויסע מלוכה אויף דעם ערד־קוגעל, ווייצמאַן, דער גרויסער געלערענטער, דער ערפינדער, איז צווישען אונז דער איד, וועלכער גייט מיט אונז מיט אין גלות: ער איז דורכגעדרונגען מיט אונזער גלות צער, וואָס איז ביי אונז שוין ווי פארשטיינערט געוואָרען. אַלע באַהאַלטענע קוואַלען פון טרערען, וואָס זענען אָנגעזאַמעלט דורך דורות ליידען פון אונזערע קדושים וטהורים, ליגען אויסגעגאָסען אויף זיין גאַנצען וועזען, ווען ער רעדט. עס פארשווינדט דאַן דער דיפּלאָמאַט, עס פאַלט אוועק דער געלערענטער, אַ נייער קלאָג־נביא שטייט מיט אונז צוזאַמען און וויינט אויף גלות השכינה, אויפן חורבן.

ווייצמאַן, דער איצטיגער פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלאַכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז נישט קיין ניי ערשינענער ציוניסט. ער געהערט נישט צו די, וואָס זענען געקומען אין דער באַוועגונג אריין, ווען זי, די באַוועגונג, איז שוין געווען אין פולען גאַנג. ווייצמאַן איז פון זיין פריער יוגענט אָן אַ ציוניסט. ער איז געקומען צו דער אידעע פון ציוניזם מיטן מאָמענט, ווען אַלץ וואָס ער האָט געלערענט פון תנ"ך איז צעגאַנגען אין זיין גאַנץ וועזען, ווען די אותיות און זאצען פון תנ"ך זענען געוואָרען ביי אים ליכטיגע פערל, וועלכע לייכטען פאַר אים שטענדיג און באַגלייטען אים אין זיין גאַנצען גלאָררייכען לעבענסוועג. ער האָט איינגעזאַפּט די העברע־

אישע שפראַך, ווען ער איז נאָך אַ אינגעל געווען, און איז דורך איר דערגאַנגען צו די גרונט־קוואַלען פון אידישען וויסען, פון וואַנען ער האָט געשעפּט און שעפּט חיות אין זיין אומערמידלאַכען היסטאָרישען קאַמף, וועקענדיג און רופענדיג די אידישע פאָלקסטיילען, זיי זאָלען זיך אליין באַפרייען און העלפען אויפבויען ארץ־ישראל. ווען ער איז געווען אַ אינגעל, ווערט דערציילט וועגען אים, האָט ער שוין איינגעאָרדענט ציוניסטישע אסיפות. ער האָט צוזאַמענגענומען די יונגע לייט אין זיין הויז אריין, האָט זיך ארויפגעשטעלט אויף אַ שטול און געהאַלטען פאַר זיי פייערדיגע רעדעס *). און פון צווייטען קאָנגרעס אָן באַטייליגט ער זיך אין אַלע קאָנגרעסען און אין אַלע ציוניסטישע אסיפות. ער איז געווען איינער פון די גרינדער און שעפער פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און האָט געהאָלפען מאַכען פון איר אַ פאָלקס־באַוועגונג. אַ היסטאָרישע ראָלע האָט וויצמאַן געשפּילט אויפן זעקסטען קאָנגרעס, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אוגאַנדע. וויצמאַן, דעמאָלט דער ראש פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, האָט געפירט די שאַרפסטע מלחמה געגען דעם אוגאַנדע פּראָיעקט און נישט וויינינ שמערצען האָט ער פאַרשאַפען מיט זיין קאַמף דעם שאַפער פון ציוניסטישען קאָנגרעס, דר. טעאָדאָר הערצל. אָבער די אַלע, וואָס האָבען בייגעוואוינט דעם דעמאָלטיגען היסטאָרישען מאָמענט האָבען געוואוסט, אז דאָס איז געווען אַ קאַמף צוליב קדשה: ווי דורך אַ רוח הנבואה האָט וויצמאַן געזען דעם מאָרגען־שטערען, וואָס וועט אויפשיינען איבער די הרי־יהודה.

*) „חולמים ולוחמים" י. יערי (פולסקי) זייט 181.

3.

זינט ווייצמאַן האָט געהאָלפען דורכפירען דעם סאַן רעמאָ באַשלוס און באַקומען די באַלפור דעקלאַראַציע, זינט ער האָט געלייגט דעם ווינקעלשטיין אויפן הר־הצופים פאַר דעם העברעאישען אוניווערסיטעט, וואָס איז שוין איצט אַ רעאַלער פאַקט, זענען לעגענדען געבוירען געוואָרען אַרום אים. טיילען פון די לעגענדען האָבען זיך אַריינגעוועבט אין דעם שווערען לעבען פון די ברייטע אידישע מאַסען, וועלכע האָבען דורכגעמאַכט ביטערע נסיונות נאָך דעם גרויזאַמען קריג, און זענען געווען ווי אַ באַלזאַם אויף די וואונדען פון די ליידענדע אידישע פאָלקס־קינדער.

די זיידענע פעדים פון אַ לעגענדע, וועלכע וועבט זיך אַרום אַ גרויסע פערזענלאַכקייט, ווערען שטענדיג אויסגעפלאָכטען פון די מאַסען אין דעם ליכט פון דער ווירקלאַכער געשעעניש. דער תוכן איז אמת און רעאַל, נאָר ווען די טאַט איז אויסערגעוועהנלאַך גרויס, היסטאָריש מאָנומענטאַל, קומען די פאָלקס־קינדער און פוצען זי אויס אין רעגענבויגענדיגע פאַרבען. זיי נעמען דעם פשוטן פאַקט, וואָס די אינווייניגסטע קערענדלאַך זענען געווען פון היסטאָרישער וויכטיגקייט, און וויקלען אים איין אין גאָלדענע זונען־פאַרבען, אין שטערען־ליכט, און שאַפען פון דעם פאַקט, וואָס וועבט זיך אויס אין אַ לעגענדע, פאַרשיידענע וואַריאַציעס.

צוליב דעם וואָס ווייצמאַן האָט זיין שיקזאַל אַלס ציוניסטישער פירער פאַרבונדען מיט ענגלאַנד, ווערט דערציילט, אַז ווען ער איז קוים אַלט געווען צען יאָר, האָט ער שוין אַרויסגעזאָגט זיין פאַרלאַנג צו וואוינען און שטודירען אין ענגלאַנד. נאָך דעם אוגאַנדע פראָיעקט, וועלכען ווייצמאַן האָט אַזוי שטאַרק באַקעמפט אויף דעם זעקסטען קאָנגרעס, האָט אים זיינער אַ פריינט פאָרגעשטעלט פאַר לאָרד באַלפור (באַלפור איז אין יענער צייט געווען געוועזט

צו דעם אוגאנדע פראיעקט), און עס ווערט דערציילט, אז צווישען ווייצמאן און באלפור איז פארגעקומען פאלגענדער שמועס:

— וואס וואלט איר געדענקט, ווען מען וואלט אייך פארגעלייגט פאריז אנשטאט לאנדאן?

— אבער מיר האבען דאך לאנדאן — האט באלפור געענטפערט.

— יא — האט ווייצמאן ווידער אפגעענטפערט — און מיר האבען געהאט ירושלים, ווען אייער לאנדאן איז נאך געווען א זומפ.

צען יאר צייט האט זיך ווייצמאן נישט באגעגענט מיט לארד באלפור, אבער שוין דער קורצער שמועס א צייט לאנג פאר דעם וועלט-קריג איז געווען דער אנהייב פון דער היסטארישער פארבינדונג צווישען די צוויי גרויסע שטאטסמענער. באלפור האט שפעטער, ווען ער האט זיך ווידער געטראפען מיט דר. ווייצמאן, דעם זאץ גוט געדענקט און אים פארשטאנען...

וועגען ווייצמאנס ערפינדונג פון „אקסעטאן", וואס האט געבראכט גרויס נוצען פאר די תכסוסא מלחמה, ווערען דערציילט פארשיידענע וואריאנטען. איין ווארינאט איז, אז ווען מען האט גערופען ווייצמאנען אין דעם ענגלישען קריגס-מיניסטעריום, נאכדעם ווי מען האט אויסגעפונען וועגען זיין ערפינדונג און אים געפרעגט, וואס ער וויל דערפאר, האט ער געענטפערט „אן אודיענץ פון א האלבער שטונדע מיט דעם מיניסטארען קאבינעט". א צווייטער ווארינאט איז, אז ווען לאיד דזשארדזש האט אים גערופען צו זיך און אים געפרעגט, וואס ער וויל פאר זיין ערפינדונג, וואס ברענגט אזוי פיל נוצען דער ענגלישער מלוכה און בכלל די עליים, האט ער געענטפערט „גארנישט", נאר ער האט גלייך צוגעגעבען, „ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגען, זאל איך גערופען ווערען אויף אן אונטעררעדונג". און א דריטער ווארינאט איז, אז ווען מען

האט אים געפרעגט דעם פרייז פאר זיין „אקסעטאן", האט ער געזאגט „מיין פרייז איז ארץ־ישראל פאר דעם אידישען פאלק".

זיין גאנץ וואנדערען פון איין לאנד אין צווייטען, זיין באגעגענען זיך מיט די אנפירער פון אידישען פאלק און מיט די פירער פון די גרעסטע וועלט מלוכות איז אויך איינגעהילט אין לעגענדען. אזעלכע מענשען, ווי ווייצמאן, זענען ניט בלויז געשיכטע, נאר זיי גרייטען אויך צו גאלדענע פעדים, פון וועלכע אונזערע צוקונפטיגע דיכטער און פאעטען וועלען מעשהלאך שפינען און מאמעס וועלען וועגען דעם מיט שטאלץ זייערע קינדער דערציילען. און אזעלכע לעגענדען זענען שטענדיג א קוואל פון נייעם חיות פאר דורות און דורות צום נייעם קאמף פאר דער גאנצקייט פון אידישען פאלק און פאר זיין אויפלעבונג.

ווייצמאן איז נישט דער שריפטשטעלער, ווי זיינע גרויסע פארגייער הערצל און נארדוי. מעגלאך, אז ער פארצייכענט, ווי דר. הערצל, די וויכטיגסטע מאמענטען פון זיין לעבען פון דער צייט אן, ווען ער איז געווארען דער אנערקענטער פירער פון אידישען פאלק, און וועט אונז, מעגלאך, איבערלאזען אן אייביגע מתנה: די נייע מגילה, וואס איר שלום וועט זיין א בשורה פון פרייד. ער איז אבער באשאנקען מיט א נביאישער רעדנער קראפט, און אויב אלע זיינע רעדעס וועלען אויפגעקליבען ווערען, וועלען זיי זיין ווי א נר תמיד, וואס וועט באלייכטען לדורות זיין גאנצע פערזענלאכקייט און די היסטארישע ראלע, וואס ער האט געשפילט, ווען ער איז געשטאנען צווישען 40 נאציאנען פון איין זייט און דעם עם קשה עורף פון דער צווייטער זייט און געשמידט מיט נביאישען גייסט דעם הוה און דעם עתיד פון דעם צוויי טויזענט יאריגען געפלאגטען פאלק.

זיין פערזענלאכע ערשיינונג האט א מאגנעטישע ווירקונג אויף די פארשיידענע שיכטען פון אונזער פאלק, זאגאר אויף די ווייטע

און פרעמדע טיילען, וואָס האָבען דעם טרוים פון ציון קיינמאָל נישט געטראָגען אין זייערע מח קעמערלאַך. מיט זיין ערשיינען באַווייזט זיך שטענדיג דער נאָבעלער אידישער פירער, וואָס טראָגט די ליידען און וויל זען די פריידען פון זיין פאָלק. ווען ער רעדט, שיינט פון אים אַרוים דאָס באַוואוסטזיין, אַז מיר מוזען באַקומען אונזער לאַנד, ווייל אויב נישט, זענען מיר חלילה פאַרלוירען.

יצחק גרינבוים

יצחק
גרינבוים

יצחק גרינבוים

.1

פאראן עטלאכערליי פירער, פאראן פארשיידענע מדרגות פון פערזענלאכקייטען. פאראן אזעלכע, וואס וואקסען איבער זייער דור, וואס שטעלען זיך העכער פון דער מאסע און זענען די וועגווייזער פאר דער צוקונפט. און פאראן אזעלכע, וואס זענען מיט לייב און זעלע איבערגעגעבען צו באקעמפען די איבלען פון דער געגענוואַרט. אזעלכע האלטען מיר גיכער פאר א צייטגייסט, פאר א דורכלויפענדען שטערען, וואס גיט א בליץ אויף פאר א באשטימטער עפּאָכע און ווערט פארלאָשען, ווען א צווייטער צייטגייסט באווייזט זיך אויף זיין אָרט.

דער צייטפירער אָבער איז נישט בלויז א צייטגייסט, נאָר איז אויך א א פאַרברייטער און א קעמפער פאר א בעסערער און שענערער צוקונפט. ער טרעט אוים דעם באָדען פאר דעם קומענדען פירער, נאָך אים, אז יענער, דער צווייטער, זאָל קאָנען פאָרטזעצען דעם אָנגעהויבענעם קאמף.

יצחק גרינבוים איז אמת א צייטפירער, אָבער זיין גרויסער אומערמידלאכער קאמף, אז דאָס אידישע פאָלק אלס גאנצעס זאָל באקומען א באָדען אונטער די פיס און אז גרויסע טיילען אידען, וואָס לעבען אין קאָמפּאַקטע מאסען אין פארשיידענע לענדער, זאָלען באקומען דאָס פולע רעכט אויסצולעבען זיך פריי, לויט אלע זייערע נאציאָנאלע און קולטורעלע באדערפענישען, טראָגט מיט זיך זאָמען פון א פירער, וועמענס נאָמען עס וועט פאראייביגט ווערען אין דער נייער אידישער געשיכטע. ער געהערט אָן צווייפעל צו דעם

מין, וואס גרייט אן דאס פעלד שוין היבש צעאקערט, פארזייט מיט פרישע געזונטע קערנער, פון וועלכען מען וועט מיט דורות שפעטער קאנען שניידען די פרוכט.

יצחק גרינבוים איז געבוירען געווארען אין יאר 1879, אין ווארשע, ביי אידיש־באלעבאטישע עלטערען. זיין פאטער יהושיע גרינבוים איז געווען א באוואוסטער משכיל און האט אויך געשריבען פון צייט צו צייט. ער האט זיך באטייליגט אין „המליץ", אין „המגיד" און שפעטער אין „הצפירה". עס איז דעריבער אן צווייפעל, אז דעם גייסט פאר דער העברעאישער קולטור און דעם טיפען חוש פאר דער העברעאישער שפראך אלס שריפטשטעלער האט זיין זון יצחק געירשנט פון דעם פאטער. אין זיין יוגענט באזוכט ער די גימנאזיע אין פלאצק, און אין זיין סביבה ציט ער אויף זיך ארויף די השפעה פון דער פוילישער קולטור, כאטש דאס גימנאזיום איז געווען רוסיש. פויליש ווערט מיט אים אזוי צוזאמענגעוואקסען ווי עס וואלט געווען זיין מוטער־שפראך, און שפעטער, ווען ער נעמט לערנען אידיש און ארויסטרעטען אויף עפענטלאכע אידישע פארזאמלונגען, קומט אים פון אנפאנג זייער שווער אן דער איבערגאנג פון פויליש אויף אידיש.

די צייט, ווען ער הייבט אן שטעלען די ערשטע טריט אין דעם אידיש־געזעלשאפטלאכען לעבען, ווען ער הייבט אן שרייבען אידיש און העברעאיש מיט קרוב צו 30 יאר צוריק, איז געווען א פעריאדע, ווען אין פוילען האט געבליט די אסימילאציע. די יונגע־לייט, וואס האבען נאר זוכה געווען צו געניסען פון עץ הדעת, האבען זיך שנעל אפגערוקט פון אידישען לעבען, וואס האט זיך מערסטענס אויסגעדריקט אין בית המדרש פארברענגען און אין חסידיזם, צו וועמענס הויכע באגריפען נאר יחידים פון דעם מאדערנעם טיפ איד האבען געקאנט דורך אן אייגענעם אינער־לאכען דראנג נעענטער צוגיין. א גרויסער טייל, וואס האט

געלערנט אלגעמיינע וויסענשאפט, האט זיך אפגעריסען פון אידישען בוים און איז פארשוואונדען פון דער אידישער גאס. נאר איינצעלנע, מיט א שטארקען אינסטינקטיווען געפיל פאר אידישע פאלקס־אינטערעסען, וואס האבען געקאנט זיך פארטיפען אין דעם מהות פון אידענטום, האבען זיך געקאנט אוועקשטעלען עקשנותדיג אין דעם אידישען מטושטושדיגען ווינקעל און פון דארטען ארויס־שיקען תורה־שטראלען אויף דער דעמאלטיגער אידישער האלב־פארשימעלטער אויבערפלאך.

גרינבוים, וואס איז דורכגעדרונגען אין זיין גאנצען וועזען מיט די אטאמען פון דעם אויסגעאיידעלטען אידישען עקשנות, איז געווען מסוגל נישט צו ווערען פארבלענדעט פון דעם גלאנץ וואס איז געלעגען אויף די פוילישע קולטור־שאפונגען, און איז געווארען אין לויף פון דער צייט דער שטאלצער אידישער קעמפער פאר דעם אידישען כלל און אויך אין פילע פאלען פאר דעם אידישען פרט.

ווען גרינבוים ערלערענט די העברעאישע שפראך, איז ער נישט בלויז בכח צו באנוצען זיך מיט איר אלס א קורא נכבד, נאר ער דערגייט צום תוך פון איר, און צוליב דעם האט ער די מעגלאכקייט אריינצוקוקען טיף אין די באהעלטענישען פון אידישען וויסען. ער באקענט זיך מיט דער אלטער און נייער העברעאישער ליטעראטור און ווערט שפעטער איינער פון די באדייטענדסטע העברעאישע פובליציסטען. דאס זעלבע איז מיט דער אידישער שפראך: ווען ער ערלערענט זי נאר, ווערט זי מיט אים צוזאמענ־געוואקסען, און ער ווערט, ווי אין העברעאיש און פויליש, דער באגאבטער און פעאיגער זשורנאליסט, וועמען עס איז נישט פרעמד קיין איין ניואנס, קיין איין אויסדרוקס־פארם.

גרינבוים איז נישט קיין זשורנאליסט אין דעם ענגען זין פון ווארט. ער געהערט נישט צו דעם קלאס, וואס ווארפט ארויס

ארטיקלען פון ארבעל און צעשיקט זיי איבער די צייטונגען און זשורנאלען. ביי אים איז דאס זשורנאליסטישע צונויפגעבונדען מיט זיין גאנצער געזעלשאפטלאכער און נאציאנאל־אידישער ארבעט. אלס נאציאנאלער טוער איז ער לויט זיין גאנצען פארנעם א קעמפער, מאכט ער זיין זשורנאליסטישע ארבעט אלס א מיטעל צו זיין קאמף. זיין שרייבען איז ביי אים דאס געווער וואס העלפט אים בעסער צו באקעמפען זיין אידעען־געגנער, קלארער מאכען זיינע אייגענע אידעען, און ווייל ער איז אויף דער טריבונע און אויף די ענגע זיצונגען דער קנאי, דער עקשנותדיג־אויסגעהאלטענער, וואס גייט נישט אראפ פון זיין וועג כחוט השערה, פילט זיך אין זיין שרייבען דאס זעלבע קנאישקייט, און עס איז נישט קיין צופאל וואס איינער פון זיינע פסעוודאנימס אין העברעאיש איז י. קנאי. אן דעם אונטערגעצייכענטען נאמען קאן מען עס אויך ארויספילען. פעסטקייט, קאנצענטראציע און זיכערקייט ליגען אויסגעגאסען אויף די ארטיקלען וואס ער שרייבט אין פויליש, העברעאיש און אידיש. עס פילט זיך אין זיי דאס וויברירען פון א גרויס מענשלאך הארץ.

נאך אלס שילער אין גאמנאזיום האט גרינבוים זיך אנגעהויבען באקענען מיט די נאציאנאלע אידישע פראבלעמען. עס האט שוין דאן געשוועבט אין דער לופט די אידעע פון חיבת ציון. ער באקענט זיך מיט דער באוועגונג און ווערט מיט דער צייט איינער פון אירע טעארעטיקער. ער לייענט און לערענט אלץ וואס האט צו טאן מיט דער אויפלעבונג פון אידישען פאלק. שפעטער הייבט ער אן שרייבען אויף פויליש א רייע ארטיקלען איבער ציוניסטישע פראגען און וועגן די באוועגונג וואקסט אויס, רעדאקטירט ער אליין איינגע זשורנאלען אויף פויליש: „גלאס זשידאווסקי", „זשיציע זשידאוור־סקע" און „ווסכוד". זיינע ארטיקלען טראגען א באלערענדען כאראקטער. זיי זענען אן אויפמונטערונג פאר דער אידישער יוגענט, וועלכע קאן נישט קיין אנדערע שפראך ווי פויליש. עס

וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אַ דאַנק זיין אַגיטאַציע פאַר דעם ציוניזם, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ העד־לאָכער אויפּריכטיגער באַציאונג צו אַלץ וואָס איז אידיש, האָט ער הונדערטער אַסימילירטע יונגעליים אַריינגעצויגען אין דער ציוניסטישער סביבה און פילע פון זיינע תלמידים זענען שפּעטער אַליין געוואָרען פירער פון היינטיגען אידענטום אין פּוילען.

ביז דעם לעצטען קריג איז געווען שווער פאַר דער ציוניסטישער פּאַרטיי צו אַנטוויקלען איר פּראָגראַם לויט איר אידעען־אינהאַלט, ווער שמועסט צו באַהאַנדלען אויספירלאַך פּראָבלעמען וועגען מינאָ־ריטעטען־רעכט פון קליינע פעלקער, איז אודאי געווען פאַרבאָטען. די צאַרישע רעגירונג, וועלכע האָט ערלויבט דעם ציוניזם, האָט די ערלויבעניש געגעבען אין אַזאַ פאָרם: צו זאַמלען געלט פאַר ארץ־ישראל און צו קויפען אַקציעס פון דער קאָלאָניאַל באַנק; פאַר־שפּרייטען ליטעראַטור איז געווען טריף, און די אידישע פּרעסע, כאָטש טיילוויז נאַציאָנאַל־ציוניסטיש, האָט זיך מיט טעאָרעטישע פראַגען ווייניג אָפּגעגעבען. גרינבוים האָט דעריבער ביז דעם קריג דעם ציוניזם טעאָרעטיש באַהאַנדעלט נאָר אויף ענגע מיטינגען צווישען די אייגענע ציוניסטישע גרופּען, אָבער, מיט דער ענדע פון קריג, ווען דאָס געדרוקטע וואָרט איז געוואָרען אָפענער און מען האָט זיך דערמיט געקאָנט פריי באַוועגען, איז גרינבוים געווען דער ערשטער אין פּוילען, וואָס האָט די נאַציאָנאַל־אידישע פּראָ־בלעמען געגעבען אַ וויסענשאַפטלאַכען הינטערגרונט. פון זיינע אַלע אַרטיקלען וואָס ער האָט אָנגעשריבען איבער די נאַציאָנאַל־אידישע פראַגען, קאָן מען צוזאַמענגעמען עטלאַכע גרויסע ווערק, וואָס וואָלטען נישט בלויז געווען אַ וויכטיגער בייטראַג צו דער אַנטוויקלונג פון דעם נאַציאָנאַל־אידישען געדאַנק, נאָר אויך צו דער אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען ביי אַלע פעלקער.

גרינבוים איז נישט בלויז דער קעמפער פאַר זיינע אידעען,

נאָר אויך דער באַגרינדער פון זיי. דער יעניגער וואָס גיט אויך אַנדערע אַ מעגלאַכקייט טעאָרעטיש נאָכצופאָלגען די אידעען, פאַר וועלכע ער קעמפּט, און נישט ווייניג אַזעלכע נאָכפאָלגער האָט גרינבוים היינט צו טאָג אין פּוילען.

גרינבוים איז אויך איינער פון די בעסטע באַגרינדער פון דעם ציוניסטישען געדאַנק און איינער פון זיינע מאָדערנסטע און ראַדיקאַלסטע אויסטייטשער. ער איז אַ גרויסער נאָכפאָלגער פון דר. טעאָדאָר הערצל און איינער פון די וויכטיגסטע פּערזענלאַכ־קייטען אין אַלוועלטלאַכען ציוניזם. ער האַלט, אַז דער ציוניזם דאַרף זיך אין יעדען לאַנד אויך אָפּגעבען מיט געגענוואַרט ארבעט אויף אַ ברייטען מאַסשטאַב: אַז די ציוניסטען דאַרפען נישט בלויז נעמען אַן אָנטייל אין דעם קהלה לעבען פון יעדען לאַנד, נאָר אויך אין דעם פּאָליטיש־אידישען לעבען, און אומעטום אַריינטראָגען די ציוניסטיש־נאַציאָנאַלע פאַרב. ער האָט פאַר דער אידעע נישט בלויז געקעמפּט אין פּוילען, נאָר האָט זי אויך טעאָרעטיש באַהאַנ־דעלט אין צענדליגער אַרטיקלען. אין די פילע ציוניסטישע אַרבעט־טען זיינע צייכענען זיך באַזונדערס אויס עטלאַכע מאָמענטען, וועלכע האָבען אים באַרימט געמאַכט אומעטום וואו עס זענען נאָר פאַראַן ציוניסטען: זיין גרינדען ציוניסטישע סטודענטען גרופּען „קדימה”; זיין שטאַרקע פירערשאַפט אויף דעם העלזינגפאָרסער צוזאַמענפאָר און באַזונדערס שניידט זיך אויס זיין היסטאָרישע ראָלע אויף דעם 6־טען ציוניסטישען קאָנגרעס ביי דער אוגאַנדע־פראַגע. ער איז געוועזען איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון די ניין־זאָגער, און פון די, וואָס האָבען געגעבען די שטימונג פאַר דער וואונדערבאַרער דעמאָנסטראַציע געגען אוגאַנדע און פ א ר פּאַלעסטינע; זיין פירערשאַפט פון ציוניסטישען צענטראַל קאָמי־טעט אין ווילנע, א. אז. וו.

גרינבוים האָט באַגרינדעט און באַהאַנדעלט זיינע נאַציאָנאַלע

אידישע אידעען וואו ער האָט נאָר געהאַט אַ געלעגענהייט. אין דער העברעאישער, אידישער, פּוילישער און רוסישער פּרעסע. אין העברעאיש האָט ער אָנגעהויבען שרייבען אין „השלח", שפּעטער אין „הזמן", אין „הצפירה" און אין „העולם"; פון די לעצטע צוויי איז ער אַ געוויסע צייט געווען רעדאַקטאָר.

די לעצטע צייטען איז ער אויך אַ מיטאַרבעטער אין „הארץ", וואָס ערשיינט אין ארץ־ישראל, אין „הדואר" אין אַמעריקע, און דרוקט איצט אין „העתיד" די געשיכטע פון ציוניזם, איינע פון זיינע גרעסערע וויכטיגע אַרבעטען.

אויף אידיש האָט ער נאָך אָנגעהויבען שרייבען אין „איד" און האָט זיך שפּעטער באַטייליגט אין צענדליגער אידישע צייטונגען און זשורנאַלען. אין דער צייט וואָס ער איז געווען אין פּעטראָגראַד, זינט דעם אויסברוך פון קריג ביז 1917, האָט ער רעדאַקטירט דעם „פּעטראָגראַדער טאָג", וועלכער איז אונטערגעגאַנגען מיט דעם אויסברוך פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. איצט איז ער איינער פון די הויפּט מיטאַרבעטער פון וואַרשעווער „היינט".

.2

גרינבוימס געזעלשאַפטלאַכע און נאַציאָנאַל־אידישע אַרבעט וואָלט באַדאַרפט איינגעטיילט ווערען אין פאַרשיידענע פּעריאָדען אום קלאָרער און דייטלאַכער אונטערצושטרייכען זיין פּערזענלאַכ־קייט און דאָס אַלץ וואָס ער האָט אויף זיך אַרויפגעוויקעלט אין משך פון די לעצטע 25־30 יאָר. זיינע גרויסע מעשים זענען ליכטיגע בלעטער אין דער נייער אידישער געשיכטע, וואָס וועלען זיכער פון דעם קינפטיגען היסטאָריקער אָפּגעשאַצט ווערען, ווען ער וועט געבען איינצעלהייטען וועגען דער עפּאָכע אין וועלכער גרינבוים האָט זיך באַוועגט.

זיין קאַמף פאַר אַ וועלטלאַכער קהלה געהערט צו די רייפסטע

און דעמאָקראטישסטע פאָדערונגען אינם אידישען לעבען. ווען עס איז געקומען א צייט, אז מען האָט געקאָנט פארטווישען דאָס טעאָרעטישע אויף דאָס פראקטישע, האָט ער זיך באמיט מיט אלע מעגלאכקייטען, אז די וועלטלאכע קהלה זאָל פארווירקלאכט ווערען אין לעבען. ער האָט די ארבעט אָנגעהויבען אין פעטערבורג, וואו עס האָט נאָך דער ערשטער איבערקערעניש אָנגעהויבען צו ווייען א נייער ווינט פון פרייהייט און גערעכטיגקייט צו יעדער נאציאָן. און פון זיין דעמאָקראטישען שטאנדפונקט האָט ער, דער ציוניסטישער פירער, דער קערענדיגער און פולבלוטיגער העברעאיסט, געפאָדערט אויף דעם ציוניסטישען צוזאמענפאָר אין פעטראָגראד, אין יאָר 1917, אז אידיש זאָל אָנערקענט ווערען פון דער מלוכה, ארויסגייענדיג פון דער הנחה, אז מען קאָן נישט פאָדערען קיין צוויי שפראכען. פון פילע זייטען האָט מען שטארק באקעמפט זיין אידעע פאר א וועלטלאכער קהלה, מען האָט געפירט געגען אים א ביטערען קאמף, אָבער גרינבוים איז נישט דער מאן, וואָס שרעקט זיך אָפּ פאר דעם געגנער. ער איז דורכגעדרונגען מיט ערלאכקייט און אויפריכטיגקייט אין אזא גרויסער מאָס, אז דער געגנער מוז פאר אים אראָפּבויגען דעם קאָפּ מיט דרך ארץ, און אויב ער וויל מיט אים קעמפען, מוז ער זיך גוט פארטיפען אין גרינבוימס אויפפאסונגען, און זיך גוט לייטערען, אז ער זאָל דערהויבען ווערען צו פירען מיט אים דעם קאמף גלייך אויף גלייך. אין זיין קאמף שאפט גרינבוים א שיינע לויטערע אטמאָספערע און די דעמאגאָגען, פון וועלכען לאגער זיי זאָלען נישט קומען, צו פון די אזוי גערופענע „כלי קודש“ צו פון די, וואָס רעדען אין נאָמען פון דעמאָקראטי, מוזען צערונען ווערען. ער איז ווירדיג, דערהויבען און הערלאך אין זיין קאמף, וואָס מאכט שטענדיג בולט זיין נאָבעלע פערזענלאכקייט.

גרינבוים איז דער פאָטער פון אידישען נאציאָנאל־ראט. ער

האט די אידעע פריער אויסגעבילדעט טעאָרעטיש, ווי ער טוט עס מיט יעדער אידעע, וואָס ער פאַרנעמט זיך צו פאַרווירקלאַכען. ווען ער האָט זיך גענומען באַטייליגען פּראַקטיש אין נאַציאָנאַל־ראַט, איז עס געווען אַ העראָאישע אַרבעט, וואָס צייכענט אַ וויכטיג בלאַט אין דער געשיכטע פון אידענטום אין פּוילען. דאָס איז יענע גרויסע צייט, ווען ער האָט אָנגעהויבען פירען דעם קאַמף, אַז אידען אין פּוילען זאָלען האָבען דאָס רעכט צו לעבען אין די זעלבע באַדינגונגען מיט אַלע טיילען פון דער נישט אידישער באַפעלקערונג, און אַז גערעכטיגקייט זאָל אויסגעטיילט ווערען צו די אידישע פאָלקס־מאַסען. אין דער אַרבעט האָט אים געהאָלפען זיין ווירדיגע שטעלונג ביי יעדען פאַל באַזונדער, זיין שטאָלצע אידישע האַלטונג, ווי אויך זיין גרויסע ערודיציע אַלס אָנגעזעענער יוריסט, און באַזונ־דערס זיין טיפער אויפריכטיגער אָפּטימיזם, אַז דער אמת מוז זיגען, און מען מוז פאַר דעם אמת קעמפען אָן קאָמפּראָמיסען, מעג דער קאַמף פאַר דעם אמת ווי טייער קאָסטען.

אין זיין אַרבעט פאַר דעם אידישען נאַציאָנאַל־ראַט איז פאַר־געברייט געוואָרען דאָס פעלד פאַר דער גאַנצער ווייטערדיגער פּאָליטיק, וואָס גרינבוים האָט שפּעטער געפירט אין סיים, אַלס דעפּוטאַט אויסגעוויילט מיט דער גרעסטער מערהייט פון די אידען אין פּוילען. דאָס איז געווען אַ קאַמף פאַר דעם איד אין פּוילען אַלס יחיד אין הונדערטער איינצעלנע פאַלען און עס זענען דערביי אָנגעצייכענט געוואָרען די גרונטליניען פאַר דעם אַלאומפאַסענדען קאַמף, אַז די אידען אין פּוילען מוזען אין דעם באַנייטען און באַפרייטען פּוילען באַקומען אַלע רעכט.

זיין טעטיגקייט אין סיים, אַלס דער פּרעזידענט פון דער אידישער „קאָלאָ", איז אַ היסטאָרישע ערייגניס, וואָס דאַרף דער־ציילט ווערען באַריכות. גרינבוים איז אַ טרייער זון פון פּוילען. פּוילענס באַפרייאונג פון די מאָסקאַלען האָט אין אים אָנגעצונדען

א פלאם פון באגייסטערונג, און ער האט געהאלטען פאר א פאר־לעצונג פון דער פוילישער קאנסטיטוציע, וואס ער האט אליין געהאלפען אויסארבעטען אלס איינער פון דער קאמיסיע, אויב פוילענס אלע זין אן אונטערשייד פון רעליגיע און נאציאנאליטעט זאלען נישט באהאנדעלט ווערען גלייך.

מיט מכביער פייער האט ער גערעדט צו די פוילישע פאר־שטייער אין סיים — די גרעסטע טייל פון זיי דאן אנטיסעמיטען — און האט זיי געשליידערט זיין אמת אין פנים אריין. אין זיינע רייד איז געווען א שטאלצע ווארנונג צו די אנטיסעמיטען, וועלכע ער האט פארדאמט אלס שונאים פון פוילען. עס זענען געווען אזעלכע צווישען די אידישע פארשטייער אין סיים, וואס האבען זיין שיטה באקעמפט. זיי האבען געטענהט, אז דער בעסטער וועג איז צו גיין אויף פשרות. גרינבוים האט זיך אבער פון זיי קיינמאל נישט געלאזט איבעררעדען און איז נישט אפגעטראטען פון זיין אויפריכטיגען קאמף צו וועלכען ער האט געווידמעט זיין גאנצע ענערגיע און זיינע בעסטע פעאיגקייטען, האלטענדיג, אז דאס איז דער שענסטער און ווירדיגסטער וועג צו געווינען רעכט פאר די אידען אין פוילען. ווען די געגנער פון זיין שיטה האבען אונטער־געשריבען די בארימטע „אוגאדא", דעם באקאנטען „פרידען" מיט גראבסקי און זיין חברותא, האט ער שוין געהאט אפגעטראטען פון זיין פאסטען, אבער נישט ווי א געשלאגענער, נאר מיט נייעם קאמפסלוסט. מיט זיין שארפער פען און מיט זיין צארנדיג־עפענטלאך ווארט האט ער די „אוגאדא" באקעמפט, און די ענדע איז געווען, אז די בעסערע פאליאקען און די ברייטע אידישע מאסען האבען איינגעזען, אז זיין שיטה איז די בעסטע, די ערלאכסטע און די ווירדיגסטע.

גרינבוים האט געהאלפען מאכען פון אידען בעלי פחדנים א שטאלצע אידישע מאסע. זיין לאזונג איז געווען „מיר לאזען

זיך בויגען, אָבער קיין מאָל נישט ברעכען" און דעם זאַץ האָט ער נישט בלויז פאַרווירקלאַכט אין לעבען, שטייענדיג אין דער שפּיץ פון אידענטום אין פּוילען, נאָר ער האָט אויך זיין כח השפעה אריינגעטראָגען אין בלוט פון דעם איד אין פּוילען, וועלכער האָט זיך אויפגעהערט שרעקען פאַר יעדען שאָרך און איז אזוי ארום געוואָרען א מיטקעמפער פאַר א שטאָלץ גרויסמוטיג נאַציאָנאַל אידענטום.

גרינבוים איז א גרויסע, וויכטיגע פּערזענלאַכקייט אין דעם אַלוועלטלאַכען ציוניזם. זייענדיג א אידעען־ציוניסט פון זיין פריער יוגענט אָן, האָט ער אין אים פּאַרוועבט גאָלדענע פעדים פון זיין שיינער נשמה. ער האָט געהאָלפען דעם ציוניזם לייטערען, פאַרפיינערען און מאַכען אים פאַר א כלי זין, נישט בלויז אין דער שטרעבונג צו באַקומען אן אייגען לאַנד פאַר דעם אידישען פאָלק, נאָר אויך צו מאַכען דעם איד אין גלות פאַר א העכערען און שענערען מענשען. נאָכן באַקומען די באַלפור דעקלאַראַציע, האָט ער זיך נישט געלאָזען בויגען פון די אָפיציעלע ציוניסטישע פּאָליטיקער. ער איז נישט געווען פון די, וואָס האָבען געהאַלטען, אז די דעקלאַראַציע איז די פולע ישועה, נאָר איז ווייטער געגאַנגען זיין אויסגעטראָטענעם וועג. לויט זיין שיטה איז ער א שטרענג אָפּגעשלאָסענער ציוניסט, וואָס הייסט אין אנדערע ווערטער, אז לויט זיין מיינונג דאַרף ארץ־ישראל געבויט ווערען פון בלויז אויסגעפּרובירטע ציוניסטען, און נישט מיט דער הילף פון האַלבע אָדער פערטעלדיגע אסימילאַטאָרען. ער איז א געגנער פון דער „אידישער אַגענטור", וועלכע ווערט דערמאַנט אין מאַנדאַט פון דער ענגלישער רעגירונג, און האָט צוליב דעם פּאַנאַנדערגעטיילט זיך מיט די ציוניסטען אין פּוילען, און האָט דערפאַר אויף דער 7־טער קאָנפערענץ פון זייער צוזאַמענפאָר נישט באַקומען קיין מערהייט. ער האָט דאַן געגרינדעט די גרופּע „על המשמר" („אויף דער וואך") אום ווייטער צו קעמפען פאַר זיין שיטה. אויף די ציוניסטישע

קאנגרעסען האט ער געפירט א קאמף געגען דעם פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע דר. חיים וויצמאן און רעכענט זיך צוליב דעם פאר זיינעם א געגנער.

גרינבוימס ציוניזם איז באהויכט פון דעמאקראטיזם און אנשוי־אונגען, וואס האבען דעם זין צו לייטערען און פארשענערען די געגענווארט און צוקונפט פון אידישען פאלק. זיינע צאלרייכע רעדעס וועגען ציוניזם אין פארלויף פון יארען זענען געגאסען ווי פון קריסטאל, דורכגעדרונגען מיט א פלאם פון קדשה. ער איז לויט זיין רעדען מער אינהאלטסרייך ווי שיין־רעדנער. ווען מען הערט אים איינמאל, דאכט זיך, אז זיין שפראך איז אביסעל שווער, אבער, אז מען הערט אים עטלאכע מאל, ווערט ער אנגענעם. ער באצויבערט מיט זיין איבערצייגונגס קראפט, ער צווינגט מען זאל אים אויסהערען און אז מען הערט אים אפט, ווערט מען זיינס א חסיד, ווייל אלץ וואס ער זאגט, קומט פון הויכע פארלאנגען, וועלכע זענען אויסשליסלאך געווידמעט פאר די אינטערעסען פון אידישען פאלק.

אין יאר 1925 האט גרינבוים באזוכט ארץ־ישראל און האט דארטען פון אלע קלאסען אידען באקומען א ווארימע, הארציגע אויפנאמע. מען האט דארטען ערנסט און אויפריכטיג אפגעשאצט זיין טעטיגקייט פאר דעם ציוניזם, וועלכען ער האט אפגעגעבען די בעסטע טיילען פון זיין לעבען ביז איצט. מען האט וועגען זיין טעטיגקייט געשריבען אויספירלאכע אפהאנדלונגען און געגעבען אים דעם כבוד, וואס ער האט פארדינט. זיינע איינדרוקען פון ארץ־ישראל האט ער אפגעדרוקט אין ווארשעווער „היינט“ און מיט זיין אויפריכטיגען טאן אפגעשאצט די לאגע פון ארץ־ישראל, ווי זי איז.

גרינבוים איז אן אלזייטיגע פערזענלאכקייט. עס איז אבסאלוט זיכער, אז ווען ער וואלט זיך אפגעגעבען אין זיין לעבען מיט איין

באשטימטער ארבעט און נישט צעברעקעלט זיינע כחות, וואלט פון אים ארויסגעקומען אדער א גרויסער היסטאריקער, אדער א גרויסער געלערענטער אויפן געביט פון חכמת ישראל. דאס האבען באוויזען די ארבעטען, וואו ער באהאנדעלט היסטארישע פאקטען, („מלחמות יהודי פוילן") זיין גרויסע סטאטיסטישע ארבעט („די אידען און דאס שול וועזען אין פוילען") און פיל אנדערע צענדליגער ארטיקלען, וואס באהאנדלען פילע טעמעס אויף א וויסענשאפטלאכען און באלערענדען אופן. ער האט אבער קיין שאדען נישט געטאן דעם אידישען פאלק מיט דעם, וואס ער האט פאנאנדערגעשפרייט זיך ווי א צווייגהאפטער בוים. ער איז דער ריזיגער כח, די שטארקע פערזענלאכקייט, וואס האט די קראפט צו פארצווייגען זיך, און יעדען צווייג צו געבען זיין צייטיגע פרוכט. ער האט אין זיין פארשיידענארטיגקייט נישט פארבלאנדזשעט; ער האט אויך נישט געמינערט דעם ווערט פון יעדען טייל פון זיין ארבעט. ער האט באקומען פון חסד עליון די טיפע אינטואיציע דורכצונעמען זיך, צו ווערען דורכגעדרונגען מיט די פראבלעמען, וואס ער האט באהאנדעלט. אויף יעדען געביט, וואו ער האט נאר אנגעווענדעט זיין ענערגיע, איז אים געלונגען צו ווערען דער פירער און וועג־ווייזער.

איבער דעם אלעם שיינט ארויס יצחק גרינבוימס שיינע, ליכטיגע פערזענלאכקייט. דער מאן, וואס קאן שאפען סביבה ארום זיך, וואס קאן באשטראלען א מאסע און אנשטעקען זי מיט זיין אייגענער הערלאכקייט. גרינבוים באזיצט אלע אטריבוטען, וואס א גרויסע פערזענלאכקייט דארף האבען אין זיך: ערלאכקייט ביז דער העכסטער מדרגה, רואיגקייט אין דעם שווערסטען פאליטישען געפעכט, הנעוודיגע עקשנות, וואס דערגרייכט ביז פאלקס־העלדישקייט, גראדען שכל פארקניפט מיט לאגישע קאנסעקווענטער אויסגעהאלטענקייט.

צו זיין א פירער ביי אידען, דינען מיט לייב און זעלע, מיט

דער גאנצער נשמה דער אידעע פון אויפלעבען דאס אידישע פאלק ; העלפען מיט כל אמצי כחות צו זיין נאציאנאלער און סאציאלער באפרייאונג, ווען דאס פאלק איז נאך טיף פארוואָרצעלט אין גלות און וויל נישט באפרייט ווערען ; גיין אין קאמף מיט אלערליי גרופען, צווישען זיי מיט פארלייקענער פון אידישען פאלק, און בלייבען שטיין ווי א פעלז באגאסען מיט זונען־שטראלען, און נישט פארלירען פון דער עצם שיינקייט, אינערלאכער און אויסערלאכער ערלאכקייט, זאגאר ביי די ערגסטע געגנער — איז א קונסט און א באגאבטקייט וואס נאר איינציגע אין דורות באזיצען.

די קערענדיגע מעשים פון אזעלכע אלזייטיגע פערזענלאכ־קייטען הייבען איצט אן אויפגיין מיט דורות שפעטער, ווען די זאמען, וואס זיי האבען געווארפען אין משך פון האלבע און גאנצע יובלען, הייבען אן געבען פרוכט.

דר. נח דאַווידזאָהן

דר. נח דאָווידזאָהן

1.

מיט דר. נח דאווידזאָהן איז פון גרונט אויס מקוים געוואָרען דער פסוק פון מעשה אבות ירשו בניו. זיינע מעשים זענען געווייקט אין שמן זית פון מצוות און מעשים טובים, פונקט ווי ביי זיין פאָטער, זיידע און עלטער זיידע. זינט זיין גרויסער זיידע ר' חיים, דער ווארשעווער רב, האָט אין יאָר 1797 אָנגענומען דעם ביי־נאָמען דאווידזאָהן, האָט די פאמיליע דאווידזאָהן געבראַכט רום דעם אידענטום אין פוילען און אין אנדערע לענדער. עס איז געווען א ברייטער צווייגנהאפטער בוים, וואָס האָט ארויסגעגעבען אזעלכע רייפע, זאפטיגע פרות, וועלכע האָבען פארהערלאכט און פארשענערט דעם אידישען קיום. א דעמב האָט זיך אנטוויקעלט און זיינע צווייגען האָבען געשיצט דאָס אידענטום פון כלערליי פרעניות, צרות און נגישות. און מיט דעם טויט פון נח דאווידזאָהן איז נישט נאָר א צווייג פארשניטען געוואָרען, נאָר דער טיפער וואָרצעל האָט זיך א פעסטען וואקעל געטאָן.

נח דאווידזאָהן איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1876, אין דער שטאָט ווארשע. זיין פאָטער, ר' לייביש דאווידזאָהן, איינער פון די זעלטענסטע טיפען, וואָס דאָס אידענטום אין פוילען האָט ארויסגעגעבען, האָט זיין זון נחן געגעבען א שטרענג אידישע ערציאונג. נח האָט געלערענט ביי פריוואטע מלמדים און אָנגעהויבען גיין אין גימנאזיום. זיין פאָטער, וואָס איז געשטאָרבען אין יאָר 1923, האָט אין זיך פאראייניגט וועלטלאכקייט צוזאמען מיט יראת שמים, שיינע הערלאכע מדות און א מאָדערנע באציאונג צו

אלגעמיינער וויסענשאפט. ער איז געווען דער שענסטער טיפּ פרנס, וואס נאר איינצעלנע פון זיי האבען מיר געהאט דעם לעצטען יארהונדערט אין פוילען, ליטע און רוסלאנד. ער האט זיך באמיט צו געבען זיין נחן דאס אלץ צוזאמען, וואס איז געלעגען אין אים און וואס ער האט געירשנט פון זיינע זיידעס. עס איז אן צווייפעל, אז דאס אידישקייט, וואס האט באשיינט נחן זיין גאנץ רייך און קוועלענדיג לעבען, איז אין פילע הינזיכטען געווען אן אפשפיגלונג פון זיין גייסטרייכען פאטער. ר׳ לייביש האט ארויפגעצויגען אויף זיך דאס גאנצע לעבען דאס אידישע עקשנות, וואס האט פילע מאל באשיינט זיינע מעשים. זיין ליבע צו העברעאיש, זיין ליבע צו ארץ־ישראל, זיין כלל טועריי אויף א גרויסען און ברייטען פארנעם, דאס אלץ איז אויך געלעגען אין יעדען טאט פון זיין זון נח. אבער דער לעצטער האט נאך געהאט אויסער די מעלות פון זיין טאטען אויך אייגענע, איינגעבוירענע צניעות. זיין טאטענס עקשנות האט זיך ביי נחן פארוואנדעלט אין א שטארקע איבערגעגעבענהייט צו די פרינציפּען פון דער ציוניסטישער פּארטיי, וועלכער ער האט געדינט מיט אלע פיבערען פון זיין נשמה, מיט אלע זיינע רמ״ח אברים.

נאך אלס סטודענט שטעלט ער זיך אין די רייען פון די קעמפער פאר זיין פאלק. אין יענער צייט, מיט עטלאכע דרייסיג יאר צוריק, איז דאס אידענטום אין פוילען געווען פארשלונגען אין די שטראמען פון דער פינסטערער פארעקשנטער אסימילאציע. זיי, די פארלייקענער פון אידישען פאלק, האבען אויסגעפארעמט אן אייזענע וואנט און אויף דער קאלטער טרוקענער מויער האבען זיי אויפגעשטעלט א מזבח, וואו זיי האבען מקריב געווען אלץ, וואס דאס אידענטום האט געשאפען אין משך פון דורות, און באמיט זיך מיט אלע מעגלאכקייטען צו ווערען די פולע בעלי בתים פון די אידישע פאלקס־אינטערעסען. אין אזא צייט צו ווערען אן

אויסגעשפּראָכענער נאַציאָנאַליסט איז געווען א וואגעניש און א פּארנעס, וואָס אין איצטיגען מאָמענט איז עס שווער אָפּצושאצען. נח דאווידזאָהן האָט אָבער געהאט א היים, וואָס איז געווען פול מיט קדושה, און די נאַציאָנאַלע התלהבות, וואָס האָט געהערשט אין זיין היים אין מיטען דער דעמאָלטיגער בליענדער אסימילאציע, האָט אים באוואוינגען אָנצוהייבען דעם היסטאָרישען קאַמף געגען זיי.

ביי זיין טאַטען אין הויז האָט ער זיך צוגעהערט צו די העברעאישע זאצען פון די אידישע קלאַסיקער ווי דעם „מגדל עוז" און „לישרים תהלה" פון לוצאטי, וואָס זיין פאָטער פלעגט רעציטירען פון אויסווייניג. ביי זיי אין הויז האָט געשוועבט דער גייסט פון זיין עלטער־זיידע, ר' חיים, וועלכער איז געווען דורכגעדרונגען מיט צדקות און הערלאָכע מדות. צו אזא בלומען־בייט, ווי זיין פאָטער ר' לייביש, וועלכער האָט געשטאַמט פון א קייט פון לומדים און גייסטיגע אריסטאָקראַטען, און זיין מוטער שרה רחל, א שוועסטער פון ר' יחיאל מיכל פינעס, דעם בארימטען שריפט־שטעלער און כלל טוער, האָט נישט געקאָנט צוקומען דער אסימי־לאַטאָרישער געדוך. אין יענעם הויז האָט מען מיט מעשים אויף א מאָדערנעם אידיש־אינטעליגענטען אופן ווידער פּארפעסטיגט דעם אידישען שורש און יעדע טאַט האָט געהאט די כונה צו באַנייען און באַפּרישען דעם אידישען קרן. און נח דאווידזאָהן בטבע ראוי אויפצונעמען דאָס שענסטע, וואָס איז פּאראַן אין אידענטום, איז געוואָרען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט.

עס איז שווער אָנצואווייזען, פון וועלכען יאָר אָן נח דאווידזאָהן איז געוואָרען א ציוניסט. ריכטיגער איז אָנצונעמען, אז ער איז קיינמאָל נישט ג ע וו א ר ע ן קיין ציוניסט. דער ציוניזם איז גיכער געווען ביי אים אין בלוט, ווייל, ווען ער איז אַלט געווען 13 יאָר, איז שוין זיין פאָטער ר' לייביש געפאָרען קיין ארץ־ישראל אין א דעלעגאציע אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט „מנוחה ונחלה"

צוזאמען מיט אזעלכע בארימטע פערזענלאכקייטען, ווי דר. נח באזאנאוויטש און ר׳ שמואל מאהילעווער, איינצוקויפען באדען אין ארץ־ישראל. זיין פעטער ר׳ יחיאל מיכל פינעס איז שוין דאן געווען באוואוסט אין דער חובבי ציון וועלט. איז ער דאך עפעס געווען איינער פון יחידה סגולה, וואס האבען געהאלפען איינארדענען די בילוצעס. אין זייער הויז איז בכלל געווען א סביבה, וואו עס האט געשוועבט דער ארץ־ישראל גייסט און דער בכור פון ר׳ לייבישען ווערט דורכגעדרונגען מיט דעם ציוניסטישען געדאנק, אדער בעסער און דייטלאכער געזאגט, ער ווערט באזעלט מיט דעם געדאנק פון ווידער אויפלעבען דאס אידישע פאלק.

עס איז בכלל דאן א צייט, ווען אלטע דאגמען ווערען אפגעווישט, נייע פעטע ליניען הייבען זיך אן צייכענען אויפן אידישען האריזאנט און דאס אידישע פאלק גייט אריין אין א נייער עפאכע, וואס וועט באזונדערס ארויסשיינען אין דער אידישער געשיכטע מיט גאלדענע אותיות, די עפאכע, וואס באצייכענט דעם איבערגאנג ביים אידישען פאלק פון עבדות לחרות.

דר. נח דאווידזאהן איז געווען באשאנקען פון דער נאטור מיט אלע מעלות צו ווערען א פאלקס־פירער. אין פערזענלאכען לעבען איז ער געווען דער אריסטאקראט אין פולען זין פון ווארט. הויך און שיין, מיט איידעלע צארטע געזיכטס־שטריכען. א פאר ליכטיגע אויגען האבען ארונטערגעקוקט פון זיין שטערען און זיין שמייכעל האט דערציילט פון גוטסקייט, ערלאכקייט און הארציג־קייט. בטבע איז ער א שטילער, א באשיידענער, דורכגענומען מיט תמימות, אבער אין הארצען זידט ביי אים א פייער, א גליענדער פארלאנג פאר גרויסע אידישע פאלקס־ארבעט. ווי יעדע גרויסע, ליכטיגע פערזענלאכקייט רייסט ער זיך קיינמאל נישט צו ווערען קיין פירער, כאטש ער איז עס אין תוך און לויט אלע זיינע מעשים. אין ציוניזם טוט ער די שטילע אבער קערענדיגע ארבעט, באטייליגט

זיך אין די פארשיידענע קאָנפערענצען, העלפט צו פארשטארקען און אויסברייטערען די ציוניסטישע אָרגאניזאציע, נעמט אָנטייל אין די ערנסטע זאכלאכע דיסקוסיעס און אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסען איז ער נישט פון די, וואָס שיינען מיט זייער פערזענ־לאכקייט אויף דער אָפענער טריבונע, נאָר ער ארבעט מיט אָלע זיינע כחות אין די קאָמיסיעס און לייסטעט זיינע דינסטען אויף א וואונדערבארען אופן.

די, וואָס זענען אריינגעקומען אין זיין פאָטערס הויז, ווען נח איז נאָך געווען א קינד, דערציילען, אז מען האָט געזען פון אָלע זיינע ווענדונגען, אז דאָס וואקסט א גרויסער איד. דער באקאנטער ציוניסטישער עסקן און כלל טוער אברהם פאָדלישעווסקי האָט דערציילט ביי דר. דאווידזאָהנס קבר, אז ווען נח איז אלט געווען 16 יאָר פלעגט ער קומען צו אים מיט א פאק שאלות ועגען פארשיידענע כלל זאכען און ער, פאָדלישעווסקי, פלעגט אים מוזען אויף די פראגען געבען א תשובה. און אזוי ביז זיינע לעצטע טעג האָט דר. נח דאווידזאָהן געפארשט דאָס אידישע לעבען און טריי געדינט די אינטערעסען פון אידישען פאָלק.

א כאראקטעריסטישער פאקט האָט אמאָל געטראָפען, ווען דער באקאנטער משומד אין פוילען יערזשי אָר (אָרענשטיין) האָט זיך אריינגעגנבעט צו א ציוניסטישער פארזאמלונג, וואו נח דאוויד־זאָהן איז געווען אָנוועזענד. דער משומד איז געקומען אהין, אום ער זאָל נאָכהער קאָנען אָפלאכען פון דער ציוניסטישער טעטיגקייט אין דער פוילישער אנטיסעמיטישער פרעסע. דר. נח דאווידזאָהן באמערקט אים און דערלאַנגט אים א פייערדיגען פאטש. דאוויד־זאָהן, וואָס האָט לויט זיין כאראקטער, לויט זיין איינגעבוירענער צארטקייט זיכער נישט געקאָנט ווי טאָן א פליג, האָט אויפגעהויבען די האנט געגען א מענשען. אזוי איז די ארבעט פון ציוניזם אין יעדער טאָט געווען געפלאָכטען ביי אים מיט קדוש השם. ער האָט

אין דער אויפלעבונג פון געדאנק צוריקצוקערען דאס אידישע פאלק אין לאנד פון די אבות געזען די פולשטענדיגע באפרייאונג פון די אידישע ליידען, דאס ארויסנעמען די פארהארעוועטע מאסען פון פיין און יסורים, וואס זיי האבען געליטען אין פארלויף פון זייער גאנצער געשיכטע. דעריבער זיין קנאות, זיין הארטנעקיגע איבערגעגעבענהייט טאג־איין טאג־אויס אין א משך פון דרייסיג יאר, ביז וואנען די שווערע אומערמידלאכע ארבעט האט אויסגע־זויגען זיין חיות, האט אויפגעגעסען דאס קערפערלאכע אין אים, וואס האט אינגאנצען געדינט פאר כלל ארבעט, און דער גרויזאמער טויט האט אים פון אונז אוועקגענומען אויף אייביג.

.2

וועגען נח דאווידזאהן קאן מען זיכער זאגען, אז דאס בלוט פון זיין ראסע האט גערעדט אין אים. ווען מען באקענט זיך גענוי מיט זיין פילפארביג לעבען און טעטיגקייט, זעט מען באשיינ־פערלאך, אז פונקט ווי זיין זיידע, דער רב הכולל פון ווארשע, איז ער געווען כמעט אין די בעסטע יארען פון זיין לעבען פון די שבעה טובי העיר. עס איז פאראן אן אומגעהויערע ענלאכקייט אין זייערביידענס מעשים טובים. דער אונטערשייד ליגט נאר אין דער צייט, אבער נישט בלויז אין מרחק, וואס לאזט זיך ציילען אויף טעג און יארען, נאר בכלל אין די ענדערונגען, וואס זענען פארגעקומען אויף דער וועלט פון יענער צייט אן, די ענדערונגען, וואס האבען אפטמאל צעטרייסעלט דעם אידישען קבוץ.

נחם זיידע, דער ווארשעווער רב ר׳ חיים, איז געווען איינער פון די נאבעלסטע און זעלטענסטע טיפען אין דער צווייטער העלפט פון 17־טען ביז אין דער ערשטער העלפט פון 18־טען יארהונדערט. ער איז געווען איינער פון די גרויסע פערזענלאכקייטען, וועלכער האט געהאט א שטארקען גייסט און א שטארקען קערפער. איינער

פון די העלסטע און ליכטיגסטע אידישע פּאַרשטייער, וועלכע זענען געווען פירער פון אַ דור נישט בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבען אָנגעפירט מיט גרויסע מאַסען, נאָר באַזונדערס דערפאַר, ווייל זייערע מעשים טובים האָבען זיי געמאַכט בולט, לויכטענד און אָנזועבאַר פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט. ר׳ חיים דאַווידזאָהן האָט ביז 80 יאָר פון זיין לעבען קיין פירער לויט דעם נאָמען נישט געוואָלט זיין. אין נחם לעבען גייט דורך דערזעלבער שטריך ווי ביי זיין זיידען. ער האָט אויך בעסער געוואָלט זיין אַ סאָלדאַט אין דער אַרמיי, איידער אַ גענעראַל. עס איז זיכער, אַז ווען די צייט אין װאַרשע וואָלט געווען מסוגל דערצו און ר׳ לייביש וואָלט זיין זון געגעבען אַ רבנישע ערציאונג, וואָלט ער געווען איינער פון די גרעסטע רבנים־טיפּען פון פּוילען.

נישט איינמאָל, זיצענדיג ביי נחן אין הויז, האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אַז דאָס זיצט ער דאָ על כסא הרבנות און זאָגט תורה פאַר אונז. האָט ער דאָך געהאַט אַזויפיל שטריכען און אייגענשאַפטען, וואָס האָבען אַרויפגעצויגען אויף אים אַ רבישען גלאַנץ. באַזונדערס איז דאָס געווען בולט, ווען אים איז אויסגעקומען צו האַלטען אַ רעדע וועגען דער אויפלעבונג פון אידישען פאָלק, אָדער צו שמועסען אין ענינים פון באַקעמפען די אַסימילאַטאָרען. זיין ליכטיג פּנים, זיין וואַרימער שמייכעל, זיינע רייד, וואָס זענען דערביי געקומען פון טיפען האַרצען, האָבען אַרום אים געשאַפען אַן אַטמאָספערע פון קדושה. פילמאָל האָט זיך געדאַכטען, אַז זיין פּראָפעסיע איז געווען נאָר אַ מיטעל צו העלפען אָרימע און קראַנקע. אויך אין ד ע ר הינזיכט איז ער ענלאַך צו זיין זיידען, וועלכער איז געווען דורכגעדרונגען מיט מדות טובות צו העלפען דעם אָרימען און דעם קראַנקען. דערציילט מען דאָך וועגען נחן, אַז איצט לעצטענס פאַר זיין טויט האָט ער אין איין יאָר געמאַכט איבער ניין הונדערט וויזיטען צו אָרימע קראַנקע.

ווי זיין גרויסער זיידע, אנטזאגט ער זיך פון כבודים. מען לייגט אים פאר א מאנדאט אין סענאט, אנדערע ערען־אמטען, און ער נעמט זיי נישט אן. עס געלינגט קוים צו מאכען אים פאר דעם וויצע־פארזיצענדען פון דעם ציוניסטישען צענטראל קאמיטעט אין פוילען. פונקט ווי זיין גרויסען זיידען, וועלכען מען האט געגויט אנצונעמען דאס ווארשעווער רבנות און צו ווערען דער פירער פון דעם אידענטום אין פוילען. פונקט ווי זיין זיידע, איז דר. נח דאווידזאהן געווען איינער פון די אקטיווסטע מיטגלידער אין יעדער געזעלשאפטלאכער אונטערנעמונג, נישט האבענדיג די מינדעסטע פניה צו וועלען באקומען דערפאר וועלכע עס איז אנערקענונג.

א גרויסער מענש מיט א גרויסען כאראקטער, א גרויסער איד מיט א גרויסער נשמה.

איז געווען א גרויסע היסטארישע ערייגניס אין אידענטום, ווען דער טרייער אידישער פאלקס־זון האט גענומען שטורמען די באסטיליע פון דער ווארשעווער אסימילאציע. ער איז געווען די ריכטיגע פערזענלאכקייט, וואס אויף זיין נאמען זאל פארשריבען ווערען לדורות, אז ער האט געהאלפען פארטרייבען די אסימילא־טארען פון פוילען אלס פירער און דעה־זאגער פון די ריכטונגען פון דארטיגען אידענטום.

זיין טעטיגקייט אין קאמף מיט די אסימילאטארען קאן מען אנהייבען רעכענען, ווען ער האט נאך מיט קרוב צו דרייסיג יאר צוריק געגומען גרינדען די ערשטע אידישע סטודענטען־קאסע. די אסימילאטארען האבען דאן גלייך דערשמעקט, אז זייער כינעזישע וואנט באקומט שפאלטען און זיי האבען אנגעהויבען מאכען פאר־שיידענע געגען־אטאקעס. אבער נח דאווידזאהן, דער פלאם־פייער־דיגער, יונגער, ענערגישער פאלקס־זון, שרעקט זיך נישט אפ פאר דער שטארקער אסימילאציע־מויער. פארקערט, ער הייבט אן זיין

ארבעט פּלאַנמעסיג און פאַרשטאַרקט מיט יעדען טאָג זיין טעטיג־קייט, ביז וואַנען ער לייגט דעם גרונט־שטיין פאַר אַ גרויסער נאַציאָ־נאַלער אידישער באַוועגונג. ער גרינדעט די סטודענטען־גרופּע „אחוה", אין וועלכער עס טרעטען אריין אַ גרופּע התלהבותדיגע סטודענטען, צווישען זיי אַזעלכע היינט באַרימטע נעמען ווי יצחק גרינבוים, די פאַרשטאָרבענע נחמן סירקין, יאַן קירשראָט און אנדערע.

מען דאַרף גוט אין אַכט נעמען, אַז דאַן איז בכלל געווען אַ פּעריאָדע, ווען די רעאַקציע האָט געהערשט מיט איר גאַנצער קראַפט. די צאַרישע רעגירונג האָט אין יעדער באַוועגונג געזען אַ געפערלאַכע „קראַמאָלע" און האָט אונטערדריקט דעם מינדעסטען שריט פון פאַראייניגונג און געזעלשאַפטלאַכער ארבעט, וואָס האָט געהאַט אַ פּאָליטישען גרונט. אירע משרתים זענען געווען גענוג קלוג צו באַגרייפען, אַז דורך אַ קליינער באַוועגונג קאָנען אַפּירקומען די אַלע באַהאַלטענע קוואַלען, וואָס האָבען זיך געשטיקט אין די זעלען פון דער יוגענט, און אַז אַזאַ באַוועגונג קאָן ווערען געפערלאַך. די צאַרישע רעגירונג איז דעריבער געווען צופרידען מיט די אַסימי־לאַטאָרישע טענדענצען און לייסטונגען, וואָס האָבען עפענטלאַך געטראָגען אַ ריין פילאַנטראָפּישען כאַראַקטער.

נח דאַווידזאָהן האָט זיך פאַר דעם אויך נישט אָפּגעשראָקען. ער האָלט אָפּ פאַרזאַמלונגען אין די רייכע הייזער. דאָרטען ווערען געלייענט לעקציעס אויף אידיש און פּויליש וועגען דער אויפלעבונג פון אידישען פאָלק און אונטער די פאַרהאַנגען פון די רייכע צימערען ווערען אויסגעפאָרעמט די היינטיגע קאָנקרעטע פאָדערונגען פון דער נאַציאָנאַלער אידישער אויטאָנאָמיע, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרען און איז טיילוויי פאַר־ווירקלאַכט געוואָרען.

זיין היסטאָרישע ארבעט אין קאַמף מיט דער אַסימילאַציע

נעשטאלטען

הייבט זיך אן אין יאר 1905. אין גאנץ רוסלאנד האט דאן אנגע־הויבען צו ווייען א פרייהייטס־ווינטעל. עס ווערט געשאפען די דומא. עס ברעכט אויס די רעוואלוציע. און אלע פרייהייט־ליבענדע עלעמענטען נעמען זיך שטארקער און לעבעדיגער באוועגען. אין יענער צייט קומען פאר נייע וואלען צו דער ווארשעווער אידישער קהלה. דר. דאווידזאהן צינדט דאן אן אלע קנויטען פון זיין ברענענדער נשמה. ער פארלאזט כמעט זיין פראקטיק און זיין פאמיליע און שטעלט זיך אוועק אויף די באריקאדען צו שטורמען די אסימילאציע.

נח דאווידזאהן איז געווען באגאבט מיט אלע אייגענשאפטען פון א גרויסען פירער. ער האט זיך נאך פון זיין פריער יוגענט אן פאראינטערעסירט מיט סאציאלע וויסענשאפטען. ער האט ליב געהאט צו צעגלידערען מאטעמאטישע פראבלעמען, וועלכע האבען אויסגעשארפט זיין לאגיק. און ווען ער איז צוגעטראטען צום קאמף מיט די אסימילאטארען, האט אים דאס אלעס געהאלפען צוצוגרייטען אזא וויכטיגען מאטעריאל, וואס וועט בלייבען אלס א ליכטיג בלאט אין דער געשיכטע פון אידען אין פוילען. ער האט אין קאפ פון דער אסימילאטארישער באוועגונג אריינגעשלאגען א טשוואק, לויט זיין אויסדרוק, און געוויזען, אז ער איז נישט בלויז א פירער צוליב זיין פערזענלאכער ענערגיע, נאר אויך צוליב זיין וויסען. ער האט דער אידעע פון באקעמפען די אסימילאטארען אנגעטאן א מלבוש מיט אזא אינהאלט, וואס איז שפעטער אויס־געוואקסען צו א וועלט אנשויאונג. די נאציאנאלע אידישע באוועגונג אין איר תוך טראגט אין פילע הינזיכטען זיין אינהאלט, זיין גאלד געזוימטען געוועב, מיט וועלכען ער האט עס באצירט.

ער גרינדעט דאן דעם נאציאנאלען קלוב, רעדאקטירט די פויליש־אידישע צייטונג „גלאס זשידאווסקי“, וואו ער קעמפט מיט די אסימילאטארען מיט דער פעדער, און ארדענט איין אפטע

עפּענטלאַכע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ער אַגיטירט מיט זיין פערלדיג מויל. מיט זיין פשטות שאַפט ער ארום זיך א וואַרימע סביבה און דער נאַציאָנאַלער קלוב ווערט די ציטאַדעל פון דעם אידיש־נאַציאָנאַלען לאַגער לגבי דער אַסימילאַטאָרישער פעסטונג.

זיין ריזען ארבעט, די אומגעהויערע ענערגיע, וואָס ער האָט פאַר־שווענדעט דאָן, גייט נישט לאיבוד. דער ערשטער זיג איז דער־גרייכט. אין דער וואַרשעווער אידישער קהלה ווערען אויסגעקליבען צוויי נאַציאָנאַלע אידען: יוסף לעוויטע און דער איצטיגער באַקאַנטער עסקן דר. זלמן ביכאָווסקי. די רוסישע רעגירונג פסלט דאָן די וואַלען פון דר. ביכאָווסקי, אָבער דאָס פאַרקלענערט נישט דעם זיג. די אַסימילאַטאָרישע פעסטונג איז געבראָכען און פון דאַן אָן הייבט זיך אָן זייער ירידה, וואָס האָט זיך פאַרענדיגט מיט א פולשטענדיגער מפּלה נאָך דעם קריג, ווען דאָס אידענטום אין פוילען האָט באַקומען די פולשטענדיגע מעגלאַכקייט צו ערוויילען אירע פירער פריי, אָן מורא, אָן הינדערנישען. די אַסימילאַטאָרען האָבען שוין איצט נישט מער קיין שליטה אין פוילען. זיי זענען פאַרטריבען און פאַריאָגט און אין ד ע ר ארבעט האָט דר. נח דאַווידזאָהן אריינגעטראָגען זיין נשמה, זיין האַרץ און זיין לעבען און די מי איז לכל הדעות ווערט געווען.

נאָך דעם זיג פון די קהלה־וואַלען קומט פאַר דער העלסינג־פאָרסער ציוניסטישער צוזאַמענפאָר. דר. נח דאַווידזאָהן ווערט אָנערקענט אַלס דער פירער פון דער נאַציאָנאַלער אידישער באַוועג־גונג. ער ווערט ערוויילט אַלס וויצע־פאָרזיצער און ווערט דאָרט דער ראש המדברים. נח דאַווידזאָהן האָט מיט זיין טעטיגקייט צו פאַרשטאַרקען דעם נאַציאָנאַלען אידישען געדאַנק אריינגעטראָגען אין ציוניזם אין פוילען די שאַרפע גראַדליניגקייט, אַז די אידען דאַרפען קעמפען פאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסען אין יעדען לאַנד, וואו זיי וואוינען. ער האָט א גרויסען חלק אין אויסקריסטאַליזירען די

אויפפאסונג, אז די ציוניסטען דארפען אויך זיין די קעמפער פאר דער געגענוואַרטס־אַרבעט — די לאָזונג פון דר. הערצל פון כבוש את הקהלות.

ווער עס האָט געננוי געקענט דעם צושטאַנד פון אידענטום אין פוילען ביז אין יאָר 1905, דער וואָס האָט געזען דאָס חשכות אין דעם אידישען לאַגער, וואו די אַסימילאַציע מיט דער הילף פון דער אָרטאָדאָקסי האָבען געהאַט די אויבערהאַנט איבער יעדער געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט, דער וועט גיכער קאָנען אָפּשאַצען און פאַרשטיין די העראָאישע אַרבעט פון דעם פרינץ בישראל דר. נח דאַווידזאָהן.

ווי פון אַלע גרויסע מענשען און פירער וועט מיט יאָרען שפּעטער זיין נאָמען ווערען גרעסער און גרעסער. זיינע מעשים וועלען בולטער און שטראַלענדער ווערען, ווען מיר וועלען אים זען אין דער פּערספּעקטיווע. זיין נאָמען מוז און וועט דינען אַלס מוסטער, אַלס אַ סימבאָל פון אידישער פאָלקס־איבערגעגעבענהייט פאַר אידישער פרייהייט, רעכט, אמת און יושר. ער איז געווען אַ הערלאַכער שיין־גייסט, וועלכער האָט מקריב געווען זיין לעבען פאַר דער באַפרייאונג פון אידישען פאָלק, וועלכער האָט געהאָלפען דאָס פאָלק אַלס אַ גאַנצעס אויסלייזען פון גלות און באַפרייען פון גייסטיגער קנעכטשאַפט.

3.

עס איז מיין טיפסטע איבערצייגונג, אַז ווען דר. נח דאַווידזאָהן וואָלט נישט געהאַט קיין שטרויכלונגען אויפן וועג פון זיין פּריוואַטען לעבען, וואָלט אַ צווייטער הערצל פון אים אויסגעוואַקסען. ער האָט געהאַט אַלע מעלות דערצו. ער איז געווען אַ טרוימער און איינער פון די גרויסע פיגורען, וועלכער האָט געקאָנט מאַכען די גרעסטע אָנשטרענגונג זיינע טרוימען צו פאַרוואַנדלען אין ווירק־

לאַכקייטען. זיין כאַראַקטער איז געווען ווי אַ זויבערער בריליאַנט, ליכטיג־פאַרביג און פון נאַטור געשליפען. ער האָט געטראָגען אויף זיך גייסטרייכקייט, וואָס איז אַרויסגעוואַקסען פון דער טיפעניש פון זיין נשמה. אָבער צוויי זאַכען האָבען אים געשטערט צו ווערען דער אַלוועלטלאַכער אידישער פירער: זיין שוואַכער געזונט־צושטאַנד, וואָס האָט זיך ביי אים אַנטוויקעלט צוליב זיין אומ־ערמידלאַכער אַרבעט פאַר דעם אידישען כלל און באַזונדערס צוליב דעם, וואָס זיין פאַמיליען־לעבען איז נישט געווען גליקלאַך.

ביי אַזאַ צאַרטער גאַנצער פערזענלאַכקייט, ווי דר. נח דאַוויד־זאָהן האָט דאָס געמוזט האָבען אַ געוואַלדיגע ווירקונג אויף זיין נשמה־צושטאַנד. זיין ערשטע פרוי איז געווען די טאָכטער פון אַ באַקאַנטער וואַרשעווער פאַמיליע. ווי עס טרעפט זיך אין פאַמיליען־לעבען, האָבען זיי ביידע נישט האַרמאָנירט און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז זיי האָבען זיך געגט. פאַראַן מענשען, אויף וועלכע אַזעלכע צעשיידונגען האָבען נישט קיין צו שטאַרקע ווירקונג, אָבער נישט ביי אַזעלכע פערזענלאַכקייטען, ווי דר. דאַווידזאָהן איז געווען. ביי אים איז עס געווען אַ טראַגעדיע, וואָס האָט זיך צייטענלאַנג אָפגעשפיגעלט אויף זיין גאַנצען וועזען. ער איז פון דער געשעעניש געווען צעבראָכען און נאָר זיין איבער־געגעבענהייט פאַר דעם אידישען כלל האָט אים אַרויסגעהאָלפען צו פאַרטרייבען זיין מרה שחורה, וואָס האָט גערוט אויף אים צייטענווייז.

זיין ערשטע פרוי האָט אים געבוירען איין זון, וועלכען ער האָט זיך באַמיט צו געבען אַזאַ ערציאונג, וואָס זאָל זיין אי וועלטלאַך און אי אידיש. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דר. נח דאַווידזאָהן, אַז ווען זיין זון איז נאָך געווען גאַנץ יונג, האָט ער געחלומט פון אים צו מאַכען אַ אידישען שטאַטסמאַן. ער האָט דעריבער זיין זון געשיקט ערציען קיין פראַנקפורט אם מאַין, די

שטאַט, וואָס האָט אַרויסגעגעבען די פּראָמסטע אידען אין דייטש־לאַנד, וואָס זענען צוגלייכער צייט געווען דורכגעדרונגען מיט דער איירָאָפּעאישער קולטור.

און פון דאַן אָן הייבט זיך אָן דאָס מערקווירדיגע פאַמיליען־בלאַט אין דר. נח דאַווידזאָהנס לעבען, וואָס האָט געפירט צו דעם, ער זאָל חתונה האָבען מיט דער טאָכטער פון בארימטען רוסישען גענעראַל רוזסקי, דער נאָענטסטער בעל יועץ פון ניקאָלאַי דעם צווייטען. די גאַנצע מעשה קלינגט ווי אַ לעגענדע, ווי אַ מעשהלע פון טויזענט און איין נאַכט, אָבער ווען מען ווייסט די איינצעלהייטען, ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, ווערט דר. נח דאַוויד־זאָהן נאָך אינטערעסאַנטער און עס דעקט זיך פאַר אונז אויף אַ ניי ווינקעל פון זיין רייכער נשמה.

און אָט ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבען אויסשפּינען דער ראָמאַן, וואָס האָט אַרויסגערופען די איבערראַשונג אויף דער גאַנצער אידישער וועלט, אומעטום, וואו די ידיעה האָט זיך נאָר פאַרשפּרייט.

נישט ווייט פון פראַנקפורט אַם מאַין, אין גאַנצען אַ האַלבע שעה רייזע פון דאָרט, געפינט זיך דער בארימטער זומער־פּלאַץ האָמבורג, איינער פון די פּראַכטפולסטע אָפּרו־פּלעצער אין דייטש־לאַנד. און אַזוי ווי דר. דאַווידזאָהן איז אָפטמאָל געפאָרען פון װאַרשע באַזוכען זיין איינציגען זון אין דער שולע, וואו ער האָט זיך ערצויגען, פּלעגט ער אין דערזעלבער צייט פאָרען אויף אָפּרו פון פראַנקפורט נאָך האָמבורג. מיט דער צייט האָט ער זיך אַזוי איינגעלעבט אין דעם שיינעם ערדישען גן־עדן, אַז זומערצייט, ווען האָמבורג איז געווען אין זיין פולער בליאונג, פּלעגט ער דאָרטען פאַרברענגען צוויי חדשים.

האָמבורג איז געווען דער פּלאַץ, וואו עס פּלעגען זומער וואוינען די רוסישע רייכע געסט. צווישען זיי האָבען זיך געפונען נישט ווייניג פון דער געוועזענער קייזערלאַכער פאַמיליע, בארימטע גענע־

ראַלען און גראַפען מיט זייערע גרענד דאַמען. מען דערציילט דערביי אַ שפּאַס, אַז די רוסישע אָפיציעלע פּערזענלאַכקייטען, וועלכע האָבען ביי זיך אין דער היים, אין רוסלאַנד, געשמט פאַר ביטערע רעאַקציאָנערען, פלעגען דאָרטען, אין האַמבורג, האַלטען זיך גאַנץ דעמאָקראַטיש און נישט איינער פון זיי האָט זיך באַפריינדעט מיט זיין אידישען שכן. צווישען די אַלע גענעראַלען און פירשטען האָט דאָרטען אויך געהאַט זיין אייגענע ווילאַ דער גענעראַל רוזסקי. זומערצייט פלעגט ער אָהינקומען מיט זיין פאַמיליע און דאָרטען פאַרברענגען כמעט אַ גאַנצען סעזאָן.

האָט זיך פונקט געטראָפען, אַז דר. נח דאַווידזאָהן האָט אַרום דעם יאָר 1910 געדונגען אַ וואוינונג אין האַמבורג, נישט ווייט פון גענעראַל רוזסקים ווילע. אַלס שכנים האָבען זיי זיך יעדען טאָג באַגעגענט און באַגריסט, אָבער גערעדט האָבען זיי צווישען זיך קיינמאָל נישט.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז גענעראַל רוזסקי ווערט קראַנק אויף די אויגען. מען זוכט אַ דאָקטאָר. צופעליג ווערט עמיץ פון זיין פאַמיליע געוואויר, אַז נישט ווייט פון זיי וואוינט אַ מאַן מיט דעם נאָמען דר. דאַווידזאָהן, וועלכער איז אַ באַרימטער אויגען דאָקטאָר. מען האָט אים אַהין גלייך איינגעלאַדען. דר. דאַווידזאָהן האָט רוזסקין געגעבען די ערשטע נויטיגע הילף און אים ערקלערט, אַז זיינע אויגען מוזען זיין פאַר אַ געוויסער צייט אונטער אַ שטרענגער אויפזיכט.

דר. דאַווידזאָהן איז געווען אַ מאַיעסטעטישע פיגור. זיין פּנים האָט באַצויבערט און זיין אייננעמענדער שיינער כאַראַקטער האָט זיך געפילט אויף שריט און טריט. און ווען ער איז געקומען אין באַרירונג מיט מענשען, אפילו דאָס ערשטע מאָל, האָט ער גלייך נושא חן געווען מיט זיין צאַרטער באַנעמונג און אַריסטאָ־קראַטישער האַלטונג. עס איז פאַרשטענדלאַך, אַז אין גענעראַלס

פאמיליע האט דר. דאווידזאהן געמאכט א וואונדערבארען איינדרוק. און דער גענעראל האט אים געבעטען צו קומען יעדען טאג.

אין משך פון זעקס וואכען צייט האט דר. דאווידזאהן אים יעדען פרימארגען באזוכט און אים געגעבען די נויטיגע מעדיצינישע באהאנדלונג.

נאך זעקס וואכען האט דער דאקטאר דערקלערט דעם גענעראל, אז די אויגען זענען שוין פולשטענדיג געהיילט און ער דארף שוין מער נישט קיין מעדיצינישע הילף. דער גענעראל האט א שמייכעל געטאן מיט צופרידענהייט און ארויסגענומען דעם פעטען טייסטער צו באצאלען דעם דאקטאר פאר זיין מי. אבער ווי דערשטוינט איז ער געווארען און צוזאמען מיט אים זיין פרוי און קינדער, ווען דר. דאווידזאהן האט זיך אפגעזאגט פון דעם האנאראר און האט דערביי ערקלערט, אז דא אין האמבורג איז ער געקומען זיך אפרוען און פארנעמט זיך נישט מיט זיין פראקטיק, און צום גענעראל איז ער געקומען בלויז ווי צו א שכן. די דאזיגע ווערטער, וואס זענען געקומען באגלייט מיט א פולען הארציגען שמייכעל און מיט א גלאנץ אין די ליכטיגע אויגען, האבען אויף דעם גענעראל געמאכט אן אויסערגעווענלאך גוטען איינדרוק, און פון דעמאלט אן איז דר. דאווידזאהן געווארען א שטענדיגער אריינגייער אין רוזסקיס ווילע.

גענעראל רוזסקי האט געהאט א טאכטער, וואס האט געטראגען אויף זיך דעם עכטען רוסישען חן. זי איז געווען העכסט סימפאטיש מיט איר נשמהדיגקייט, לויט דעם ברייטען רוסישען שניט. איר מאדערנער בליק אויפן לעבען האט געקאנט פאראינטערעסירען אזא אינטעלעקטועלען מענשען ווי דר. נח דאווידזאהן. האבען זיי טאקע אפט געשמועסט צווישען זיך, גערעדט וועגען דער רוסישער קולטור, וועגען רוסלאנד אין אלגעמיין און אויך אמאל איבער אידישע פראגען. זי האט זיך בכלל ארויסגעוויזען אלס א ליבעראלער מענש

אין פולען זין פון וואָרט און איז באמת געווען אַ שיינע איידעלע נשמה, וואָס גיט זיך אַמאָל איין אין די רוסישע גרויסע אַריסטאָקראַטישע הייזער. מיט איר גרויסער מאָס אינטעליגענץ און אַלגעמיינער בילדונג האָט זי געקאָנט אַרויסרופען אַכטונג און פולען רעספּעקט ביי אַזאַ אייראָפּעאישען אינטעליגענטען און שיינעם אידען, ווי דר. נח דאווידזאָהן. דער רעזולטאַט פון זייער ביידענס אינטימע שמועסען און פון געגענזייטיגער אַכטונג איז געווען, וואָס זיי האָבען זיך ביידע נענטער דערקענט און זיך יאָרען לאַנג אָפט געזען.

די, וואָס האָבען פערזענליך געקענט דר. דאווידזאָהן און געוואוסט וועגען זיין איבערגעגעבענהייט צום אידישען פאָלק, ווי אויך זיין אָנשויאונג איבער דעם אידענטום, זענען געווען זיכער, אז ער האָט אפילו קיינמאָל נישט געחלומט צו הייראַטען אַ נישט אידישע פרוי. ער האָט זיך צופיל געגרויסט מיט זיין יחוס, איז געווען צופיל טריי די אידישע פאָלקס־אינטערעסען, אז ער זאָל חתונה האָבען מיט אַ קריסטין, ווייל דאָס וואָלט פון אים אוועקגענומען דעם חן און די לייטזעליגקייט ביים אידענטום אין פוילען, ביי וועמען אַזאַ זאַך געהערט צו די ערנסטע פאַרברעכענס.

וואָלט נישט אויסגעבראָכען דער גרויסער וועלט־קריג, איז גאַנץ מעגליך, אז זייער הארציגע באַציאונג וואָלט זיך באַגרענעצט אויף דעם, וואָס זיי וואָלטען געבליבען בלויז פריינט אויף זייער גאַנץ לעבען. אין יענער סטאַטישער צייט וואָלט אפשר אוממעגליך געווען, אז דעם גענעראַל רוזסקים טאָכטער זאָל זיך מגייר זיין און חתונה האָבען מיט אַ אידישען דאָקטאָר, מעג ער זיין אַזאַ שיין־גייסט ווי דר. דאווידזאָהן. אָבער וואָס עס האָט אויף קיין פאַל נישט געקאָנט טאָן די פרידלאָכע רואיגע צייט ביז 1914, האָט אָבער יאָ געטאָן די בלוטיגע מלחמה.

ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער וועלט־קריג און גענעראַל

רוזסקי איז שטארק עולה לגדולה געווארען, איז דר. דאווידזאהן אין א שיינעם העלען טאג גערופען געווארען פון די הויכע רוסישע מיליטערישע באאמטע צו פארנעמען דעם אמט פון מיליטער דאקטאר מיט דעם טיטול פאלקאווניק איבער די שפיטעלער פון קיעווער ראיאן, וועמענס צענטער איז געווען אין קיעוו.

אלס פאלקאווניק איז ער נאר אויף איין טאג געקומען צו זיין פאטער אנגעטאן אין פולען מיליטערישען אוניפארם. פון דעם וויזיט האט כמעט קיינער נישט געוואוסט, אויסער די עלטערן, שוועסטער, ברידער און איניגע פריינט.

דר. נח דאווידזאהן האט גוט געוואוסט דעם איינפלוס פון גענעראל רוזסקי און עס איז אן צווייפעל, אז ער האט אויסגענוצט זיין פאראנטווארטלאכע שטעלע לטובת די אידען אין רוסלאנד. עס איז נאר א גרויסער שאד וואס מען ווייסט נישט גענוי וועגען דר. נח דאווידזאהנס טעטיגקייט אין דער צייט ווען ער האט פאר־בראכט אלס פאלקאווניק אין די האספיטעלער, וועלכע זענען געווען אין מיליטערישען ראיאן פון גענעראל רוזסקי. א נייע אפשפיגלונג פון זיין נשמה וואלט זיך דאן אנטדעקט, אבער דער פאקט אן איינצעלהייטען איז באוואוסט, אז פילע מאל האט ער זיך באמיט דורך רוזסקין פאר אידישע ענינים און האט געפועלט, אז מען זאל די דעמאלטיגע לאגע פון די אידען פארבעסערען.

מיטן מאמענט, ווען פוילען איז אפגעשניטען געווארען פון רוסלאנד און די דייטשען זענען אין יאר 1916 אריין נאך פוילען, האט מען מער פון דר. נח דאווידזאהן נישט געהערט. עס איז בכלל געווען א צייט, ווען אפילו דורך די נייטראלע לענדער איז שווער געווען צו מאכען וועלכע עס איז פארבינדונגען מיט רוסלאנד. איבער דער צייט איז דר. נח דאווידזאהנס מוטער געשטארבען. דאס איז געווען א גרויסער קלאפ פאר זיין פאטער. ער האט געוואלט, אז זיין נח זאל זאגען קדיש נאך דער מוטער און עס

זענען דעריבער אָנגעווענדעט געוואָרען אַלע מיטלען אים צו דער־גרייכען. זיין צווייטער ברודער, דר. יוסף דאווידזאָהן, האָט זיך אויך דאַן געפונען אין מאָסקווע און ווען מען האָט געשיקט טעלע־גראַמען קיין מאָסקווע דורך די נייטראַלע לענדער, איז די טעלע־גראַמע צו דר. יוסף דאווידזאָהן דערגאַנגען, אָבער צו נחן נישט. פון דעם האָבען זיך דערוואוסט די פּאָליטיש־אידישע שונאים פון ר׳ לייבישען, וואָס האָבען אין זיין עקשנותדיגער נאַציאָנאַלער טעטיגקייט געזען אַ שטערונג צו זייער אַקטיוויטעט. באַזונדערס האָבען דאָס אויסגענוצט אַ הייפעל ניי אויפגעקומענע אָרטאָדאָקסישע פירער און זיי האָבען אין זייער צייטונג „דער איד“ אויף אַן אומווירדיגען אופן פאַרשפּרייט אַ ידיעה, וואָס האָט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערען, אַז נח דאווידזאָהן האָט חלילה אָפּגעקערט זיך פון אידישען גלויבען. זיי האָבען ר׳ לייבישען אָנגערופען „רוזסקים שוער“.

ווייל די וועגען וואָס פירען קיין רוסלאַנד זענען געווען אָפּגעשניטען, און ווייל, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, איז נח דאווידזאָהן אָפּגעפאָרען טיפער אין רוסלאַנד, האָט קיין ידיעה פון וואַרשע צו אים נישט געקאָנט דערגרייכען און ער האָט נישט געהאַט די מעגלאַכקייט אָפּצולייקענען די ווילדע קלאַנגען, וואָס האָבען פאַרשאַפט צער און עגמת נפש דעם אַלטען פאָטער און טויזענטער פון דר. נח דאווידזאָהנס פאַרערער. שפּעטער, ווען די וועגען פון רוסלאַנד האָבען זיך געעפענט, האָט זיך אַרויס־געוויזען, וואָס עס איז געווען פאַראויסצוזען, אַז אויך דאָרטען, אין אַ ווייטען פאַרוואָרפענעם ווינקעל, האָט ער, נח, נישט אויפ־געהערט צו שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדים פון דער אידישער אויפ־לעבונג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט טאַקע חתונה געהאַט מיט גענעראַל רוזסקים טאָכטער, זיין אַמאָליגער פריינדין, אָבער יענע האָט זיך מגייר געווען און איז געוואָרען אַ טרייע

אידישע טאכטער, וועלכע האט געטיילט זיין גורל אין קאמף פאר דער אידישער אויפלעבונג. אין קיסלאוואדסק, וואו דר. דאווידזאהן מיט זיין פרוי האבען אין רוסלאנד געמאכט זייער היים, האט ער ווידער אנגעהויבען פירען זיין נאציאנאלע אידישע טעטיגקייט און איז נאך א קורצער צייט זיין אקטיוו אין דעם דארטיגען אידישען לעבען אויסגעקליבען געווארען אלס פארזיצענדער פון דער אידישער קהלה.

אין מיטען זיין טעטיגקייט האט ער אבער ערפארען, אז אין פוילען גייען ארום וועגען אים משונהדיגע קלאנגען, האט ער צוזאמען מיט זיין פרוי און קליינעם קינד אונטערגענומען א רייזע אהין. דאס איז געווען אין דער צייט, ווען די באלשעוויסטישע רעוואלוציע איז נאך נישט געווען פארענדיגט און אזא רייזע האט געדראט מיט גרוים געפאר פאר דעם לעבען. זיין געפערלאכע וואגענדע רייזע שטימט אבער מיט דעם כאראקטער פון נח דאוויד־זאהן. ער האט פארשטאנען, וואס די ווילדע, פאלשע קלאנגען קאנען באדייטען פאר זיין אלטען פאטער, וועלכער האט אים אזוי היים ליב געהאט און בכלל וואס פאר א שאדען דאס קאן ברענגען דעם נאציאנאלען אידישען געדאנק, וועלכען ער האט זיין גאנץ לעבען געדינט מיט אייפער און פייער.

ווען ער איז אנגעקומען קיין פוילען און זיך באגעגענט מיט זיין פאטער, ווערט דערציילט, האט ר׳ לייביש אים אין אנפאנג אויפגענומען זייער קאלט. אבער ווען דר. נח דאווידזאהן האט אים באוויזען אלע נויטיגע דאקומענטען, אז ער האט חתונה געהאט כדת משה וישראל און זיין פרוי האט זיך מגייר געווען, האט זיין שטרענג פנים א שמייכעל געטאן.

ר׳ לייביש האט באלד נאכדעם ווידער דערזען די מעשים פון זיין גרויסען זון און אים איז ווידער אויסגעקומען צו דערלעבען נחת פון זיין בכור, וועלכער, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער

איז געווען אַלט פון ליידען און שווערע איבערלעבונגען, איז ער ווידער געוואָרען דער סימבאָל פון קאַמף פאַר די אידישע פאָלקס־אינטערעסען.

4.

די לעצטע פינף יאָר פון דר. נח דאַווידזאָהנס לעבען זענען די קרוין פון זיין נאַציאָנאַלער אידישער ארבעט. אין דער הערא־אישער ארבעט, וואָס גלייך נאָך זיין טויט איז שווער אויפצונעמען אַלע איינצעלהייטען, האָט ער זיך איינגאַנצען ווי אויסגעלעבט. מיט זיין איבערמענשלאַכען כח, זייענדיג באמת קראַנק און צעבראָכען, האָט ער געוויזען אַביישפּיל פאַר דורות, וואָס עס הייסט ברענגען אַ קרבן דעם גוף צוזאַמען מיט דער נשמה אויפן מזבח פון דער אידישער באפרייאונג. אַלע באַהאַלטענע כחות, וואָס האָבען געברויזט אין אים פון יענע צייטען, ווען מען האָט זיך ניט געקאָנט פריי אויסלעבען אַלס מענש און איד, אַלס קעמפּער און נאַציאָנאַלער טוער, האָבען אויפגעטויכט און זענען געקומען צום פולען אויסדרוק. זיין מידקייט פון דעם שווערען קריג, זיין פיזישע אויסגעמאַטערט־קייט האָבען אים נישט אָפּגעהאַלטען פון צו טאָן די שווערסטע ארבעטען. ער גייט אין שפּאַן לויט זיין וואונש, וואָס קומט פון זיין גאַנצען וועזען — ווי אַ סאָלדאַט אין דער ארמיי — און טוט אויף זיך אָן, אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין, נייע לאַרבער בלעטער פון לויב, אַכטונג און אָנערקענונג.

ביז דעם קריג איז דאָך אַזוי שווער געווען צו טאָן אינגאַנצען פריי די נאַציאָנאַלע אידישע ארבעט. עס איז דאָך אייגענטלאָך אָנגעגאַנגען דאַן אַ דאָפּעלטער קאַמף סיי מיט די אַלגעמיינע רעאַקציאָנערע כחות, און סיי מיט דער אינערלאַכער אידישער רעאַקציע, וואָס האָט אין משך פון אַ גאַנצען דור איינגעזויגען אין זיך דעם סם פון קנעכטשאַפט, פון דינען דעם פריץ בעל ברחך.

ווען די מלחמה האט אויסגעבראכען, דויערט נישט לאנג און ער ווערט גערופען אויפן פראנט. און אז ער איז צוריקגעקומען און דערזען, וואס עס גייט פאר אין אידישען לעבען און אז א סך בייטען זענען נאך נישט צעאקערט, האט ער געגומען זיין גייסטיגען גראב־אייזען אין דער האנט און זיך געשטעלט צו דער עבודה.

דער, וואס האט נאכגעפאלגט זיין טעטיגקייט פאר די לעצטע פינף יאר אין פוילען, קאן נאר אויסדריקען זיין באוואונדערונג, ווי אזוי ער האט געקאנט באווייזען מיט זיין שוואכען געזונט דאס אלעס צו טאן. אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע נעמט ער אנטייל אין אלע אירע אקטיוויטעטען. עס איז נישט פאראן קיין צווייג פון דער ארבעט, אין וועלכער ער זאל נישט אנטייל נעמען. פירט אויס די פאראנטווארטלאכסטע שליחותן. די ערנסטע און דרינגענדסטע אויפטראגען ווערען איבערגעגעבען אין זיין האנט און בישלאכווייז ווערט ער דער ציון־פירער אן דעם אפיציעלען טיטול. ער באקומט אבער דעם טיטול פון די ברייטע מאסען, וועלכע שאצען אפ זיין מסירת נפש, זיין הייליגע ערנסטקייט, מיט וועלכער ער באשיינט יעדען טאט. ער ווערט אויסגעקליבען אלס פארזיצענדער אויף די יערלאכע ציוניסטישע קאנפערענצען און עס איז אזוי פאר־שטענדלאך, אז ווען דאס אידענטום אין פוילען וויל באגריסען דעם אלוועלטלאכען פירער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע דר. חיים ווייצמאן, וועלכער פארט פארביי פוילען, שיקט מען נח דאווידזאהן ער זאל אים אויפנעמען אין נאמען פון אידענטום אין פוילען. קיין שענערען פארשטייער האבען זיי זיכער נישט געקאנט אויסקלויבען. זיי האבען דורך אים געשיקט א שטיק נשמה פון די אידען אין פוילען, וועלכע האבען געוויזען אין פארלויף פון די לעצטע יארען, אז זיי האבען גענוג התלהבות, גענוג חלוצישע כוחות אויפצובויען ארץ־ישראל.

ווען ער איז מיד געווארען פון דער אומגעהויערער ארבעט,

פיזיש מיד, (גייסטיג מיד איז ער קיינמאָל נישט געווען, ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטעמצוג). פאַרט ער אין יאָר 1924 קיין ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פון זיין פאָלקס האָפענונג, און ווידער קומט ער צוריק אַ דערפרישטער. זיין שוואַך האַרץ האָט אריינגעזויגען אין זיך די הייסע ברענענדע שטראַלען פון דער ארץ־ישראל זון און זיין פנים, וואָס איז ביז דאַן געווען בלייך, באַקומט אַ ברוינלאַכע קאָליר און זיינע אויגען ווערען ברענענדער. אַ נייער פלאַם פון ענערגי באַהערשט אים און מיט נייעם לעבענסמוט גייט ער אַנטקעגען דעם קאַמף פון לעבען.

נישט וויינינגער ווי די אַלגעמיינע ציוניסטישע אַרבעט אינטערעסירט אים דאָס נעגענוווערטיגע לעבען פון די אידען אין פוילען. ער ווייסט גוט, אַז אום מיר זאָלען קאָנען אויף שטענדיג אָנהאַלטען די נאַציאָנאַלע אידישע פּאָזיציע, מוז מען ערציען אַ נייעם דור פון אידישע פירער, מוז מען זען, אַז די יוגענט און באַזונדערס די אידישע סטודענטענשאַפט, וועלכע האָט די פאַרבאַרייטונגען צו קאָנען ווערען די פאַרטרעטער פון דעם נאַציאָנאַלען קאַמף, זאָל נישט פאַרלוירען גיין פאַר אונז. ער איז צו שאַרפזיניג נישט צו זען, אַז נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די אַסימילאַטאָרען זענען פאַרטריבען געוואָרען אַלס די לייטער און פירער פון פוילישען אידענטום, זענען נאָך אַלץ פאַרבליבען די זאָמען פון דער אַסימילאַציע, וועלכע פאַרשפּרייטען זיך ווידער צווישען אַ טייל פון דער אידישער יוגענט אין פוילען. ער נעמט דעריבער זאָרגען מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים, מיט זיין גאַנצער פייערדיגער ענערגי, אַז די אידישע סטודענטענשאַפט זאָל גיין אין די ריכטונגען, וואָס זאָלען פירען צו דעם, אַז זיי זאָלען מיט דער צייט קאָנען ווערען די יורשים, וואָס די ביז איצטיגע נאַציאָנאַלע אידישע פירער וועלען איבערלאָזען און וויטער טראָגען די ירושה מיט דערזעלבער ענערגי און אויסגעהאַלטענקייט.

דר. נח דאווידזאָהן נעמט דעריבער אַן אומגעהויער גרויסען אינטערעס אין דער אָרגאַניזירונג פון דער אידישער סטודענטען־שאַפט אין פוילען. אויף יעדען ווינקעל איז וואַך זיין אויג, ביז ער ווערט אויסגעקליבען אַלס דער פאַרוואַלטער פון דער סטודענטען־היים „אוקזיליום אַקאַדעמיקום יודאאיקום״ אין ווארשע, און ווערט באַלד פון אָנפאַנג אָן געאַכטעט און געשעצט פון יעדען סטודענט, וועלכער קומט אין זיין סביבה. און אַזוי נעמט ער אַן אַקטיווען אָנטייל מיט זיין פייער און אייפער, מיט זיין פולבלוטיגער איבער־געגעבענהייט אין יעדער געזעלשאַפטלאַכער טעטיגקייט און ווערט דער שטאָלץ פון אידענטום אין פוילען. ער דינט אַלס ביישפיל פון פאָלקס־איבערגעגעבענהייט און פון איבערמענשלאַכער אָנשטרענגונג פאַר דעם וואויל פון אידישען פאָלק.

שוין זייענדיג אין פוילען האָט זיך אויך נישט איבערגעריסען זיין לעבענס־טרויער וואָס האָט אים פילמאָל באַגלייט אין לעבען. זיין בת יחידה, וואָס האָט אים געבוירען זיין צווייטע איבערגעגע־בענע פרוי, איז געשטאָרבען אין עלטער פון אַכט יאָר, וואָס איז געווען פאַר אים ווי פאַר איר אַ שווערער קלאַפּ. אָבער ווידער האָט ער געפונען זיין טרייסט אין דער נשמהדיגער אַרבעט פאַר דעם אידישען פאָלק, און פאַרטרונקען זיין פערזענלאַכען טרויער אין דעם ים פון ליידען וואָס מיליאָנען פון זיינע ברידער האָבען געליטען, און געשעפּט לעבענס חיות פון דעם בעכער, וואָס האָט געשוימט מיט האָפענונגען פאַר דעם עתיד.

נישט זייענדיג אין פוילען אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרען, ווען דר. נח דאווידזאָהן איז צוריקגעקומען, איז מיר שווער בלויז פון צייטונגס אויסשניטען צונויפצונעמען אַלע איינצעלהייטען פון זיין העראָאישער טעטיגקייט. דעריבער וויל איך ברענגען אייניגע זאַצען פון די, וואָס האָבען גערעדט ביי זיין קבר, וואָס וועט מער

אויסדריקען ווי אין מיינע שטאַרקסטע ווערטער וואָס ער איז געווען פאַר דעם אידענטום אין פּוילען.

פּראָפעסאָר שאָר כאַראַקטעריזירט דעם נפטר אַלס הערזאָס פון דעם אידישען נאַציאָנאַלען קאַמף, אַלס מענש פון מעכטיגען שטאַ־לענעם ווילען און אַ קריסטאַל ריינער נשמה, וואָס זיין טויט ווערט באַוויינט דורך זייער אַ גרויסער משפחה, דורכן גאַנצען אידישען פאָלק.

ל. לעוויטע, פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילען: „ער איז געווען דער סימבאָל פון דעם הייליגען פאַנאַטישען גלויבען אין ציוניסטישען אידעאַל און האָט אַלץ מקריב געווען פאַר דער פאַרווירקלאַכונג פון דעם דאָזיגען אידעאַל. די געשיכטע פון ציוניזם און פונם אידישען נאַציאָנאַלען קאַמף אין פּוילען איז ענג פאַרבונדען מיט דעם נאָמען פון נח דאווידזאָהן".

דר. גרשון לעווין: „אַן אַריסטאָקראַט פון זיין אָפּשטאַמונג, איז ער געווען אַ דעמאָקראַט ביזן מאַרך פון די ביינער. אַן איירא־פּעער אין בעסטען זין פון וואָרט, האָט ער געוואַלדיג ליב געהאַט אידישע פאָלקסטימלאַכקייט און טראַדיציע. לעבענסלוסטיג ביז גאָר האָט ער זיך מקריב געווען פאַרן כלל, געאַרבעט טעג און נעכט נישט עסענדיג און נישט שלאָפענדיג".

יצחק גרינבוים: „דאַווידזאָהן איז געווען גלייכצייטיג אַ פירער און אַ זעלנער, דיסציפּלינירט ווי קיין אַנדערער, ער איז געשטאָרבען אין מיטען קאַמף אין מיטען דער אַרבעט. ערשט אַ וואָך פאַר זיין טויט ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען ראַטעווען דעם כבוד פון פּוילישען אידענטום, איז ער קראַנקערהייט געפאָרען קיין לעמבערג".

א. פּאָדלישעווסקי: „זיין גאַנץ לעבען, זיין גאַנץ פאַרמעגען און זיינע אַלע כחות האָט דאַווידזאָהן אָפּגעגעבען דעם אידישען פאָלק. און אפילו די צייט, וואָס ער איז געווען פון אונז אָפּגעריסען, ווען ער איז געווען דער גענעראַל אין דער רוסישער אַרמיי, האָט

ער אויך דארט געראטעוועט הונדערטער אידען פון טויט. זייענדיג א זון פון א מיליאָנער, האָט ער זיך שטענדיג געחברט נאָר מיט די וואָס האָבען אים געהאָלפען אין זיין ארבעט אויפצוהויבען דאָס אידישע פאָלק, און דאָס רוב פון די דאָזיגע חברים זענען גראָד געוועזן די אָרימסטע פון דער אידישער אינטעליגענץ".

מיט דעם טויט פון דר. נח דאווידזאָהן איז א פערל פון ישראלס קרוין ארויסגעפאלען.

שריפטשטעלער און קולטור־טרעגער

י. ל. פּרץ

י. ל. פּרץ איז געווען איינער פון די גרעסטע זיילען אין דער אידישער ליטעראַטור און איינער פון די פאַרביגסטע יחידים, וועלכער וועט ווי דער בעל שם טוב פאַרבלייבען אין זכרון פון די אידישע פאָלקס־מאַסען אויף דורות. דער בעש"ט האָט אַריינגעטראָגען פרייד אין די פאַרהאַרעוועטע גלידער פון די אידישע גלות־קינדער, נאָך אים איז געקומען אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון חסידישע רביים, וועלכע האָבען דעם בעש"טס חסידישע תורות און געדאַנקען פאַרשפּרייט אין יעדער שטאָט און שטעטעל. און ווען דאָס חסידות האָט אָנגעהויבען פאַרווישט ווערען, איז געקומען פּרץ און האָט דאָס חסידות ווידער אויפגעפרישט, אָנגעטאָן עס אין אַ ניי זיידען פּרוכת, אויסגעהאַפטען מיט די טייערסטע אָרנאַמענטען און דאָס חסידות אַלס אַ וואונדערבאַרע שאַפונג אַריינגעשטעלט אין היכל פון דער אידישער קונסט.

י. ל. פּרץ איז געווען אַ נייער שטערען. ער האָט אין דער אידישער יצירה אַריינגעטראָגען אַ ניי ליכט, וואָס האָט און וועט נאָך באַלייכטען אונזער גרויע סביבה אויף דורות. ער האָט מיט זיין שאַפען אַריינגעפלאָכטען אַ נייעם רינג אין דער גאָלדענער קייט פון אונזער רייכער קולטור און אַזוי אַרום ווידער אַרויסגעהויבען אונזער נאַציאָנאַלען מהות. ער האָט אויפסניי איבערגעדיכטעט אונזערע אייביגע ווערטען און אַוועקגעשטעלט זיך און זיינע ווערק אַלס אַן אייביגען מאָנומענט.

נישט בלויז דורך זיינע שריפטען — דורך זיינע חסידישע דערציילונגען און פאָלקסטימלאַכע געשיכטען, וואָס זענען פּערל אין דער וועלט־ליטעראַטור, — איז ער געווען דער גרויסער מייסטער, נאָר

אויך דורך זיינע רעדעס, וואס קאנען פארעכנט ווערען סיי אין סטיל און סיי אין אינהאלט צו די רייכסטע און קערענדיגסטע וועלט־רעדעס. און אויסער דער מייסטער אין ווארט און אין שריפט, איז ער אפגעזען פון דעם געווען די גרויסע פערזענלאכקייט.

וויל איך דערציילען וועגען צוויי מאמענטען פון זיין לעבען. פון אזא שטראלענדער פערזענלאכקייט ווי פרץ איז געווען, טאר נישט פארהוילען ווערען קיין איין שטריך און ווער שמועסט פאקטען, וואס קאנען אונז געבען אמאל דעם שליסעל צו זיין גרויסקייט און שלמות.

1.

פרץ, דער גרויסער אידישער קינסטלער, דער קינסטלער נישט נאר, ווען ער האט זיינע מייסטערהאפטע געדאנקען אויסגעדריקט אויף וויס פאפיר, נאר פרץ דער קינסטלער אין לעבען, דער אייביג יונגער, דער שטענדיג שטראלענדער, פון וועמען עס האט אלע מאל געשלאגען מיט קוואלען פון לעבען, דער פרץ איז געווען אן איינפאכער באאמטער אין דער ווארשעווער אידישער גמינע אין א משך פון 23 יאר, ביז וואנען ער איז געשטארבען. און מאדנע איז אמאל דער שיקזאל פון דעם גרויסען מענשען, אז דוקא פרצען, דעם לעבעדיגסטען צווישען די לעבעדיגע, האט מען געגעבען אן אמט צו באזארגען די טויטע מיט קברים, מיט בעסערע אדער ערגערע קרקעות.

צוואנציג יאר צייט האט פרץ דער שאפער, דער דיכטער, פילע שטונדען טעגלאך פארבראכט אין שמועסען מיט טיף גלויביגע, וואס פאר א קרקע מען זאל באשטימען פאר דעם אדער יענעם געשטארבענעם, פאר דעם אדער יענעם נפטר. עס זענען געווען פאלען, ווי אבלים פלעגען וויינען און בעטען פרצען, ער זאל געבען פאר

זייער טאטען א קרקע נעבען יענעם רבין אדער נעבען יענעם גוטען אידען, ווייל זייער טאטע, האבען זיי געטענהט אין טיפע שלוכצען, איז געווען א טייערער איד און האט די זכיה פארדינט. פרץ פלעגט זיך מיט זיי אמפערען, אויפווייזען, אז די קרקע וואס זיי ווילען, קאסט עטלאכע צענדליג רובעל איבעריגע און דאס האבען זיי דאך נישט צו באצאלען. אבער יענע אבלים פלעגען וועגען דעם נישט וועלען הערען: זייערע גלויביגע אויגען האבען זיך געהאלטען אין איין צינדען און די רויטע טרערען האבען געקאנט רירען א שטיין. און נישט איין מאל פלעגט טרעפען, אז פרץ איז געלאפען בעטען דעם דאזאר, דעם האר איבער אים, ער זאל ערלויבען געבען יענעם אידען די פארלאנגטע קרקע. און אפטמאל האט ער נעפועלט.

נאך אזא טאג ארבעט וואס איז געווען אויסער א פיזישער אנשטרענגונג אויך א גייסטיגע, ווייל אפטמאל האט דער מארך זיך געקאנט א ריר טאן ביים צוזען אזויפיל מענשלאכע יסורים פון די ביי וועמען עס ווערט צוגענומען דער בעסטער, אדער דער ליבסטער גליד פון דער משפחה, פלעג איך פון דעסטוועגען פרצען זען שטענדיג אהיים גיין דריי א זייגער בייטאג מיט א לידעלע אויף די ליפען און מיט אזא שמייכעל אויפן געזיכט, וואס דאכט זיך, אז נאר פרץ האט עס געהאט, יענער שמייכעל, וואס שפינעלט אמאל אפ די נשמה פון דעם מענשען.

קום איך אזוי איינמאל אריין צו פרצען אין א נאכמיטאג, ווען איך האב שוין געוואוסט, אז ער האט געהאט א שווערען טאג ארבעט מיט די אבלים, און מיר האט זיך געדאכט, אז איך וועל אים זיכער טרעפען א מידען, א שלעפערדיגען; אבער גאר אומגעקערט, פרץ זיצט און שאפט און די פלאמענדע אויגען קוקען אריין אין דעם תוך פון דעם עולם הויה, און פרץ צעלייגט די רעיונות אויף ברעקלאך, אויף אפגעהאקטע שורות, אויף פינטעלאך, פינטעלאך

אָן אַ שיער. זיץ איך אַ שווייגענדיגער און קוק, ווי אַ חסיד אויף אַ רבין, מיט אַ טיפער הנאה. איך זע ווי די אויגען ברענען און זע אַ וואונדער: די קנייטשען אויף זיין שטערען גלייכען זיך אויס, ער האָט זיי קיין סך קיינמאָל נישט געהאַט, אָבער איצט ווערט דער שטערען גלאַטיגער, פרישער — די שכינה רוט אויף אים.

פאַרענדיגט אַ זאַץ, הייבט ער אויף זיינע גרויסע ליכטיגע אויגען און דער שמועס הייבט זיך אָן. ער פרעגט איינצעלהייטען וועגען דעם אידישען געזעלשאַפטלאַכען לעבען און איך ווי מן הצד פאַרגנבע זיך מיט אַ פראַגע וועגען זיין גמינע אַרבעט און קום אַרויס אויף דעם, ווי אַזוי ער קאָן מיט אַזויפיל פרישקייט שרייבען נאָך אַזאַ שווערען טאָג אַרבעט, נאָך אַזויפיל זיין אין דער סביבה פון אבלים.

און פרץ ציט איין די ליפּען און ציט נאָך מער אויס זיין שמייכל, וואָס האָט שוין פון פריער געהאַט גערוט אויף זיין פנים, ווען איך האָב די פראַגע געפרעגט, און זאָגט נישט אַלס אַ תשובה אויף מיינע רייד נאָר ווי סתם אין דער וועלט אריין: האַ, אַלע מיינען דאָך, אַז די גמינע נעמט מיר צו כח, שטערט מיר אין מיין שאַפען און אין דער אמתן איז די מעשה גאָר פאַרקערט. איר זעט, אַט די טיף גלויבינגע אידען, וואָס גיבען אַוועק דאָס לעצטע, אַבי זיי זאָלען באַקומען בעסערע קרקעות פאַר זייערע נאָענטע, אַט די דאָזינגע אידען שטייען מיר איצט פאַר די אויגען, ווען איך שרייב. נישט זיי שוואַכען מיך אָפּ, נאָר זיי שטאַרקען מיך. זיי זענען די פאַרקערפּערונג פון דעם שטאַרקען גלויבען, וואָס איך שפּיגעל אָפּ אין מיינע חסידישע געשיכטען; פון דעם גלויבען, וואָס איז אָנגע־זאַמעלט פון אונזער יוגענט און ווערט ביסלאַכווייז צערונען. זיי זענען די שטאַרקסטע באַווייזען, ווי מענשען קאָנען זיך מקריב זיין פאַר זייער גלויבען, ווייל אין יענע מאָמענטען, ווען זיי רעדען וועגען אַ בעסערער קרקע, פאַרגעסען זיי אפילו אָן דעם צער, וואָס עס

איז ביי זיי אוועקגענומען געוואָרען דאָס טייערסטע און דאָס בעסטע.

אַט אזוי שמידט אמאָל אויס דאָס לעבען זיינע טאַטען אומ־באוואוסט. אין דער אמתן איז דאָך געווען אַ פּאַרראַט פון די גרויסע טיילען פון אידישען פאָלק, וועלכע האָבען שוין גוט געקענט פּרצען פון דער העבּרעאישער און אידישער ליטעראַטור, פאַרוואָס זיי האָבען אזאַ פּערזענלאַכקייט, אזאַ געניאַלען שאַפער, געלאָזען זיצען הינטער די שטיינערנע ווענט, וואו מען שרייבט אויס קבלות פאַר קברים־געלט. אָבער דער אמתער קינסטלער האָט אין זיך אזאַ כח, אז ער מאַכט פון שטיין גאָלד. מיט זיין קינסטלערישען חוש טוישט ער אויס דעם שפּין־וועבס ארום זיך אויף גאָלדענע פעדים און שאַפט פון דעם אוצרות.

פּרץ איז געשטאָרבען אין עלטער פון 63 יאָר. אָבער די יעניגע, וועלכע האָבען נישט געוואוסט גענוי, ווי אַלט ער איז געווען, האָבען זיכער געדענקט, אז ער איז אין די 40־ער. די יוגענטלאַכקייט איז געווען אויסגעצירט אויף זיין גאַנצען וועזען גלייך ווי ער וואָלט געווען פון די, וועלכע העלפען מיטברענגען דעם פרילינג אויף גאָטס ערד. זיינע אויגען האָבען פשוט באַצויבערט, אזוי פריש זענען זיי געווען און אזויפיל זאַפט איז געלעגען אין זיי. זיין גאַנצער הילך האָט בולט באוויזען, אז דער מענש האָט אַן אינערלאַכען כח, וואָס גלייכט שטענדיג אויס זיינע גלידער און אז עפּעס אומבאַקאַנטעס באַפרישט אים און אַלץ אין אים האָט אזוי האַרמאָנירט, איז געפלאָסען מיט אזאַ יוגענט קוואַל, וואָס אז מען זאָל נישט ווייסען, אז דאָס איז דער גרויסער פּרץ, לויט זיין גייסט, האָט ער אויך געקאָנט ארויס־רופען באוואונדערונג בלויז דורך זיין יוגענטלאַכקייט.

און אינטערעסאַנט איז, אז די דאָזיגע געהיימע בליאונג, וואָס האָט זיך אזוי אויסגעגאָסען אויף פּרצעס אויסזען, האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגעלט אין זיין גייסטיגען שאַפען. אין דער צייט, ווען

ער איז אין לעבען געוואָרען אַלע מאָל יונגער, איז ער עס אויך געווען ביים דיכטען. וואָס עלטער ער איז געוואָרען אין יאָרען, אַלץ יונגער איז ער געוואָרען אין כח און דערפרישונג, און אַלץ מאָדערנער האָט ער געשריבען, אַלץ נענטער איז ער געוואָרען צו די נייע שטרעמונגען אין דער אידישער ליטעראַטור.

אָבער פּלוצלונג, ווי מיט א שאַרפער האַק, האָט זיך עמיץ אוועקגעשטעלט צווישען אים און דעם בליענדען לעבען און אויף אייביג האָט דער גרויסער דיכטער אויפגעהערט צו זינגען.

וואָלט פרץ מער געשאַפען, וואָלט ער פאַרצווייגטער און געלייטערטער געוואָרען, ווען ער וואָלט נישט געווען געאַרבעט אין דער גמינע, ווען ער וואָלט נישט אוועקגעגעבען יעדען טאָג 6 שטונדען פון די שענסטע פרימאָרגענס אין זיין לעבען? עס איז שווער דערויף צו ענטפערען. אָבער עס איז א פאַקט, אַז זיין גייסט איז נישט פאַגליוועט געוואָרען הינטער די גרויע ווענט פון דער וואַרשעווער קהלה. עס זעט אויס, אַז ער האָט זיין מאַטעריאַל ביי טאָג אויסגעאַרבעט אין געדאַנק און ביינאַכט עס אויסגעפאָרמט אין זאַצען, פון וועלכע עס זענען פאַר אונז ערשינען הערלאַכע קינסטלערישע בילדער.

2.

עס איז געווען אין יענער צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די בלוטיגע מלחמה־געשיכטע. די רוסען האָבען צוליב סטראַטעגישע סיבות, ווי זיי האָבען ערקלערט, אָנגעהויבען די אידען ארויסטרייבען פון א גאַנצער רייע קליינע שטעטלאַך אין פּוילען. און טאָג־טעגלאַך האָבען אויף די וועגען, וואָס האָבען געפירט צו וואַרשע, זיך געצויגען פורלאַך מיט אידישע היימלאָזע — די ערשטע גרויזאַמע בילדער פון בלוט און טרערען.

צווישען די ערטער, וועלכע מען האָט איינגעאָרדענט אַלס היימען פאַר די היימלאָזע, איז אויך געווען די אידישע קהלה אין וואַרשע, וואו פרץ איז געווען אַ באַאַמטער כמעט זיין גאַנץ לעבען ביזן טויט.

ווערען אָנגעפילט די צימערען פון דער קהלה, אָבער עס קלעקט ניט קיין פלעצער פאַר אַלעמען, און אויף דעם הויף בלייבען נאָך פילע קינדער, זקנים, פרויען, מענער — צווישען זיי קראַנקע. און אַ שרעקלאַכע מידקייט איז אויסגעגאָסען אויף די וואַנדערענדע פון דעם שלעפען זיך אויף די צעבראָכענע וועגלאָך מיילען־ווייט. ליגען זיי אויסגעלייגט ווי די הרוגים אויף די האַרטע שטיינער, די קינדער שלאָפען איין אויף דער נאַסער ערד, די קראַנקע קרעכצען שווער און די איבעריגע וויינען. און דער גרויסער פרץ באַווייזט זיך פלוצלונג צווישען זיי.

מיר וועט אין מיין גאַנץ לעבען נישט אַרויס פון זכרון יענער מאָמענט, ווען פרץ איז געשטאַנען צווישען די אומגליקלאַכע צעבראָכענע נפשות און האָט צוזאַמען מיט זיי אַ שווייגענדער זיך איינגעהילט אין טיפען צער. אין פלוג, ווען איך בין אַהין אַריין, האָב איך פרצען נישט דערקענט: זיינע ברייטע פלייצעס זענען עפּעס געוואָרען שמעלער, די הענט קירצער, און דער קאָפּ ווי ער וואָלט זיך ביי אים אַראָפּגעגליטשט פון די אַקסלען. אַ איד איז געשטאַנען אין מיטען רעדעל און האָט שרעקלאַך געהעשעט; צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען הער איך אַזאַ געוויין פון אַ דער־וואַקסענעם. דעם דאָזיגען אידען האָט מען אין איין שעה פאַר אַן אָרימאַן געמאַכט, פאַרטריבען פון זיין נחלה און אויפן וועג האָט ער דאָס ליבסטע קינד פאַרלוירען, וועמען ווילדע ראָבען עסען ערגעץ אין אַ וואַלד. עס איז געווען אַ גרוילאַכער מאָמענט.

און וואָס לענגער דער איד האָט געוויינט, אַלץ מער האָט זיך ווי אָפּגעטאָן דער גלאַנץ פון פרצעס אויגען, אַלץ פינסטערער

און פינסטערער איז זיין געזיכט געוואָרען. און ווען איך האָב אין א ווײלע ארום אויפגעהויבען מיינע אויגען און א קוק געטאָן אויף פּרצען האָט זיך מיר געדאַכטען, אז דער טויט שוועבט איבער זיין לייבען־קאָפּ.

אין פארלויף פון עטלאַכע טעג האָב איך פּרצען געזען שטיין אויף דער שוועל פון דער גמינע, שארף צוקוקענדיג זיך צו די היימ־לאָזע, וועלכע האָבען געהאַלטען אין איין אָנקומען מיט זייערע אויסגעלאָשענע אויגען און מיט דעם גאַנצען צער פון גלות אויף זייערע געזיכטער. און אין משך פון די טעג האָט זיין פּנים זיך אזוי פארענדערט, אז דאָס יוגענטלאַך שטראַלענדע איז פול־שטענדיג פארשוואונדען און די ברענענדע אויגען האָבען זיך ווי געלאָשען פון מינוט צו מינוט. זיין שטערען האָט פּלוצלונג באַקומען הונדערטער קנייטשען און אויף זיין פּנים האָט ווי א שווערער וואָלקען גערוט.

מיט עטלאַכע טעג שפּעטער, די היימלאָזע האָט מען שוין געהאַט ווי עס איז איינגעאָרדענט, באַגעגען איך פּרצען אין דער גמינע. מיר רעדען זיך צונויף און ער רעדט נאָר וועגען די היימלאָזע. ער רעדט מיט צאָרן און אויפרעגונג.

איר ווייסט — מאַכט ער צו א גרופּע, וואָס האָבען זיך געריגגעלט ארום אים, — וואָס פאר א שטורם עס קומט אויף די קינדער פון אונזער פאָלק? זיי וועלען עס דאָך נישט איבער־האַלטען. און וואָס וועט זיין, אז די מלחמה וועט לאַנג דויערען? מיר וועלען דאָך חלילה אונטערגיין.

דערביי איז ער געבליבען שטיל, די אויגען האָבען א פינקעל געטאָן, און מיט שנעלע טריט האָט ער געאײלט צום שרייבטיש פון זיין ביורא.

אויף מיר האָבען די ווערטער געמאַכט א שרעקלאַכען רושם און איך האָב עס דערציילט א צווייטען באַאמטען פון דער קהלה,

שלמה גראָסגליק, אַ משכיל און אַ שריפטשטעלער, וואָס האָט אין זיין צייט מיטגעאַרבעט אין פּרצעס „יום טוב בלעטער“, און יענער האָט מיר דערציילט, אַז זינט די היימלאָזע האָבען אָנגעהויבען אָנקומען, ליידט פּרץ שרעקלאַך. פון יענעם טאָג פלעג איך פּרצען באַגעגענען אַ שווייגענדיגען און תמיד אַ פאַרטראַכטען. ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ מינוט צייט, האָט ער געשפּאַנט מיט שנעלע טריט הין און צוריק פאַרטיפט אין שווערע רעיונות. אין יענע טעג איז דער דיכטער געקומען צום באַשלוס, אַז אום צו ראַטעווען דאָס אידענטום מוז מען אָנהייבען ראַטעווען צום ערשטען די קליינע קינדערלאַך, די תנוקות של בית רבן, דעם נייעם צוקונפטיגען דור.

י. ל. פּרץ האָט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען ווי באַקומען די זעאונגס־קראַפט, וואָס נאָר אונזערע אַמאָליגע גרויסע און באַרימטע חוזים האָבען זי געהאַט. און פּרץ איז מסוגל געווען צו זען די ווייטסטע פּערספּעקטיוועןן. ער האָט ווי אַ בליק געטאָן מיט אַ נביאישען אויג און געזען מיט דעם ליכט פון האַרצען און פון זיין שיינער נשמה, אַז דאָס אידישע פאָלק ערוואַרטען שווערע בלוטיגע טעג.

יאָ, היינט קאָן מען זאָגען, אַז פּרץ האָט געזען, אַז אַ שרעק־לאַכער שטורם הייבט אָן דורכגיין איבער דעם אידישען ישוב. און פון צער און שמערץ האָט זיין האַרץ אָנגעהויבען לאַנגזאַמער קלאַפּען. ער האָט זיי געזען, די ערשטע היימלאָזע, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע כלל טוער, וועלכע זענען געווען בלוטיג פּאַראינטער־רעסירט צו העלפען זיי. אָבער מיט דעם ערשטען מאָמענט, ווען פּרץ האָט אַ בליק געטאָן אויף די וואַנדערער, האָט זיין ליכטיגע נשמה אָנגעהויבען וויינען... אָבער דער דיכטער אין אים האָט איבערגעוועלטיגט זיין צער און ער האָט ווי מיט אַ רוח הנבואה דערפילט, אַז דוקא אין אַזאַ מאָמענט איז ווייניג זיי איינצואָרדענען אויף שטרוי אין ציימווייליגע היימען, און ער האָט אָנגעהויבען

טאָן צוויי ארבעטען: שרייבען קינדער־לידער, און העלפען שאַפען די ערשטע קינדער־היימען אין פוילען. פרץ דער פילאָזאָף אין דער אידישער ליטעראַטור, דער אויסטייטשער פון חסידות, דער בעל פלפול און אין פילע הינזיכטען אין פריוואַט לעבען דער באָהעם, ווערט פלוצלונג דער שרייבער פון די קלאַרסטע און רעאַלסטע קינדער־לידער און דער פראַקטישער כלל טוער.

פסיכאָלאָגיש איז עס שווער צו פארשטיין, ווייל דאָס אַלץ איז נאָך פאָרגעקומען אין אָנפאַנג קריג. אָבער ווען מיט עטלאָכע וואָכען שפּעטער האָט ביי פרצען דאָס הארץ געפּלאַצט, האָט מען שוין דאַן העלער געזען ווי ווייט פרץ האָט אָנגעהויבען ליידען. ווען ער האָט דערפילט, אַז די מלחמה קומט אָן צו צעטרעטען אַלץ, וואָס דאָס אידענטום האָט אויפגעבויט מיט שוויים און בלוט אין משך פון הונדערטער דורות.

היינט, ווען איך טראַכט וועגען דעם, היינט, ווען הונדערטער טויזענטער אידען זענען אומגעקומען און אַ גרויסער טייל פון אידי־שען פאָלק האָט זיך געבאָדען אין בלוט און אין טרערען — היינט הייב איך אָן פארשטיין ווי ווייט זעענד פרץ איז דאַן געווען. דער דיכטער האָט זיך דאַן אויפגעהויבען אויף דער העכסטער מדרגה פון חוזה, ועלכער זעט פאר זיך צוויי וועגען: דעם גרויסען וועג געפירט פון דעם עמוד האש, וואָס ברענגט צו די ווייטע הימלען, און דעם וועג, וואָס פירט צו צאַרטער תמימות. ביי פרצען האָט עס זיך אויסגעדרוקט אין שרייבען די קינדערשסטע לידלאַך, וואָס זענען ווען עס איז געשריבען געוואָרען אין דער אידישער ליטעראַטור.

פרץ האָט אָן צווייפעל אין אָנפאַנג פון דעם גרעסטען וועלט־קריג געזען, — אַז די קולטור, וואָס אייראָפּע האָט אויפגעבויט אין משך פון הונדערטער יאָרען, הייבט אָן אונטערגיין. און דער גרויסער קולטור־קעמפער האָט דאָס נישט געקאָנט אריבערטראָגען. ווי ער פלעגט עס זאָגען פאר דער אנטוויקלונג פון די קינדער־

הײמען און װי זאָרגפעלטיג ער פלעגט דאָס יעדען טאָג שרײבען זײנע קינדער־לידער. און עס איז נישט איבערטריבען, װען מען האַלט פרצען פאַר דעם פאָטער פון די אידישע קינדער־הײמען. ער האָט אין זײ דער ערשטער אַ נשמה אַרײנגעהויכט. ער האָט זײ דעם שם המפורש אָנגעטאָן.

פרץ איז געשטאָרבען װען ער איז געזעסען זעקס אַ זײגער פאַרטאָג און געשריבען אַ קינדער־ליד. װען זײן נשמה איז אויס־געגאַנגען, האָט ער געהאַלטען בײ די פאָלגענדע שורות:

שטילער, שטילער
דאַנקען װיל ער...

פרץ דער גרויסער אידישער פאָלקס־דיכטער איז געשטאָרבען פון צער און יסורים, װאָס דאָס אידישע פאָלק האָט געמוזט װידער דורכלעבען.

יאַנוש קאָרטשאַק

יאַנוש קאָרטשאַק

איינע פון די מערקווירדיגסטע פּערזענלאַכקייטען, וואָס איך האָב באַגעגענט אין מיין לעבען, איז דער באַדייטענדער גרויסער שריפטשטעלער יאַנוש קאָר־טשאַק, וועלכער געהערט אָן צווייפעל צו די מינים אויסערוויילטע פיגורען, וועמענס מוחות לאָזען זיך אַזוי לייכט נישט דערפאָרשען. עס איז שווער צו ערקלערען די פאַרשיידענאַרטיגקייט פון זייער פּערזענלאַכקייט, וואָס שפּרייט זיך ווי אַ צווייגענהאַפטער בוים אויף פילע געביטען. יעדער טייל אַנטהאַלט אין זיך עטוואָס באַזונדערעס, זאָנדערבאַרעס.

די געשיכטע פון דעם דאָזיגען אויסערגעוויינלאַכען אידען, וועמענס ריכטיגער נאָמען איז דר. הענריק גאָלדשמידט, איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַז פאַר אַ בעלעטריסט מיט אַ קינסטלער אויג וואָלט דאָס געווען איינע פון די גייסטרייכסטע טעמען פאַר אַ גרעסערער בעלעטריסטישער אַרבעט. — זיין לעבענס־גאַנג איז אַזוי הערלאַך־איינפאַך, אַזוי ערהאַבען אין פּשטות און צו גלייכער צייט אַזוי פאַרנעמענד גרויס, אַז עס איז זיך באמת שווער אַריינצו־טראַכטען אין די אַלזייטען פון זיין לעבען און שאַפען.

נאָר לאָמיר פּרובירען אָנוואָרפען שטריכען וועגען אים, וואָס אַז מען וועט זיי צוזאַמענגעמען מיט אַמאָל, וועלען זיי אפשר אויסדריקען דאָס אויסערגעוועגלאַכע, וואָס עס אַנטהאַלט ווירקלאַך זיין אימפּאָזאַנטע זיג־זאַגיגע נשמה.

דר. הענריק גאָלדשמידט איז געבוירען געוואָרען אין וואַרשע ביי אַסימילאַטאָרישע עלטערען. דאָס וואָרט אַסימילאַטאָרישע קלינגט דאָ נאָך אַלץ נישט מיט דעם ריכטיגען טראָפּ, ווייל זיינע עלטערען זענען געווען מער ווי אַסימילאַטאָרען, זיי זענען זאָגאַר

געווען ווייטער פון דעם אסימילאַציאָנס פּראָצעס, גאָר אַנדערע ווי די געוועגלאָך פּויליש־אידישע אסימילאַטאָרען, פון די טיפּישע — נאָך פּאַפּסטלעכער ווי דער פּאַפּסט — מה יפית זינגער. זיי זענען אין אַלגעמיין געווען מער פּאָליאַקען ווי אידען. הענריק איז ערצויגען געוואָרען גלייך ווי ער וואָלט קיין איד נישט געווען, כאָטש געוואוסט האָט ער, אַז ער איז אַ איד בלויז פון נאָמען. איינמאָל אין יאָר נאָר, אין יום כפור, פלעגט זיין פאָטער באַזוכען אויף עטלאַכע שטונדען די וואַרשעווער סינאַגאָגע און מיט דעם האָט זיך דאָס אידישקייט געענדיגט. מיט איין וואָרט, הענריק איז ערצויגען געוואָרען ווי אַ פּאָליאַק מיט אַלע חושים פאַר דער פּוילישער קולטור, פון וועלכער ער האָט פון זיין פריער יוגענט אָן געצויגען די גאַנצע יניקה.

אביסעל זכות אבות האָט ער אָבער יאָ געהאַט. זיין עלטער זיידע, וועלכער איז געבוירען געוואָרען אין דייטשלאַנד און איז געווען אַן אַסימילאַטאָר פון מענדעלזאָנס חדר, איז געווען אַ גרויסער אידישער געלערענטער, אַ באַרימטער תלמודיסט, העברעער און שריפטשטעלער. וואָס מיר ווייסען פון זיין זיידען איז דאָס, אַז ער האָט אָנגעשריבען צוויי גרויסע ביכער איבער די יורידישע פראַגען, וואָס ווערען באַהאַנדעלט אין תלמוד. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע וויסענשאַפטלאַכע אַרבעט, וואָס האָט זיכער אַ דויערענדען ווערט. זיין זיידען, וועלכער האָט אויך געהייסען גאָלדשמידט, האָט מען דאָס אַראָפּגעבראַכט אַלס דעם ערשטען פּרעדיגער אין דער הייניטיגער וואַרשעווער סינאַגאָגע. און אַזוי ווי קיין פּויליש האָט ער נישט געקענט אין אָנפאַנג, האָט ער געפּרעדיגט אין דער דייטשער שפּראַך. דעריבער האָט מען גערופען — און מען רופט זי נאָך היינט אויך — די וואַרשעווער קאַר־שול — „די דייטשע שול“. איך דערצייל דאָס מיט אַ כונה אונטערצושטרייכען, אַז זיין עלטער זיידע איז שוין געווען אַן איבערצייגטער אַסימילאַטאָר,

נאָר פאַרוועבט מיט אַ היבש ביסעל דייטשע השכלה, אין דער צייט, וואָס העגריק, זיין אייניקעל איז ערצויגען געוואָרען אַן אידי־שעס וויסען און אַן דעם אָנלען אין די בת השמים — אַלס ריינער, כשרער פּאָליאַק, מיט דעם איינעם באוואוסטזיין, אַז אין זיינע אָדערען פליסט אידיש בלוט.

איז העגריק גאָלדשמידט געוואַקסען און אַנטוויקעלט זיך אויסנוצענדיג זיינע גרויסע איינגעבוירענע פעאיגקייטען, צו וועל־כע ער האָט נאָך בייגעשטייערט זיין זעלטענע הסמדה. ער לערענט מעדיצין, און שטודירט די וועלט־ליטעראַטור, ער באַמיט זיך צו דערקענען די קינדער־פּסיכאָלאָגיע און געוויינט זיך דערוויי־ל איין ווי אַזוי מיט אַ דאָפּעלט ליכט־אויג אַריינצוקוקען אין דער טיפעניש פון דער געהיימער מענשלאַכער נשמה. אַלס קינסטלער באַמיט ער זיך צו דערקענען די פּאַלאַצען־מענשען, די כלומרשטע ציוויליזירענדע און קומט אין איין וועגס אין די פוסטריט פון די שווער שווייסיגע אַרבעטער. צו די רייכע קאָן ער מער אָדער ווייניגער אָנקומען. ער אַליין שטאַמט פון זיי, זיין פאָטער איז אויך נישט געווען ביי זיין לעבען קיין אָרימאַן. זיין מוטער קומט אין די רייכע אַריסטאָקראַטישע הייזער און ער קען זיי. ביי זיי אין די פּאַלאַצען וואו עס איז פאַרשטעלט און פאַרהאַנגען מיט די זייד־וויגענדע פאַרהאַנגען, הייבט ער יעדען אויף זיין מאָרך און קוקט אַהין אריין ווי מיט אַ שפּאַקטיף. און ווען ער וויל קענען די אָרימע, פאַרשטעלט ער זיך פאַר אַ מולאַרזש (פּיינטער), גייט אַוועק אין די אָרימע געסלאַך פון די פאַרהאָרעוועטע טאָג־אַרבעטער, וואוינט מיט זיי און לעבט מיט זיי צוזאַמען. ער אַרבעט צוגלייך מיט דעם געוועגלאַכען אַרבעטער אָננעטאָן אין די געבלומטע געפּלע־קעלטע הויזען פון אַלערליי פאַרב און פאַרברענגט מיט זיי איבער אַ יאָר צייט.

פון יענער פעריאָדע, וואָס ער האָט דערקענט די פּאַלאַצען־

רייכע (לויט זיין אויסדרוק) און די קעלער ארבעטער, שרייבט ער אַן אַ סעריע וואונדערבארע סקיצען, עסקיזען און הומאָרעסקעס, וועלכע זענען אַ צירונג אין דער ליטעראַטור פון אַלע פעלקער. מיט אַ געזונטען ניט געקינצעלטען הומאָר לאַכט ער אויס די כלומרשטע מענשלאַכע זיטען און די אָנגענומענע מנהגים וואָס יעדער מיינט, אַז דאָס איז ציוויליזאַציע. יעדע אָנגעשריבענע זאַך איז אַ פּערל פאַר זיך, געשריבען אין אַ געשליפענעם קריסטאַל־ריינעם סטיל, וואָס האָט נישט כמעט קיין גלייכען אין דער אַזוי רייכער אומפּאַר־טענדער פּוילישער ליטעראַטור. קאָרטשאַק ווערט טאַקע פאררעכענט פאַר איינעם פון די בארימטע גרויסע פּוילישע שריפטשטעלער. פון זיין הומאָר בליקט ארויס די איראָניע פון דער געשיכטע און זיין לייכטער סטיל איז איינער פון די אייגענאַרטיגסטע. כאָטש ער איז פיל איבערזעצט געוואָרען אין אַנדערע שפּראַכען, איז ער אָבער ביז איצט נאָך נישט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרען.

קיין גענויע ביאָגראַפיע פון זיין קינדהייט ביז וואַנען ער איז ארויס אויף דער ווייטער וועלט אַלס שריפטשטעלער און פּעדאַגאָג האָבען מיר נישט, אָבער אין זיין „קינד פון סאַלאָנען" "Dziecko Salonu" דערציילט ער אָפטמאָל זייער אינטערעסאַנטע שטריכען און מען קאָן לייכט פארשטיין, אַז דאָס איז פון זיין לעבען. די שטריכען מאַכען נאָך אימפּאָזאַנטער זיין פאַרביגע פיגור. אין יענעם טאַלאַנטפול־געשריבענעם בוך (דאָס צווייטע בוך וואָס איז ארויס פון זיין פעדער) דערציילט ער אונז אויך זיינע ערפאַ־רונגען פון די צייטען, ווען ער איז אוועק אין די אָרימע געסלאַך אין ווארשע און געלעבט צווישען דעם פארגרעבטען עולם. אַ צימער האָט ער געהאַלטען אויף דעם שילעץ, ביי איינעם פון די פּרימיי־טיווסטע האָראָפּאַשנע ארבעטער. אין זיין צימער האָט פריער געוואוינט דער נאַכט־היטער (סטרוזש). ער לעבט זיך איין אין דער פאַמיליע, באַזונדערס מיט אַן איידעם פון דער פאַמיליע, וואָס

איז א דראשקארזש (בעל עגלה). ער טרינקט מיט אים, עסט מיט אים צוזאמען און אזוי ארום דערקענט ער די פסיכאלאגיע פון די ארימע, צו וועלכע עס ציט אים פון שטענדיג אן. אין זיין „קינד פון די סאלאנען" זענען אין פארביגע שטריכען געשילדערט נאך אנדערע עפיזאדען פון זיין רייך לעבען, אבער די טראגען שוין א ריין ביאגראפישען כאראקטער, וואס ווארפען אויך א היבש ביסעל ליכט אויף זיין שפעטערדיגען לעבען.

יאנוש קארטשאק איז, ווי דערמאנט, א פאליאק מיט די ביינער. ער פארטיפט זיך וואס אמאל מער אין די פארשיידענארטיגע פוילישע טיפען, און שפיגעלט אפ זייערע כאראקטערען, וועלכע ווייזען אונז נישט בלויז פוילישע טיפען נאר אויך אלוועלטלאכע מענשלאכע כאראקטערען, וואס זענען געשילדערט מיט עכטער קינסטלערישער לעבעדיגקייט. אים ציט אבער דערביי צו קינדער. ער האט אן אינסטינקטיווע באציאונג צו זיי. ער וויל קענען די פסיכאלאגיע פון זיי און ווען ער ענדיגט מעדיצין, ווערט ער ספעציעל א קינדער דאקטאר, כדי ער זאל ביי זיין מעדיצינישען שטודיום אויך קענען ערלערנען דאס לעבען פון די קינדער. דער געפיל האט, ווייזט אויס, ביי אים אויך אונטערגעזאגט זיין באציאונג צו פעדאגאגי, אויף וועמענס געביט ער רעכענט זיך היינט צו טאג אין פוילען צווישען די געציילטע. אים איז אבער וויניג געווען, וואס ער באזוכט די קינדער קראנקערהייט, נאר ער וויל זיך באקענען מיט די קינדער, ווען זיי זענען געזונט אין זייער באוועגלאכען שטיפערישען לעבען. ער באט דעריבער אן אייניגע אנגעזעענע פאליאקען, אז ער וואלט וועלען זיין דער ערציער און לערער פון די פוילישע קינדער, ווען זיי זענען אויף די זומער־קאלאניעס. פארשטענדלאך, אז די ידיעה איז אויפגענומען געווארען מיט דער גרעסטער פרייד און ער פארברענגט עטלאכע זומערען מיט די פוילישע קינדער. פון יענער פעריאדע שטאמט זיין בארימט ווערק

„יוזשקי, יאשקי און פראנקי", וואו ער שילדערט די נשמה פון פוילישען קינד.

אויף די זומער קאלאניעס איז מיט אים געשען א מערקווירדיגער פאקט, וואס האט געהאט א גרויסע באדייטענדע ווירקונג אויף זיין ווייטערדיג לעבען און שאפען. א פאקט, וואס האט גורם געווען, אז דאס בלוט פון די אידישע דורות אונטער אים זאל אויפקומען און נעמען זיך באהעפטען אין דעם אידישען שורש.

זייענדיג איינמאל אין א זומער אין א פוילישער קאלאניע האט ער ערפארען, אז נישט ווייט פון אים זענען פאראן אידישע קינדער אויף א זומער־וואוינונג. אינטערעסירט עס אים און ער באשטימט ביי זיך, אז ער מוז איינמאל אוועק צו די אידישע קינדער און זייער פסיכאלאגיע ערלערנען. אויפן נעקסטען יאר טרעפען מיר אים שוין ארומשווימען צווישען א ים פון משהלאך און שלמהלאך און יאנוש קארטשאק איז מער פריילאך ווי אלע מאל. ער לעבט און באוועגט זיך צווישען זיי און האט זיי ליב מיט א צארטער קינדערשער ליבע ווי קארטשאק דער בעל נשמה קאן. ער האט שוין פון דאן אן די אידישע קינדער מער נישט פארלאזט, און זיי פאראייביגט מיט א ניי ווערק וואס טראגט דעם נאמען „מאשקי, יאסקי, סרולקי", וואס וועט שטענדיג בלייבען אלס א ליבטינגער שפיגעל פון דער נשמה פון אידישען קינד. דאס ווערק איז איבערזעצט געווארען אין אידיש פון יהושיע פערלע.

זייענדיג אזוי נאענט צו דער קינדער־וועלט, סיי אלס מעדיצינער און סיי אלס ערציער, פארטיפט ער זיך אין דער וויסענשאפטלאכער זייט פון דער פעדאגאגי פאר קינדער, און זיינע ווערק אויף דעם געביט רופען ארויס גרויס אינטערעס אין דער עפענטלאכער פוילישער וועלט. אויף זיינע פארלעזונגען איבער קינדער־ערציאונג, קומען טויזענטער באזוכער און די לעקציעס ווערען שטענדיג אויסגעהערט מיטן גרעסטען אינטערעס. איך וויל נאר

דערמאָנען זיינע דריי גרויסע ווערק אויף דעם געביט: 1) „ווי אזוי ליב צו האָבען א קינד“. 2) „אינטערנאַט“ און 3) „דאָס יתומים־הויז“, דאָס לעצטע האָט ווידער א שייכות מיט אידישע קינדער, ווי מיר וועלען עס באלד זען.

אז דר. גאָלדשמידט (יאַנוש קאָרטשאַק) האָט זיך איינמאָל איינגעלעבט אין דער נשמה פון אידישען קינד, האָט ער זיך פון איר שוין מער נישט אָפּגעקערט. ער ווערט דער אָנפירער פון דעם איינציגען אידישען קינדער־האָספּיטאָל אין ווארשע, און ער הייבט אָן טראַכטען ווי אזוי צו פאַרבינדען זיין גאַנץ לעבען מיט דעם אידישען קינד, אין וועלכען ער האָט געפונען א געהיימען קוואל צו באַפרידיגען זיין פּעסימיסטיש געמיט, וואָס בליקט ארויס פון זיין טיפען הומאָר.

ער באַשליסט דאַן, אז די איינציגע זאַך וואָלט געווען, אז אין ווארשע, די גרעסטע אידישע קהלה אין אייראָפּע, זאָל אויפגעבויט ווערען א בית־יתומים און ער זאָל ווערען דער ערציער פון די קינדער. קיין מיטלען אויף אזא אנשטאַלט האָט נישט געפעלט. קאָרטשאַק האָט שטענדיג געקאָנט געפינען די מעצענאַטען וואָס זאָלען אים העלפען, און ער נעמט זיך צו דער נאָבעלער ריזען ארבעט.

ווען ער באַקומט די ערשטע מיטלען ווערט ביי אים געבוירען א פּלאַן, אז אויב שוין יאָ בויען אַן ערציאונגס־הויז פאַר די אָרימע אומגליקלאַכע קינדערלאַך, זאָל דאָס זיין דאָס שענסטע יתומים־הויז אין דער וועלט. און ווי גרויס זענען זיינע מעשים. ער האָט ווירקלאַך געלאָזט אויפבויען אזא געביידע וואָס איז באמת א מוסטער צווישען די יתומים־הייזער אין גאַנץ אייראָפּע און אויך אַמעריקע. צו דעם צוועק באזוכט ער די גרעסטע שטעט אין אייראָפּע, ווי לאָנדאָן, פּאַריז, בערלין, ווין און אנדערע. אלס פּעדאַגאָג באַקענט ער זיך מיט די נייעסטע מעטאָדען פון די ערציאונגס־הייזער און לאָזט אויפבויען א פּאַלאַץ, אז די קינדער זאָלען קאָנען לעבען

ווי אין אַ קעניגרייך, און ער זאָל זיין דער „קעניג". מוואָלט געקאָנט אָנשרייבען אַ גרויס בוך, ווען מען זאָל וועלען שילדערען דאָס וואַרשעווער יתומים-הויז וואו קאָרטשאַק איז נישט בלויז דער דירעקטאָר, נאָר אויך דער צאַרטסטער פאָטער און האַרציגער לערער. עס וועט גענוג זיין צו דערמאָנען, אַז ער האָט צווישעןביידע פּראַכטפולע שלאָף-צימערען פאַר די אינגלאַך באַזונדער און מיידלאַך באַזונדער איינגעאָרדענט פאַר זיך אַ שלאָף-צימער, וואָס באַשטייט פון כמעט בלויז פענסטער, און נאַכט-איין נאַכט-אויס וואַכט ער איבער זיי, אַז קיין שום שלעכטס זאָל זיי חלילה נישט געשען.

דאָס גאַנצע יתומים-הויז ווערט געפירט פון די קינדער אַליין. ער אַליין פאַרדינט אויף זיין חיונה פון גיין אויף וויזיטען צו קראַנקע און ער פאַרברענגט מיט די קינדער צוזאַמען אין די איבעריגע פרייע שטונדען, וואָס ער באַמיט זיך צו האָבען וואָס מער. אָבער, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די קינדער ערציען זיך כמעט אַליין, (אויסער קאָרטשאַקען זענען די קינדער אויך אונטער דער אויפזיכט פון דער אידעאַלער פרוי ווילטשינסקאַ), איז קיין שענערער, ציכטי־גערער ערציאונגס-פּלאַץ זיכער נישט פאַראַן אויף דער וועלט. מען קאָן מיט דער פולסטער זיכערהייט זאָגען, אַז דאָס וואַרשעווער יתומים-הויז איז אַ קינדער גן-עדן אויף גאָטס ערד אונטער קאָר־טשאַקס אויפזיכט.

כאָטש קאָרטשאַקס שריפטען זענען איבערזעצט אין פאַרשיי־דענע שפּראַכען, האָט מען נאָך ביז איצט נישט דערקענט זיין גאַנצע ליטעראַרישע פיזיאָנאָמיע. אין דער אידישער שפּראַך איז מיט איינינע יאָר צוריק אין וואַרשע ערשינען זיינס אַ קליין ביכעל מיט סקיצען און הומאָרעסקען און פיל איינצעלנע זאַכען זענען געדרוקט געוואָרען אין פאַרשיידענע צעוואָרפענע אידישע זשור־נאַלען. זיינע גרעסערע זאַכען — און די זענען די וויכטיגסטע — אויסער "מאָשקי, יאָסקי, סרולקי", וואָס איך האָב פריער דער־

מאַנט זענען נאָך לײדער ביז איצט געבליבען פרעמד דעם אידישען לעזער.

אין דער מלחמה צייט האָט קאָרטשאַק פאַרבראַכט אויפן שלאַכט־פעלד איינינע יאָר אַלס מיליטערישער דאָקטאָר. ער האָט אין יענער ווילדער בלוטיגער צייט גאָרנישט געשריבען, נאָר געטיילט זיך מיט זיינע איינדרוקען מיט די קינדערלאַך פון זיין יתומים־הויז, וועלכע האָבען אין וואַרשע ארויסגעגעבען אַ זשורנאַל פאַר זיך אונ־טער זיין אויפזיכט, כאָטש ער איז געווען אויף די שלאַכט־פעלדער. זייענדיג אין גענאַנק מיט די קליינע אומשולדיגע ריינע נשמהלאַך, האָט ער געפּרובירט פאַרגעסען פון די טייכען בלוט אַרום אים און אַזוי געשטילט זיינע ליידען. נאָר איין קליינע זאַך האָט ער דאָן אָפּגעדרוקט אין וואַרשעווער „מאָמענט“, וואו ער האָט געשילדערט דעם אידישען שבת, וואָס ער האָט באַמערקט, ווען ער איז פאַרבייגעריטען אַלס מיליטער דאָקטאָר אין אַ פּריוואַט צו נאַכטס אין די קליינע שטעטלאַך.

אין יאָר 1924 זענען אין וואַרשע ערשינען צוויי גרויסע ביכער פון קאָרטשאַקן, אונטער דעם נאָמען „קעניג מאַטוש דער ערשטער“, וואו עס געפינען זיך איינדרוקען פון דעם מוראדיגען וועלט־קריג.

איך האַלט, אַז דאָס איז איינס פון זיינע בעסטע קינסטלערישע ווערק. קאָרטשאַק האָט דאָ דורך זיין אומגעהויער רייכער פאַנטאַזיע מיט זיין איינגעבוירענעם טאַלאַנט פאַר הומאָר און סאַטירע, אַראָפּ־געריסען די מאַסקע פון דער פאַלשער וועלט און געוויזען זי אונז מוטער־נאַקעט.

זיין ניי ריזען ווערק אין צוויי בענדער, וואָס איז זיכער אַן אוצר אין דער וועלט־ליטעראַטור, איז געשריבען מיט אַזאַ ווייכער, לירישער פוכיגער שפּראַך, אַז קינדער קאָנען דאָס לעזען און זיך אַנטציקען, אָבער אין דער זעלבער צייט פירט ער אונז אַוועק

אויף די שלאכט־פעלדער, און דעקט פאר אונז אויף די וואונדען פון דער וועלט, וועלכע האט זיך געלאזט פארפירען פון אידיאטען אין א ים פון בלוט און טרערען. ער מאכט אונז הארציג לאכען ביים לעזען דאס בוך, אבער אונטער דעם געלעכטער ליגט באהאלטען די ביטערע טרער, וואס גליטשט זיך נישט פילענדיג ארויס פון אויג.

אין זיין ניי ווערק האט קארטשאק באוויזען ליטעראַרישע גאונות. ער האט איבער אונז אויפגעהאנגען א קייט פון די מערק־ווירדיגסטע טיפען, וועלכע זענען כלומרשט אונזערע וועלט־פירער און אין דער אמתן זענען דאס פאיאצען, שארלאטאנעס און קליינע נישטיגע מענשעלאך.

דר. הענריק גאלדשמידט (יאנוש קארטשאק), דער גרויסער מענש, דער איד, אין וועמען עס שפיגלען זיך אפּ דורות פון חריפות, חכמה און פארנונפט, דער באגאבטער גאטס געבענשטער קינסטלער, דער שיין־גייסט אין זיין פערזענלאכען לעבען, דער ערציער און לערער האט מיט אלע זיינע טאטען באוויזען, אז ער געהערט צו די אויסערוויילטע אין אונזער דור. א גאנצע הארמאנישע פערזענלאכקייט, וואס באשטראלט נישט בלויז זיין סביבה, וואס מאכט בולטער און ליכטיגער נישט בלויז דעם אידישען גייסט און איז א כבוד פאר זיין פאלק, נאר קאן אויך באשטראלען די וועלט ארום זיך אין דער ווייטער צוקונפט.

אזעלכע גאנצע, געשליפענע, פערלדיגע נשמות ווערען געבוירען אין יובלען.

ע. נ. פרענק

י. ל. פרץ

ע. נ. פרענק

ע. נ. פרענק, דער העברעאישער און אידישער שריפטשטעלער, דער באגאבטער און ערנסטער פובליציסט, האט געהערט צו א געוויסען קרייז, וואס זיין מין שטארבט שוין אפ אין פוילען און אויך אין אנדערע לענדער. און עס איז כדאי זיך אפצושטעלען סיי אויף אים אליין און סיי אויף דעם דאזיגען קרייז, ווייל דאס וועט באלייכטען א זייער אינטערעסאנטע ערשיינונג אין דעם מאדנעם, גאנץ אפט משונהדיגען אידישען לעבען.

כדי דאס צו טאן מוז מען פריער דערציילען אין אלגעמיין וועגען אן אינטערעסאנטער פעריאדע אין דעם אלגעמיינעם פויליש-אידישען לעבען אין פארלויף פון די לעצטע 60-70 יאר. אין דער צייט האבען אין פוילען געשפילט א גרויסע ראלע די אידישע אסימילאטארען. די דאזיגע חבריא איז באשטאנען און באשטייט נאך היינט אויך טיילווייז פון א באזונדער סארט, וואס מען זעט עס נישט אין דער גאנצער וועלט, וואו עס לעבען און באוועגען זיך גרעסערע אידישע קבוצים. זיי זענען זאגאר שטארקער אין זייער אסימילאטארישען גייסט ווי די „אידישע" מאדיארען אין אונגארן, דאס זענען מענשען, וואס דער רוב פון זיי זענען מיט לייב און זעלע פאליאקען, מער ווי דער אמתער פאליאק אליין. זיי האבען זיך מקריב געווען און זענען גרייט יעדען מאמענט מקריב צו זיין זיך פאר פוילען. זיי רופען זיך „פאליאקען פון משה רבנום גלויבען", אבער אין דער אמתן האבען זיי אינגאנצען קיין גלויבען נישט. זיי וואלטען פון זייער טיפסטער טיפעניש וועלען זיין מחוץ פון דער אידישער מחנה און סרוב פון זיי שמדן זיך טאקע אין פארשיידענע פעריאדען פון זייער לעבען. פאר וואס דער רוב פון זיי

טוט עס נישט, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל זיי מיינען גאַנץ ערנסט, אַז ווען זיי וועלען זיין אידען, וועלען זיי האָבען אַ השפּעה אויפן אידישען לעבען און זיי וועלען אַ גרויסע טייל פון דער אידישער יוגענט קאָנען איבערקערען צו דער אסימילאַציע. זיי רופען עס אויך, איבערקערען צו דער פּוילישער קולטור. איצט שפּילען זיי שוין קיין ראָלע נישט אין פּוילישען אידענטום, כאָטש זיי זענען נאָך גענוג שטאַרק אין זייערע ענגע קרייזען. אָבער ביז דעם קריג האָבען זיי פאַרנומען אַן אומגעהויערען פּלאַץ אין דעם אַלגעמיינעם פּוילישען אידענטום. זייער הויפּט ארבעט איז אויך באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין פאַרלויף פון יאָר־צענדליגער האָבען זיי אריינ־באַקומען אין זייערע נעצען הונדערטער יונגע לייט וועמען זיי האָבען געגעבען אַן עכט פּוילישע ערציאונג לויט אַלע כללים פון דער אסימילאַציע און געמאַכט זיי לויט זייער באַגריף פאַר מענשען. אַ געוויסער טייל פון די דאָזיגע אריינגעכאַפּטע, וואָס זענען באַשטאַנען פון חסידישער יוגענט, זענען דערוואַקסענערהייט צוריק אוועק אין דעם אַלגעמיינעם אידישען לאַגער און ביי אַ סך האָט זיך טאַקע די אסימילאַציע צוגעקלעפּט אויף זייער גאַנץ לעבען.

ע. נ. פרענק איז געווען אַ קינד פון די דאָזיגע אסימילאַציע־פאַרשפּרייטער. געבוירען אין אַ קליין שטעטעל אין פּוילען, אין וואָדזיסלאַוו, אַ קליין שטעטעלע נעבען קעלץ, ביי פרומע פאַנאַטישע עלטערען, האָט ער זיין ערשטע בילדונג — אויף פּויליש פאַרשטענד־לאָך — באַקומען פון די דערמאַנטע אסימילאַטאָרען. ער האָט דורך זיי טאַקע באַקומען אַ טיפען באַגריף איבער דער פּוילישער קולטור אין אַלע אירע פאָרמען, וואָס איז אים שפּעטער שטאַרק צונוצגעקומען. ער האָט טאַקע נעקענט די פּוילישע ליטעראַטור ווי אַ פרומער איד קען „אשרי“, אָבער זייענדיג שוין אַן אָנגעזעענער העברעאישער שריפטשטעלער, אַרבעטענדיג צוזאַמען מיט פירער אין דער ציוניסטישער און אין דער נאַציאָנאַלער אידישער באַוועג־

גונג, האָט ער זיך קיינמאָל ניט געקאָנט באפרייען פון דער אסימי־
לאטאָרישער ערציאונג, וואָס ער האָט באקומען.

די אסימילאטאָרען אין פוילען זענען אמתע קנאים אין זייער
אַרט דענקען, זיי זענען גרייט אויף מסירת נפש, און ע. נ. פרענק
האָט די מדה אויך געירשנט. ווען ער איז שפּעטער געוואָרען
איינער פון די זיילען אין דער העברעאישער פּובליציסטיק איז
אים די מדה שטארק צונוצגעקומען און ער האָט זיך געהאלטען
שטאָל און אייזען ביי דער העברעאישער שפּראך. כאָטש ער האָט
געשריבען אידיש אויך און האָט געקענט און זאָגאר באריכערט
די אידישע שפּראך, האָט ער אידיש פיינט געהאט בתכלית השנאה.
ער האָט זיך געבוקט פאר דער פּוילישער שפּראך און פאר דער
פּוילישער קולטור, וועלכע האָט פון שטענדיג אָן געהאט מער אויסער־
לאכע ווי אינערלאכע שיינקייט, אָבער צו דער העברעאישער שפּראך
האָט ער געהאט אַן אינסטינקטיוון דראנג. אין דער העברעאישער
שפּראך און זשורנאליסטיק איז פרענק געווען צווישען די מייסטער,
זאָגאר צווישען די מאָדערנע העברעאישע זשורנאליסטען. אָבער
נאָר די העברעאישע שפּראך האָט ער ליב געהאט, צו דער העברעאי־
שער ליטעראטור האָט ער געהאט א שוואכע באציאונג און אין
געוויסע מאָמענטען פלעגט ער ארויסווייזען צו איר א נעגאטיווע
שטעלונג. אפילו ביאליקען האָט ער נישט ליב געהאט. מען זאָגט
אָבער, אז אין פארלויף פון די לעצטע יאָרען פון זיין לעבען האָט
זיך זיין באציאונג אין דער הינזיכט פולשטענדיג געביטען, אפשר
אונטער די נייע אומשטענדען אין פוילען, און ער איז געוואָרען
מער אידישער נאציאָנאליסט ווי פאָליאק.

אינטערעסאנט איז, אז דער דאָזיגער מאָדנער טיפּ, וואָס פרענק
האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, האָט ארויסגעוויזען אין פארלויף פון
צענדליגער יאָרען אַן אומגעהויערע עקשנות ביי זיין העברעאישער
זשורנאליסטישער אַרבעט. די אידישע פּרעסע איז געוואקסען,

ע. נ. פרענק

דער אידישער ביכער־מארק האָט זיך פאַרצווייגט און ע. נ. פרענק האָט בשום אופן נישט געוואָלט איבערגיין צו דער אידישער פרעסע. צו העברעאיש יאָ, אָבער אידיש — חס מלהזכיר.

ע. נ. פרענק איז אָן צווייפעל געווען אַ באַגאַבטער שרייבער מיט אַ היבשער מאָס טאַלאַנט, אָבער ער האָט זיין טאַלאַנט צעברעקעלט אויף פאַרשיידענע אַרבעטען. ער האָט געשריבען געשיכטע, דערציילונגען, לייט־אַרטיקלען איבער פאַרשיידענע צייט־פּראַגען, און אַ צייט לאַנג זאָגאַר געווען אין „הצפירה" דער נייעס שרייבער און אַליין איבערזעצט שטיקלאַך נייעס פון דער פּוילישער פּרעסע. איך געדענק, אַז אין פאַרלויף פון פיר יאָר צייט, ווען איך האָב געהאַט אַ געוויסע פאַרבינדונג מיט דער „הצפירה", האָט ע. נ. פרענק אַרבעטענדיג פאַר אַ הונגער־לוין אויסגעפילט די גאַנצע צייטונג כמעט. די רעדאַקציע איז דאַן באַשטאַנען חוץ אים, פון יצחק ניסענבוים, יוסף העפטמאַן און אפרים זינגער, אָבער יענע האָבען געהאַט זייטיגע פאַרדינסטען פון אַנדערע זשורנאַליסטישע קוואַלען און געאַרבעט אין „הצפירה" ווייניג, אין דער צייט וואָס פרענק האָט זיך פון „הצפירה" נישט אַרויסגערירט און געזען, אַז די „הצפירה" אונטער זיין אויפזיכט זאָל נישט פאַרשעמט ווערען פאַר די אַמאָליגע „הצפירהס".

ביי אַזעלכע פערזאָנען ווי ע. נ. פרענק, זענענדיג זייער פאַנאַטיזם און קנאַאישקייט פאַר אַ זאַך, וואָס מיר האַלטען עס פאַר אַ טייל פון אונזער נאַציאָנאַלען אוצר, פאַלען אָפּ די אַנדערע חסרונות, און אַז מען קוקט זיך אַביסעל טיפער אריין, הייבט אָן אָפּפאַלען דאָס פּסולת און עס בלייבט נאָר איבער די מסירת נפש. און ע. נ. פרענק האָט זיכער מיט מסירת נפש באַרייכערט די העברעאישע שפּראַך, אויף וועלכער ער איז נאָך סאָקאָלאָוו און פרישמאַן געווען איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטען.

אַ מאָדנער אינטערעסאַנטער פאַקט וועט אפשר קלאָר אָפּשפּיג־

לען דאָס אויבענגעבראַכטע. ע. נ. פרענק פלעגט אָפטמאָל סיי אין פריוואַטע געשפּרעכען און סיי אין שרייבען אַרויסטרעטען געגען אידיש און געגען געוויסע שאַפונגען אין דער אידישער שפּראַך, נאָר דערפאַר ווייל עס איז געשריבען אין אידיש. האָט זיך געטראָפען, אַז ווען ער איז איינמאָל אַרויסגעטראָטען מיט אַ שאַרפען אַרטיקעל אין „הצפירה" געגען אידיש, איז אַרויף אין רעדאַקציע פון „הצפירה" אַ יונגער אידישער דיכטער און האָט אים מכבד געווען מיט אַ שטעקען איבערן קאָפּ. איך בין זיכער, אַז ווען דער זעלבער שלעגער האָט שפּעטער איבערגעלעזען „פרעה" פון באָלעסלאַוו פּרוס אין אידיש אין אַ וואונדערבאַרער איבערזעצונג פון דעם זעלבען פרענק, האָט ער געמוזט חרטה האָבען אויף זיין איבערגעאיילטען שריט, ווייל עס איז אָן צווייפעל, אַז דורך דער איבערזעצונג פון „פרעה", וואָס איז אַ מוסטער־ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור, איז די אידישע שפּראַך זייער באַרייכערט געוואָרען. נישט בלויז איז צו דער אידישער ליטעראַטור צוגעקומען אַ גאַנץ גרויס ווערק, נאָר די איבערזעצונג האָט אויך געוויזען, אַז ע. נ. פרענק האָט געקאָנט שרייבען אַ מוסטערהאַפטען אידיש.

אין דער פּוילישער שפּראַך, אין וועלכער „פרעה" איז געשריבען פון באַרימטען שריפטשטעלער באָלעסלאַוו פּרוס (אַלעקסאַנדער גלאָוואַצקי), איז עס איינע פון די זעלטענסטע ווערק, נישט נאָר דורכן אינהאַלט נאָר אויך דורך דער רייכער פאַרביגער און ריטמישער שפּראַך. אין אידיש איז דער צויבער פון דער שפּראַך כמעט נישט פאַרלוירען געוואָרען. די איבערזעצונג האָט זיך פריער געדרוקט אין דעם ליטעראַרישען וואָכען־זשורנאַל „דער שטראַל", וואָס איז ערשינען אין וואַרשע אונטער דער רעדאַקציע פון מ. י. פרייד.

דער דאָזיגער פאַקט באַווייזט אויך, אַז מען קאָן אָפטמאָל נישט אָפּשאַצען אַ מענשען לויט זיינע רייד, נאָר מען מוז אים אָפּשאַצען

ע. נ. פרענק

לויט זיינע טאטען, און איצט, נאך פרענקס טויט, מוז מען אים נאכזאגען דעם שבח, אז נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט פיינט געהאט אידיש צוליב זיין אסימילאטארישער טראדיציע, האט ער די שפראך אליין באריכערט. זיין שימפען איז צעשוואומען ווי א זייפען בלאז און זיין ארבעט איז געבליבען. דאס זעלבע איז אויך וועגען העברעאיש. ער פלעגט אפטמאל חוזק מאכען פון דער העברעאישער ליטעראטור און אליין געהאלפען אין משך פון צענדליגער יארען זי באריכערען און באשענערען.

רעדענדיג אין א פארם פון מליצה קאן מען זאגען, אז אין ע. נ. פרענקס מוח האבען זיך געטראגען צוויי געדאנקען, דער אסימילאטארישער, וואס איז געווען טיף איינגעוואקסען אין זיין בלוט, און דער אידישער, וואס ער האט גערירשנט פון די פריערדיגע דורות, דען ער האט געשטאמט פון א פארצייטיגען רבנישען דור. דיביידע געדאנקען־ריכטונגען האבען געקעמפט אין אים. אז ער איז פארביינעגאנגען פאר דעם פוילישען קולטורעלען היכל, האט עס אים אהין געצויגען, און אז ער איז פארביינעגאנגען פאר דעם אידיש־נאציאנאלען היכל, האט עס אהער געצויגען. די אהלי שם האבען אבער מנצח געווען. די קדשה איז געווען שטארקער ווי די סטרא אחרא, וואס איז געווען באהעפט אין אים. מיר מעגען זאגען מיטן פולען הארצען, אז מיט דעם טויט פון ע. נ. פרענק איז אוועק א גרויסער באדייטענדער העברעאישער און אידישער שרייבער. אלץ, וואס ער האט געטאן, האט ער געטאן מיט שלמות. אן מורא פאר קיינעם און מיט גרוים ווי־סען. דאס וואס ער האט נישט געקאנט, האט ער זיך נישט גענומען צו באשרייבען, דעריבער איז אלץ וואס ער האט יא געשריבען געווען באלערענד און באדייטענד.

ער האט געהאט א חוש פאר אידישער געשיכטע און ער האט זי אן צווייפעל באריכערט מיט זיינע צוגעגרייטע מאטעריאלען,

וואס האבען א גרויסען ווערט פאר דעם היסטאריקער. ער האט געהאט אלע מיטלען צו זיין היסטארישע ארבעט: וויסען, שפראך, בליק, און באזונדערס א גרויסע מאס פון אויסדויערונגס־קראפט צו זיצען מאנאטען לאנג איבער די פארשטויבטע ארכיוועז אום אויסצוגעפינען א היסטארישען דאקומענט. איך פלעג אפטמאל באוואונדערען זיין התמדה, טרעפענדיג אים טאג־איין טאג־אויס אין דעם קאלטען נאסען קעלער פון דער ווארשעווער קהלה, וואו ער האט געזוכט מאטעריאל אין די אלטע פנקסים, פון וועלכע ער האט שפעטער באארבעט א רייע היסטארישע סקיצען פון די אידען אין פוילען, וואס האבען זיך געדרוקט אין העברעאיש און אידיש און זענען שפעטער ערשינען אין בוך־פארם.

בכלל איז דאס געווען אן אויסערגעווענלאכער טיפ, פון די, וואס האבען פון בית המדרש מיטגעבראכט די התמדה, פון דער פרעמדער קולטור — דאס רייצענדע פייערל און פון די איינגע־עקשנטע אידישע דורות דעם גייסטיגען באגאזש. ער איז געווען פון די וואס כאטש דער שטן פאנגט זיי אין זיין נעץ אריין קאן ער זיי דאך נישט בייקומען.

דער אייביגע בלייבענדער סוד פון דער פלאמענדיגער אידי־שער נשמה וועמען קיין שום פייער קאן נישט פארברענען. דער סוד פון דעם אידיש זידענדען בלוט וואס ווערט קיינמאל נישט פארגוויאישט אפילו אנגעטאן אין די גלחישע קליידער פון א קארדי־נאל, אין דעם פאנצער פון א פרעמדער שפראך אין א פרעמדער קולטור; דאס אידישע בלוט, וואס נעצט אלע מאל דורך די קליי־דער, און דאס אידישע זעט זיך אזוי בולט אן.

ע. נ. פרענק האט אן צווייפעל אין זיין לעבען דורכגעמאכט א שווערען קאמף. אים האט געצויגען, ווי מיט אייזערנע צוואנגען צו א פרעמדער קולטור, אבער א געהיימע קראפט, אומבאוואוסט פאר אים אליין האט אים יעדעס מאל צוריקגעשלעפט אין ישראלס

געצעלטען. גערינט האָט אים דערבײַ, וואָס ער איז געווען ערלאַך ביזן גרונט. בײַ יעדער טאָט זײַנער האָט ער געמיינט דעם ריינעם, לויטערען אמת און דער אמת האָט באַשיינט אַלע זײַנע טאַטען און דער אמת באַגלייט אַלץ וואָס ער האָט געלאָזען נאָך זיך.

ער איז געווען אַ מערקווירדיגער טיפּ, פון די, וואָס טראָגען אין זיך עפּעס געהיימעס אין זייער גאַנצען פאַרנעם, און אַז זיי שטאַרבען, נעמען זיי מיט אַ סוד אין קבר אַריין.

דער אינערלאַכער סודותדיגער קאַמף פון אַ אידישער פאַר־צווייפעלטער נשמה.

דר. גרשון לעווין

דר. גרשון לעווין

מיר דערמאָנען שטענדיג דעם היסטאָריקער, וואָס דאַרף איצט קומען און צונויפקלויבען די אַלע פאַקטען, וואָס געשען אין אונזער טאָג־טעגלאַך לעבען און פון דעם צונויפשטעלען דאָס גרויסע ווערק, וואָס זאָל דינען פאַר אַ ליכט־שפּיגעל פאַר די צוקונפטיגע דורות. דער אמת איז, אַז דער דאָזיגער היסטאָריקער, וועגען וועלכען מיר רעדען שטענדיג מיט אַזויפיל יראת הכבוד, באַווייזט זיך זייער זעלטען, און אַז ער באַווייזט זיך שוין יאָ אַמאָל, איז עס מיט היבשע צענדליגער, אָדער מיט הונדערטער יאָרען שפּעטער, און ביי זיין גאַנצער גרויסקייט אַלס היסטאָריקער וואָס ער איז עס ווירקלאַך, איז אים אַלץ שווער אויפצוקלויבען אויף דעם צוריקוועג, די איינצעלהייטען פון די טאָג געשעענישען וואָס בילדען געשיכטע.

איך זאָג דאָס קעגען דעם, וואָס שרייבענדיג וועגען דער פּערזענלאַכקייט פון דר. גרשון לעווין, וואָלט איך גערדאַרפט אָנצייכענען אַרום אים די ליניען, וואָס האָבען אים געפירט אויף זיין לעבענס־וועג, און אָנצייכענען די ליניען, הייסט שוין נישט בלויז שרייבען איבער דר. לעווין אַליין, נאָר אויך געבען אַ היסטאָרישען, אַזוי צו זאָגען, איבערבליק איבער דער צייט, ווען ער האָט זיך אָנגעהויבען אויסוויקלען אין דעם עפּענטלאַכען אידישען לעבען אין פּוילען, און דאָס איז נישט היינט צו טאָג מיין אויפגאַבע.

איינגע שטריכען קאָן מען אָבער נישט אויסמיידען: דאָס אידענטום אין פּוילען האָט פון שטענדיג אָן געהאַט אַ גרויסע רייכע אינטעליגענץ. נישט קוקענדיג אויף די גרויסע מערהייט פון אָרטאָדאָקסישע אידען, נישט קוקענדיג אויף דעם שאַרפען בליק פון די רעליגיעזע אידען, וועלכע האָבען אָנגעשטרענגט אַלע מיטלען, אַז

דר. גרשון לעווין

זייערע זין זאָלען קיין אַלגעמיינע למודים נישט לערנען, זענען אָבער זאָגאר פון די זעלבע אָרטאָדאָקסישע קרייזען, אָדער בעסער געזאָגט, חסידישע קרייזען, אויסגעוואַקסען אַ גרויסע צאָל אינטע־ליגענטע קרעפטען, וועלכע העלפען איצט שמידען די נאַציאָנאַלע אידישע אינטערעסען אין פּוילען. פון דער צווייטער זייט ווידער האָט דאָס אידענטום אין פּוילען געהאַט אַ גרויסע צאָל וועלטלאַכע אידען, די באַרימטע אַסימילאַטאָרען מיט זייערע קינדער, וועלכע האָבען געהאָלפען פאַרשענערען און באַרייכערען די פּוילישע קולטור אין פאַרשיידענע פאַזען. עס איז אָבער געווען שווער אויסצעטיילען די נאַציאָנאַל־געזאָנענע אידען פון די אַסימילירטע. עס איז קיין פעלד נישט געווען פאַר נאַציאָנאַלער אידישער אַרבעט. יעדע זאַך, וואָס האָט געטראָגען אַ געזעלשאַפטלאַכען כאַראַקטער איז געווען טריף ביי דער רוסישער רעגירונג, און יעדע אַנדערע טעטיגקייט אויפן וועג פון צדקה און געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט, וואָס האָט זיך אויס־געדריקט אין געזונט מאַכען די אידישע מאַסען, ווי למשל, אין גרינדען האָספּיטעלער, קינדער־אַנשטאַלטען, א. אז. וו. האָבען די אַסימילאַטאָרען, וועלכע זענען געווען די רייכערע אידען, פאַרכאַפּט אין זייערע הענט, אַזוי, אַז דער נאַציאָנאַלער געשטימטער איד האָט צו דער געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט אין אידישען לעבען נישט געהאַט קיין דריסת הרגל.

מיר האָבען געזען, אַז פון איין זייט שטייען די אָרטאָדאָק־סישע אידען און פאַרצוימען די וועגען פאַר זייערע קינדער, און געבען זיך מערסטענס אָפּ מיט ישיבות און חדרים אויפן אַלטען שטייגער און פון דער צווייטער זייט, אַ פאַרצווייגטע אַסימילאַציע וואָס רייסט שטיקער פון נאַציאָנאַלען אידענטום, נאַציאָנאַלען נישט אין פּראַקטישען זין, נאָר אין שורש.

אין יענער צייט, מיט 25 יאָר צוריק, האָט זיך אָנגעהויבען די געזעלשאַפטלאַכע טעטיגקייט פון דר. גרשון לעווין. ער האָט

געשטאלטען

געהאט אַלע מעלות פאר א נאציאָנאַלען אידישען געזעלשאפטלאכען טוער. און באזונדערס איז ער געווען דער פּאָלקסטימליכער נייער איד אין יענער צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען וועקען די אינסטינקטיווע בענקשאפט נאָך דעם אידישען פאָלקס־ליד, וואָס האָט זיך ביז דאַן געוואַלגערט אין די זייטיגע געסלאך און האָט שוין באַלד אָנגעהויבען פארגעסען צו ווערען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַן אויפלעבונג אין דער אידישער ליטעראַטור. י. ל. פּרץ איז שוין געווען אויף דער וואָך ארומגערינגעלט פון א נייער יוגענט. עס איז בכלל געווען א צייט, ווען עס האָבען אָנגעהויבען געבוירען צו ווערען קליינע פלאַנצען וואָס האָבען געהאט דייטלאכע סמנים, אַז פון זיי וועט זיך אַנטוויקלען א נייע צייטיגע פרוכט, וואָס וועט פארשפרייטען נייע זאָמען אין דעם געזעלשאפטלאכען און אין דעם אידישען נאַציאָנאַלען לעבען.

דר. גרשון לעווין איז געבוירען געוואָרען אין לובלין. זיין פאָטער איז געווען א חזן, און פון אים האָט ער געירשנט א נייגונג צו מוזיק. ווען ער איז ארויס אין דער אידישער עפענטלאכקייט, האָבען מיר אים שוין געהערט שפּילען אויף עטלאכע אינסטרו־מענטען. ער איז גלייך געקומען ווי א פארטיגער שריפטשטעלער. ער האָט געשריבען איבער היגיענע אין א ליטעראַרישער אָבער פשוטער שפראַך. ער איז געווען באַהויכט פון דער השכלה, און ער האָט דאָס באַוויזען מיט דעם, וואָס ער האָט געדרוקט אין „הצפירה" אַרטיקלען איבער דער ווייסער פלאָג — שווינדזוכט. קיין וואַרשע איז ער געקומען אַלס אַרצט און האָט זיך געשמאַק פארנומען מיט זיין מעדיצינישער פּראַקטיק, וואָס האָט אים שפּע־טער געגעבען דעם שם אַלס אָנגעזעענער דאָקטאָר. דערביי איז ער אין פּראַקטישען לעבען געווען דער פשוטער האַרציגער פאָלקס־מענש און האָט דעם פאָלקס־מענש באמת ליב געהאט. ווען א מענש האָט די אַלע דערמאָנטע מעלות און איז נאָך דערצו באַהויכט

מיט דעם ווילען דאָס אייגענאַרטיגע אין אים צו פאַרוואַנדלען אין ממשותדיגע טאַטען, איז ער ראוי אָנגערופען צו ווערען פירער, און ער איז דאָס אין יענער צייט אין אַ געוויסער מאָס געווען.

זיין באַרימטע געזעלשאַפטלאַכע אַרבעט שיינט אַרויס פון יענער צייט, ווען ער איז געווען דער אָנפירער פון „הזמיר" אין ווארשע. דאָס איז דאַן געווען די שענסטע נאַציאָנאַלע אידישע אינסטיטוציע, וואו עס האָט זיך נישט קאָנצענטרירט בלויז די אַנטוויקלונג פון דעם אידישען פאָלקס־ליד, דאָס אויסברייטערען די אידישע מוזיק־טענער, וואָס האָט אָנגערעגט אַ סך קאָמפּאָזיטאָרען אידען צו שאַפען אידישע מוזיק, נאָר דאָרטען איז אויך צעאַקערט געוואָרען דאָס פעלד פון דער אידישער ליטעראַטור. דאָרטען האָבען מיר אַזוי אָפט געהערט די גייסטרייכע לעקציעס פון דעם גרויסען דיכטער און גרויסער פּערזענלאַכקייט י. ל. פּרץ, די אינהאַלטרייכע געדאַנקען, וואָס פּרץ האָט אונז איבערגעגעבען אין אַ רייכער פולפאַרביגער פּערלדיגער שפּראַך. דאָרטען אין „הזמיר" האָבען פילע שפּעטערע אידישע טאַלאַנטפולע אַקטיאָרען געמאַכט זייערע פּראָבען, און אָנגעהויבען לייגען דעם גרונטשטיין פאַר דעם נייעם בעסערען אידישען טעאַטער, אייגענטלאַך פאַר דעם אידישען קונסט־טעאַטער. אַ סך אידען, וואָס האָבען שטודירט אין דער פּוילישער דראַמאַטישער שולע, דערפילענדיג דעם אידישען שאַפּונגס־דראַנג אין זיך זענען געקומען אויף די האַרטע ברעטער פון „הזמיר" און דאָרטען פּרובירט זייערע כחות אויף די ליטעראַרישע אָנפאַנגער וואָס האָבען געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער גרויסער אומפאַסענדער אידישער ליטעראַטור.

דער „הזמיר" אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דר. גרשון לעווין, איז געווען דער פּרוזדור צו דעם איצטיגען נאַציאָנאַלען אידישען לעבען, וואָס דריקט זיך אויס אין דער גרויסער צאָל אידישע און העברעאישע שולען אין פּוילען, צו דער שאַפונגס־אַרבעט פון די

אידישע שריפטשטעלער, און צו דער אנטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראטור בכלל. ער איז עפעס געווען דער, וואס האט אלעמען געוויזען דעם וועג. ער האט געמאכט דעם ערשטען שריט, און האט געזאגט: „קינדערלאך, גייט, איר זעט, עס איז גאר נישט אזוי שווער". ער האט אליין געזונגען אין כאר פון „הזמיר" און איז אפטמאל געווען דער סאליסט, סיי אין געזאנג און סיי אויף דער וויאלאנטשעל. ער האט געשריבען סקיצען, דערציילונגען, ווי ער וואלט אונטערזאגען די נייע טאלאנטען, אז זיי זאלען נעמען שרייבען און נישט שרעקען זיך. ער האט אליין געהאלטען פאר־טראגען ווי ער וואלט געוואלט אונטערגעבען מוט, אז אויך אנדערע זאלען לעקטשורען. ער איז נישט געווען דער גרויסער מייסטער אין דעם אלעם. ער איז נישט דער גרויסער טאלאנט אלס שריפט־שטעלער, ער איז נישט קיין טאלאנט אין דער מוזיק, אבער דאס וואס ער האט באזעסען, האט ער ארויסגעבראכט אויף א צארטען, שיינעם אופן סיי מיט זיין פראקטישקייט און סיי מיט זיין קענט־שאפט, אז אנדערע זאלען אים נאכגיין, און אז אידישע מוזיק, אידישע ליטעראטור און דאס אידישע געזעלשאפטלאכע לעבען זאל זיך אויסברייטערען.

דר. גרשון לעווין האט געהאלפען שאפען די נאציאנאלע אידישע סביבה. ער אליין איז געווען א שטיק אידישע סביבה און האט דעריבער ארום זיך צונויפגעזאמעלט אלץ וואס האט געהאט צו טאן מיט נאציאנאלע אידישע ארבעטען. ער איז געווען א הארציגער נאענטער פריינט פון פרץ און שלום־עליכם, פון אש און נאמבערג, פון די בעסטע אידישע מוזיקער און מיט זיין פאלקסטימלאכקייט, מיט זיינע מעלות וואס ער האט צעהאנגען ווי פערל אויף אלץ, וואס האט צו טאן מיט דער אידישער נשמה, האט ער געהאלפען אויסבויען דאס שיינע אידישע ווינקעל, פון וואנען מיר, די יונגע, זיינע תלמידים ציען די יניקה ביזן היינטיגען טאג.

ווען ער איז צוריקגעקומען פון דעם יאפּאַנעזישען קריג, וואו ער איז געגומען געוואָרען אַלס מיליטערישער אַרצט האָט ער אונז דערציילט אין אַ פאָלקסטימלאַכער פאָרם וועגען אַלץ וואָס ער האָט דאָרטען געזען. ער האָט גערעדט וועגען דעם אין לעקטשור־פאָרם און האָט געשריבען אין אידיש, בילדער און זכרונות. פון דעם לעצטען קריג וואו ער האָט אויך געמוזט זיך באַטייליגען האָט ער אונז געבראַכט זיין „רייזע איבער דער כאָלערא געגענדען". עס זענען נאָכהער ערשינען די זכרונות פון זיינע סטודענטען יאָרען, זיין האַרציג בוך איבער פרצען, און איצט, לעצטענס ווערען מיר געוואויר, אַז ער שרייבט אויך קאַפּיטלען פון זיין אינטימער באַקאַנטשאַפט מיט דעם גרויסען שלום־עליכם.

אין פאַרלויף פון זיין גאַנצער געזעלשאַפטלאַכער טעטיגקייט האָט ער נישט אָנגעהאַנגען אויף זיך קיין פּאַרטייאישען צייכען. ער איז נישט קיין ציוניסט און נישט קיין פאָלקיסט. אויב מען וואָלט אים געוואָלט צושרייבען צו וועלכער עס איז גרופּע, וואָלט מען געקאָנט זאָגען, אַז ער געהערט צו דעם חדר פון דובנאָוו, דעם באַרימטען אידישען היסטאָריקער. ער האָט אַ נאַציאָנאַלע אידישע אויפפאַסונג און אין דער ליניע האָט ער זיך שטענדיג באַוועגט און אַלס אַזעלכער איז ער אַמאָל אַרויסגעשטעלט געוואָרען אַלס דעפּוטאַט אין דער רוסישער דומע. זיין מעדיצינישע טעטיגקייט האָט אים געמאַכט וואָס אַמאָל מער באַשעפטיגט, און זיינע בעסטע כחות האָט ער געמוזט לייסטען צו העלפען איינצעלנע חולאים, אָנשטאָט צו העלפען לויט זיינע גרויסע מעגלאַכקייטען דעם קאָלעקטיוו.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט מען אין פּוילען געפייערט דעם 30־יאָריגען יובילעאום פון זיין טעטיגקייט, און עס איז אָן צווייפעל, אַז ער האָט פאַרדינט אַז מען זאָל זיין אַרבעט דערמאָנען מיט לויב. דאָס זענען געווען דרייסיג שטורעמדיגע

יאָרען אין דעם אידישען לעבען אין רוסלאַנד און אין פּוילען. עס זענען איבער דער צייט פאָרגעקומען גרויסע איבערקערע־נישען אין דעם אידישען לעבען. מיר האָבען זיך דאָפּעלט באוועגט, סיי צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם שטראָם, וואָס האָט אין פארלויף פון די לעצטע דרייסיג יאָר אָנגענומען נייע פאַר־ענדערטע פאָרמען און סיי מיט דעם אידישען שטראָם, וואו איבער דער צייט זענען געבוירען און קריסטאַליזירט געוואָרען נייע אידעען, נייע באַוועגונגען, וואָס האָבען געהאָלפען אונז ווערען פון אַ רעלי־גיעזע גרופּע, פאַר וועלכער מען האָט אונז באַטראַכט, אַ פאָלק צווישען פעלקער. אַ פאָלק וואָס האָט נישט בלויז נאַציאָנאַלע אַמביציעס, נישט בלויז נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, נאָר האָט שוין דערגרייכט דעם פּונקט, וואו די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען וואָס זענען געבוירען געוואָרען די לעצטע דרייסיג יאָר הייבען אָן פאַרווירקלאַכט צו ווערען, און מען דאַרף אונטערשטרייכען מיט דער פולער זיכערהייט, אַז דר. גרשון לעווין האָט אין פילע הינזיכטען געהאָלפען רייכער מאַכען אונזערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און האָט זיך אין דער אַרבעט באַטייליגט מער אָדער ווייניגער אין פאַרלויף פון די לעצטע דרייסיג יאָר טאָג־טעגלאַך.

מוזיקער



מתתיהו בענסמאַן

איינער פון די מערקווירדיגסטע קינסטלער־טיפּען, וואָס איך האָב באַגעגענט אין מיין לעבען, איז געווען בענסמאַן. אַ צעשויבערטע נשמה, מיט עקסטאַזען פון אַ געניאַלער פּערזענלאַכקייט, פול מיט גליענדע פונקען פון אַ האַלב אויסגעלאָשען פייער, אַן עילוי־שער קאָפּ פאַר מוזיק, וועמען דאָס האַרטע רעאַלע לעבען האָט אַ פעסטען שטויס געטאָן און אים ווי פאַרטראָגען אויף אַ שפּיציגען פעלז.

ער האָט אָנגעהויבען ווי אַ וואונדער־קינד. ער איז אויסגעוואקסען ווי אַ קינסטלער אין מוזיק קענטעניש, ווי אַ גרויסער מייסטער אין זיין פאַך, וואָס האָט זיך דערקליבען אין איין צייט צו דעם העכסטען שטאַפּעל פון זיין רום און איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַ קינסטלער אַ טרעמפּ.

ער האָט ליב געהאַט און פיינט געהאַט דאָס אידישע פאָלק. ליב געהאַט, ווייל ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אידישע מוזיקאַלישע טענער, וואָס ער האָט נאָר אין אַ שוואַכער פאָרם באַוויזען אויסצודריקען אין זיין סימפאָניע „פּאַלעסטינאַ". דאָס גרויסע האָט ער זיך איצט געקליבען צו שאַפען. ער האָט טיף און ערנסט געליטען איבער דעם פאַרוואָס ער האָט זיי נישט געקאָנט אַרויסברענגען, פאַרוואָס ער האָט זיין קינסטלערישען דראַנג נישט געקאָנט פאַרוואַנדלען אין מעשים. ער האָט פיינט געהאַט דאָס אידישע פאָלק ווי אַ אידישער קינסטלער קאָן עס פיינט האָבען, ווען ער פילט מיט אַלע חושים, אַז ער האָט פאַר זיין פאָלק אוצרות אָנגעגרייט און דאָס פאָלק וויל אים נישט געבען די געלעגענהייט דאָס אַרויסצוברענגען.

ער האָט געזען רייכטום ביי אַ גרויסען טייל אידען און עס האָט אים געקרענקט, וואָס מען גיט אים נישט די מעגלאַכקייטען צו אַרבעטען. אָבער קוים האָט מען אים אין זעלטענע פאַלען יאָ געגעבען, האָט ער עס אויסגענוצט ווילד, קינסטלעריש־ווילד, און נישט־קינסטלער איז געווען זייער שווער צו הויזען מיט אים.

אויסער „פּאַלעסטינאַ" איז זיין בעסט ווערק געווען פון אַ קריסטלאַכען כאַראַקטער — „לאַ נונציאַציאָנאַ". ער האָט אויך דאָ געוואָלט דאָס בעסטע געבען. צוריק קומענדיג שפּעטער אין דער אידישער וועלט, האָט ער אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטען צו שאַפען עטוואָס גאַנצעס, אידישעס און ווען דאָס איז אים נישט געלונגען, האָט ער טיף חרטה געהאַט, פאַרוואָס ער האָט נישט פאָרטגעזעצט זיינע טריט, וואָס ער האָט אָנגעהויבען שטעלען אין איטאַליען. אַ ליידענדער, אַ טראַגישער איז ער געווען.

ער האָט זיך נישט געוואָלט אַראָפּלאָזען צו ווערען אַ דיריגענט אין אַ ביליגען מואַווינג־פּיקטשור, צו וועלכען ער האָט געקאָנט האָבען אַלע מעגלאַכקייטען אין אַמעריקע. ער האָט בעסער געהונגערט און נאָך מער געליטען גייסטיג. בענסמאַן האָט מיט זיך פאַרקערפּערט אונזער גלות אין דער מוראדיגסטער פאָרם — אַ זון פון דעם עמאַ פּזיזאַ.

ער איז דעריבער נעפאַלען אויף דעם לעבענס שלאַכט־פעלד, צווישען גרויסע מויערען, צווישען דעם רייכסטען טייל פון דעם היינטיגען אידענטום. ער איז געשטאָרבען ערגעץ אין דער בראָנקס, ביי בייזוויליגע מענשען, וועלכע האָבען דאָס טייערסטע פון אים, די שאַפונגען זיינע, פאַרקויפט אויף „אוקציאָן" און אַ גרויסער טייל פון זיינע געניאַלע אַרבעטען האָט דער ווינט צעשפּרייט און ווער ווייס צי האַלב געבאַקענע קינסטלער שפּילען נישט היינט זיינע מעלאָדיען און זאָגען, אַז דאָס האָבען זיי די הערלאַכע נגונים אויפגעכאַפּט אין חלל פון דער שיינער וועלט...

מתתיהו בענסמאַן

בענסמאַן איז געבוירען געוואָרען אין מינסק, אין יאָר 1879. זיין פאָטער שלמה בענסמאַן, א רייכער סוחר האָט געהאַט מוזיקאַלישע נייגונגען. ער איז געווען א גוטער העברעער, א למדן און א גרויסער משכיל. ווען ער האָט ביי מתתיהו, זיין זון, באַמערקט פעאיגקייטען צו מוזיק האָט ער זיך באַמיט, אַז די פעאיגקייטען זאָלען נישט בלייבען אין די ענגע ד׳ אמות פון זיין הויז. ער האָט אים געפירט צו גרויסע מוזיקאַלישע פערזענלאַכקייטען, וועלכע האָבען עדות געזאָגט, אַז מתתיהו איז א וואונדער־קינד. דער יונגער בענסמאַן פלעגט שטענדיג לויבען זיין פאָטער, וועלכער האָט אים צוגעהאָלפען צו זיין מוזיקאַלישער קאַריערע. ווען בענסמאַן איז אַלט געוואָרען זיבען יאָר, האָבען זיך זיינע עלטערען איבערגעצויגען קיין כערסאָן, טיף רוסלאַנד, וואָס האָט געטראָגען אויף זיך די פרימיטיווע רוסישע שיינקייט. שפעטער, האָבען זיינע עלטערען אויך געוואוינט אין קיעוו און אין אָדעס.

פון זיין קינדהייט אָן האָט בענסמאַן געהאַט אַן אויסערגעוועהנלאַך שאַרף געהער. אויף דער פיאַנאָ האָט ער אָנגעהויבען שפילען, ווען ער איז אַלט געווען פיר יאָר און צו עלף יאָר האָט ער שוין געלערענט אין אָדעסער קאָנסערוואַטאָריום און דאָרט אָנגעשריבען א רייע קאָמפּאָזיציעס.

צו צוועלף יאָר איז בענסמאַן אָנגעקומען אין קיעווער קאָנסערוואַטאָריום. צו פערצען יאָר האָט ער געענדיגט האַרמאָניע און קאָנטראַפּונקט. אין יענער צייט שרייבט בענסמאַן אָן זיין ערשטע אָפּערע, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען „פּאָסלושניצאַ מאַרטאַ וו׳ מאָנאַסטיריע”. די ליבּרעטאָ צו זיין ערשטער יוגענט אָפּערע האָבען אָנגעשריבען גריגאָריעוו און ביעלאַצקי, צוויי גוט באַקאַנטע רוסישער שריפטשטעלער פון יענער צייט. בענסמאַן ציינט ארויס אין זיין יוגענט־ווערק געניאַלע פעאיגקייטען. אָבער די זאַך איז נאָך נישט געווען גענוג רייף, אַז מען זאָל זי קאָנען אויפפירען.

דער וועלט־באַרימטער אַנטאָן רובינשטיין האָט די פּאַרטיטורע פון דער אָפּערע דורכגעזען פון אָנהייב ביזן סוף און אויסגעדריקט זיין אָנטציקונג.

פון קיעוו, אין עלטער פון 14 יאָר, פאָרט בענסמאַן קיין פעטערבורג אין קאָנסערוואַטאָריום. דאָרטען לערענט ער דריי יאָר און אין פאַרלויף פון יענער צייט שרייבט ער אַן אַ רייע קוואַר־טעטען, אַ סימפאָניע, אַ סערענאַדע פאַר פידעל, אַ פאָרטעפּיאַנאָ קאָנצערט און עטלאַכע קאָנטאַטען. פון פעטערבורג, אין עלטער פון 17 יאָר, פאָרט ער קיין וואַרשע און טרעט דאָרט אַריין אין קאָנסערוואַטאָריום, וועלכע ער ענדיגט מיט די גרעסטע אויסצייכענונגען. ער גיט דאַן אָפּ ניין יאָר צייט אויף צו שטודירען גרינטלאַכער די טעאָריע פון מוזיק. און אין דער זעלבער צייט איז ער פּראָפעסאָר פון געזאַנג אין שאָפּענס מוזיק שולע.

טויזענטער שילער האָט ער אַרויסגעגעבען און זיין לערע פאַר־שפּרייט אַן געשרייען, אָן לער־ביכער און פילע לענדער.

עס איז געווען דאָ אין אַמעריקע אַן אינטערעסאַנטער פאַל, וואָס שפּיגעלט אָפּ בענסמאַנען אַלס דעם פּראָפעסאָר, וואָס האָט ווייט פאַרצווייגט זיין לערנען מוזיק, און אַזוי אַרום פאַרשענערט די ענגע ווינקלען פון טויזענטער. מען האָט אין קאַרנעגי האָל געזאָלט שפּילען זיין סימפאָניע „פּאַלעסטינאַ“ מיט דעם פילהאַר־מאָניק אָרקעסטער. בענסמאַן האָט געזאָלט דיריגירען, מען האָט געהאַט געגעבען האַנט־געלט דעם לייטער פון דעם אָרקעסטער, אָבער עס איז נישט געווען צו דערצאָלען, אַז מען זאָל קאָנען מאַכען די ענד־גילטיגע פּראָבע מיט דעם אָרקעסטער אום אַרויסצוטרעטען פאַר דעם ברייטען פּובליקום. איז מען געזעסען אין קאַרנעגי האָל און געוואַרט אויף אַ נס. פריינט האָבען געזוכט, געגישטערט, אפשר וועט מען קאָנען זיך שאַפען און דערצאָלען, אָבער עס איז ליידער נישט געווען.

אַלע מוזיקאַנטען זיצען שוין אויסגעזעצט. עס הערט זיך אַ קרעכצען, אַ ברומען פון דעם אָנשטעלען די אינסטרומענטען, און בענסמאַן קומט אַריין מיט האַלב אויסגעלאָשענע אויגען, זעצט זיך אַוועק און טראַכט מסתמא פינסטערע געדאַנקען. אָבער דאָ געשעט עפּעס, וואָס רודערט אויף אַלע אַנוועזענדע: איינציגע מוזי־קאַנטען פון אָרקעסטער הייבען זיך אויף, קומען צו צו בענסמאַנען און דערמאַנען אים, אַז זיי זענען זיינע שילער פון וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריום, פון די „הזמירס" אין פּוילען און זאָגען אים אָן אַ בשורה, אַז זיי גייען אַוועק צו זייער לייטער און אים בעטען, אַז זיי זענען גרייט צו שפּילען אָן געלט פאַר זייער לערער. אַ פּייערל גליט אויף אין בענסמאַנס אויגען, ער ווערט הייטערער, פעסטער, אָבער דאָס דויערט נישט לאַנג. מיט אַ קליינער שטונדע שפּעטער זענען די אידישע מוזיקאַנטען געקומען זאָגען, אַז זייער לייטער באַשטייט נישט אויף דעם: ער וויל דאָס גאַנצע געלט פריער און בענסמאַן איז טיפער איינגעזעסען אין דער געבעטער שטול פון קאַרנעגי האָל, און דער פריערדיגער גלאַנץ אין זיינע אויגען איז פולשטענדיג פאַרשוואונדען.

אין יאָר 1903, פאַרלאָזט בענסמאַן וואַרשע און פאָרט נאָך איטאַליען, אין לאַנד פון דער אייביגער מוזיק. דאָרט פאַרפּול־קאָמט ער זיך נאָך מער אין דער מוזיקאַלישער טעכניק און הייבט אָן אַריינקומען אין די קרייזען פון באַרימטע איטאַליע־נישע מוזיקער. איינער פון זיינע נאָענטסטע פריינט איז דאַן געווען דער באַקאַנטער איטאַליענישער מייסטער פראַנטשעטי. ער האָט זיך דאַן שנעל אויסגעלערענט די איטאַליענישע שפּראַך און אין אָנפאַנג פון 1905, ווען עס קומט פאַר אַ קאָנקורס אויף אָנצו־שרייבען אַ קינסטלעריש ווערק — אַן אָראַטאָריע שרייבט ער אַן זיין באַרימט ווערק „לאַ נונציאַציאָנאַ" און באַקומט דעם ערשטען פּרייז, וואָס איז געווען אַ סומע פון צוואַנציג טויזענט ליר. צווישען

די ריכטער פון קאָנקורס זענען געווען אזעלכע מייסטער ווי פוטשיני און גאַליניאַני. דער רושם פון זיין באַקומען דעם ערשטען פרייז האָט אָפּגעקלונגען ווייט און ברייט אין אַלע מוזיק קרייזען אויף דער וועלט. די פוילישע פרעסע גרויסט זיך דאַן מיט אים און שרייבט אים צו אַלס אַ פּאָליאַק, ווייל ער האָט אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין פוילען. און אין רוסלאַנד לויבט מען אים אַלס אַ דאָרטיגען געבוירענעם און מען זאָגט נביאות, אז עס גייט אויף אַ נייער מוזיקאַלישער שטערען אויף דער וועלט. אין די איטאַליענישע מוזיק־זשורנאַלען ווערען אין יענער צייט געשריבען גרעסערע אָפּהאַנדלונגען איבער זיין ערשטען גרויסען ווערק, און עס דערגייט אזוי ווייט, אַז דער גרעסטער מוזיק־ארויסגעבער אין איטאַליען, קאַראַדאַ בראַטעלי, אין מילאַן, דרוקט אָפּ אין בוך־פאָרם זיין „לאַ נונציאַציאָנאַ" און באַצאָלט אים אויך אַ סומע געלט. ווען די אָראַטאָריע איז צום ערשטען מאָל אויפגעפירט געוואָרען אין ווערדים זאַל, אין מילאַן, איז די הויפּטזינגערין געווען די וועלט־בארימטע ארטיסטין מאַריאַ קאַנטאָני.

אונטער דעם איינדרוק פון זיין גרויסען ערפאָלג הייבט בענסמאַן אָן צו שרייבען זיין אָפּערע „לאַ נאָוואַ" פון ארטיסטען לעבען, און אַ דאַנק זיין ערוואָרבענער פּאָפּולאַריטעט אין איטאַליען, ווערט זי אויפגעפירט אין יאָר 1905, אין מילאַן.

בענסמאַן הייבט אָן שטייגען ממדרגה למדרגה. מען פאַר־וואַרפט אים מיט פאָרשלאָגען, אָבער זיין קינסטלעריש צאַפּלדיג געמיט, וואָס האָט אים שפּעטער פאַרפאָלגט דאָס גאַנצע לעבען, לאָזט אים נישט צוטרעטען צו אַ באַשטימטער סיסטעמאַטישער באַשטעלטער אַרבעט: ער וויל פריי זיין און פריי שאַפען, פון זיינע איינענע באַהאַלטענע אוצרות. ער הייבט דאַן אָן שרייבען זיין באַרימטען קאָנצערט פאַר פידעל, וועלכען ער האָט שפּעטער פאַרענדיגט אין וואַרשע.

דעם פידעל־קאָנצערט, וואָס בענסמאַן האָט אַליין שטענדיג גערימט, האָט עטלאַכע מאָל געשפּילט אין וואַרשעווער פילהאַר־מאָניע, דער באַרימטער ווירטואָז באַרצעוויטש און אויך דער באַרימ־טער שפּאַנישער פידעל ווירטואָז קיטי. זייענדיג אין אַמעריקע האָט בענסמאַן געטרוימט דעם קאָנצערט אָפּצודרוקען, כדי אים צו געבען אויסצופירען צו אַזעלכע מוזיק־גאונים ווי חפץ און עלמאַן. ער האָט דאָס אָבער נישט דערלעבט.

אין יענער צייט, נאָך דעם אַלגעמיינעם ערפאָלג אין איטאַליען, זוכט ווידער בענסמאַן דאָס סודותדיגע פון זיין נשמה. ער הייבט אָן זיך צוצוהערען צו די ידיעות פון רוסלאַנד. עס דערגרייכט צו אים די טרויעריגע נייעס פון דער קישינעווער שחיטה און אַנדערע אידען־פאַרפאָלגונגען. און עס באַפאַלט אים אַ בענקשאַפט נאָך די באַהאַלטענע אידישע טענער און עס ערוועקט זיך אין אים אַ פאַרלאַנג צו געניסען פון יענעם לעבעדיגען קוואַל, וואו עס לעבט און באַוועגט זיך די גרויסע אידישע מאַסע, מיט וועלכער ער איז באַהאָפטען אין בלוט פון דורות. אין יענער צייט טרעפט ער זיך אין איטאַליען מיט דעם דעמאָלט אַנגעזעענעם רוסישען שריפט־שטעלער יעווגעני טשיריקאָוו, וועלכער האָט נאָר וואָס געהאַט פאַר־ענדיגט זיין באַרימטע דראַמע „יעווּרעאי" („אידען"). טשיריקאָוו לעזט זי אים איבער, און נאָך אַן אינטימען האַרציגען שמועס אין איינער פון די וואונדער שיינע אַלייען פון מילאַן, בלייבט ביי זיי ביידע, אַז מען זאָל די דראַמע באַאַרבעטען אין אַן אָפּערע און בענסמאַן זאָל שרייבען די מוזיק. טשיריקאָוו האָט שוין דאַן געוואוסט פון בענסמאַנס גרויסען נאָמען אין דער מוזיקאַלישער וועלט און איז געוועזן שטאָלץ מיט אים, וואָס ער איז אַ זון פון רוסלאַנד און באַזיצט אַליין אַזאַ קרעפטיגען רוסיש.

אָבער דאָ געשעט אַזעלכעס, אויף וואָס נאָר אַ קינסטלער־נשמה קאָן זיך ערלויבען: דער אַליץ זוכענדער בענסמאַן באַשליסט

ביי זיך, אז אויב שרייבען מוזיק צו די „אידען", וואס שפּיגעלט אָפּ די ליידען פון די אידען אין רוסלאַנד, קאָן ער נישט בלייבען אין איטאַליען, כאָטש די אומגעבונג איז דאָרט אזוי מסוגל פאַר מוזי־קאַלישע שאַפונגען, נאָר ער מוז פאָרען נאָך רוסלאַנד. ער באַזעצט זיך דעריבער אין אָדעס, און אָנגעהויבט פון דעם צויבער און רחבות, וואָס ליגט אויסגעגאָסען אויף דעם שווארצען ים, נעמט ער זיך אָן מיט נייע, פרישע כוחות צו דער ארבעט. בענסמאַן פאַרמאָגט נאָך דאַן ביי זיך אין טאַש שיינע עטלאַכע טויזענט ליר, וועלכע זענען אים פאַרבליבען פון דער סומע, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין פּרייז־ווערק אין איטאַליען.

עטלאַכע מאָנאַטען שרייבט ער פליסיג מוזיק צו דער ספּעציעל פאַר אים געשריבענער ליברעטאָ פון טשיריקאָוו, וועמען עס האָט אין דער ארבעט געהאָלפען דער רעדאַקטאָר פון „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי" ווינאָגראַדסקי, וועלכער איז באַקאַנט געווען אונטער דעם פּסעוודאָנים „לאָהענגרין". ער ווערט וואָס אמאָל מער באַגייסטערט, אָבער ווען ער האַלט שוין ביים סוף, הייבען אָן אויפגיין אין זיין געדאַנק נייע טענער. עס וועבען זיך ביי אים אין קאָפּ לעגענדען און מעשׂות פון דער אמאָליגער גלאָרייכער אידי־שער פאַרגאַנגענהיים. ער הערט אָריענטאַלישע קלאַנגען, טענער לאַנג פאַרגעסענע און ער הייבט זיי אָן אויפנעמען אין מוזיקאַלישער שריפט און פאַרצייכענט זיי אויף צעוואָרפענע פּאַפּירען. ער זעט דאַן פאַר זיך גרויסע נייע אידעען, כאָטש ער האָט נאָך נישט קיין באַשטימטעס. און דאָ קומט אים אויפן געדאַנק, אז דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען ער וועט דערגרייכען דעם צווייטען ברעג פון ים, וואו עס ליגט ירושלים, אַ פאַרוויסטע, און אַרום איר הייבען זיך שוין אָן וועבען נייע קלאַנגען פון דעם גאולה־ליד.

בענסמאַן טראַכט נישט לאַנג. רייזען, וואַנדערען איז ביי אים געווען פון די לייכטסטע זאַכען, און ער פאָרט נאָך ארץ־ישׂראל.

מיט דעם לעצט ביסעל געלט פאַרבערענגט ער דאָרט עטלאַכע מאָנאַ־טען, באַקענט זיך מיט די קליינע גרופּען אידישע אַרבעטער, און צווישען די בערג פון יהודה פאַרטראַכט ער פולשטענדיג דעם פּלאַן פון זיין שפּעטערדיגער באַרימטער סימפאָניע „פּאַלעסטינאַ“. ער הערט זיך צו צו די נגונים פון די אַראַבער, צו דעם מאויםדיגען ברומען פון דעם בעדואינער און צו דעם נייעם געזאַנג, וואָס שאַלט פון די געצעלטען, וואו עס רוען נאָך דער שווערער שווייסיגער אַרבעט די חלוצים — לידער פון בענקשאַפט, גלויבען און האָפענונג אויף דער צוקונפט. ער הערט ווי די שאַקאַלען רופען אין די שטילע וויסטע נעכט פון גליל, ער הערט די בערג רעדען און די נאַכט זינגען סודותדיגע לידער — אַלץ און אַלעם זאַפּט ער אין זיך אַריין און באַאַרבעט דאָס שפּעטער אין מוזיקאַלישע קלאַנגען.

פון ארץ־ישראל איז בענסמאַן געפאָרען קיין וואַרשע. ער בלייבט שוין פון דאַן אָן אין אידישען צענטער, וואו ער נעמט באַאַרבעטען אַלץ, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבען אין זיין זכרון. צום גליק באַקומט ער די מעגלאַכקייט, צו באַזעצען זיך אין לאָדז, וואו ער קאָן אַ דאַנק איינינע מעצענאַטען פריי, רואיג און באַקוועם שאַפען. ער פאַרענדיגט דאַן די אָפּערע „יעוורעאי“ און מאַכט כמעט פאַרטיג זיין סימפאָניע „פּאַלעסטינאַ“. די סימפאָניע באַשטייט פון 5 טיילען, וועלכע בענסמאַן האָט באַצייכענט ווי פאָלגט:

ערשטער טייל: „אַנדאַנטע מאָדעראַטאָ“, שיר הזורע, דאָס געזאַנג פון אידישען אַרבעטער אויפן פעלד אין ארץ־ישראל;

צווייטער טייל: „אַנדאַנטע“ די ליידען פון די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל;

דריטער טייל: „קרעדאָ די פּאַלעסטינאַ“, אינסטרומענט אָבאָי און אָרקעסטער מיט אַקאָמפּאַנימענט פון האַרפען, וואָס דערמאַנט אָן בית המקדש, בענקשאַפט, גלויבען און האָפענונג אויף דער צוקונפט;

פערטער טייל: „לא מארטשא די פאלעסטינא", דער גרויסער גלאָקען און פאָנפאַרען מארש, די אידען פון דער גאנצער וועלט אין אונזער צייט גייען קיין ארץ־ישראל;

פינפטער טייל: „אלעגרא פוגאטא", די אידיליע אין נייעם ארץ־ישראל, שלום! שלום!

די סימפאָניע „פאלעסטינא", וואס בענסמאַן האָט געהאלטען אין איין שלייפען און אויסבעסערען, איז געוועןְ זיין הויפט לעבענס ווערק, דאָס איז אויך געוועןְ זיין שוואנען ליד, וואס האָט אים אין זיינע יונגע יאָרען געפירט אין קבר אריין. אָבער איבער דער צייט, זינט ער האָט אָנגעהויבען שרייבען „פאלעסטינא" און ביז וואנען זי האָט אים אריינגעפירט אין די אָרעמס פון טויט, האָט גענומען 15 יאָר, און דורך דעם פעריאָד האָט בענסמאַן געשריבען א נייַ בלעטעל אין דער געשיכטע פון אידישער מוזיק אין פוילען.

ווען בענסמאַן איז נאָך געוועןְ אין אָדעס, האָט זיך אין װארשע אָרגאניזירט דער ערשטער „הזמיר" פאראיין, וואס האָט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע צו פארשפרייטען מוזיק און קונסט. אָן דער שפיצע זענען געשטאנען י. ל. פרץ, דר. גרשון לעווין און אנדערע, און זיי האָבען זיך געווענדעט צו בענסמאַנען מיט א בריף, אז ער זאָל קומען קיין װארשע איבערנעמען די מוזיקאלישע לייטונג פון דעם „הזמיר". בענסמאַן האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און אין די קרייזען, וועלכע האָבען זיך מיט אידישער מוזיק אינטע־רעסירט, האָט די ידיעה ארויסגערופען די גרעסטע פרייד. די גאנצע אידישע פרעסע האָט אים באגריסט און די פוילישע פרעסע האָט זיך געפילט געטראָפען, ווייל מיט עטלאכע יאָר פריער, ווען בענסמאַן האָט געוואונען דעם ערשטען פרייז אין איטאליען, האָבען זיי זיך געגרויסט מיט אים אלס מיט א פוילישען קאָמפּאָזיטאָר. פונדעסטוועגען איז בענסמאַן שפעטער געוואָרען פראָפעסאָר פון

װאַרשעװער קאָנסערװאַטאָריום. און װען ער איז פֿון װאַרשע געפֿאָרען קיין לאָדז צו װערען דער אָנפֿירער פֿון דער לאָדזער „האַרפֿע" און „הזמיר", איז ער דאָרטען באַשטימט געװאָרען אַלס פּראָפֿעסאָר אין שאַפּענס קאָנסערװאַטאָריום.

מתתיהו בענסמאַן איז געװען איינער פֿון די שעפּער, װאָס האָט באַנייט דאָס אידישע פֿאָלקס-ליד, װי עס האָבען געטאָן אַנדערע מוזיקער יחידים. ער איז געװען פֿון די ערשטע כאָר-דיריגענטען, נישט נאָר אין אַזעלכע גרויסע שטעט װי װאַרשע און לאָדז נאָר אויך אין פֿילע קלענערע, װי איך װייס, אויך אין שעדלעץ, טשענסטאָכאָװ, טאָמאַשאָװ, נאָװאָראַדאָמסק און אין בענדין. אין אַנדערע שטעט פֿלעגט ער צופֿאָרען פֿון צייט צו צייט. דאָס איז געװען אַ פּעריאָדע, װען בענסמאַנען אַליין האָט זיך געדאַכטען, אַז די מוזיק פֿליגעל האָבען זיך פֿון אים אָפּגעטאָן, ער האָט אָבער אַליין נישט געװאוסט װיפֿיל נייע נשמות ער האָט אַריינגעטראָגען אין די אידישע פֿאָלקס-לידער. ער האָט פֿון די טיפֿע פֿאָלקס-קװאַלען אַרויסגעהערט יעדען ניואַנס, יעדען דינסטען טאָן און האָט עס איבערגעטראָגען מיט גרויס טאַלאַנט אין דעם כאָר פֿון די יונגע אידישע קינדער, װעלכע האָבען דערפֿילט אַ דערהויבונג אין זיין אויסטייטשונג פֿון אידישע פֿאָלקס-לידער. הונדערטער פֿאָלקס-לידער האָט ער באַאַרבעט, אָבער ער האָט זיי פֿאַרקויפֿט צו זינגער נישט אַלס זיין אייגענטום און צוליב דעם װעט זיכער פֿאַרגעסען װערען, אַז די הערלאַכע טענער, װאָס לייכטען אַרוים פֿון די קליינע שאַפֿונגען, האָט בענסמאַן אַרויסגעהויבען פֿון שפֿלות. נאָר איינינע פֿאָלקס-לידער טראָגען זיין נאָמען אַלס דער באַאַרבעטער פֿון דער מוזיק און צװישען זיי זענען אַזעלכע פּערל װי „דער „פֿאַראָם", איינינע פֿון ביאַליקס „שירי העם", א. אז. װ.

בענסמאַן האָט מיט זיין װאַנדערען איבער די אידישע שטעט אין פּוילען דערהויבען די פֿאַרבלאָנדזשעטע אידישע צאַפּלענדיגע

נשמות, וועלכע האבען געבענקט נאך א תקון. בענקענדע זענען זיי געווען, די הונדערטער בחורים און מיידלאך פון די אידישע קליינע שטעטלאך אין פוילען. עס איז זיי געווען ענג אין די שמאלע ד׳ אמות פון זייער געבורטשטאט. זיי האבען געלעכצט און געגארט נאך דער ברייטער פרייער וועלט. איז געקומען בענסמאן און האט זייער בענקשאפט אן עליה געגעבען. אויסער פאלקס־לידער האט ער מיט זיי אויך איינשטודירט קלאסישע מוזיק און אמאל אויך געלאזט פאר זיי הערען קלאנגען פון זיין אייגענעם רעפערטואר. זיין „עורי ציון" איז געווען א שם דבר אין די „הזמירס". בענסמאן, דער פארלוירענער גאון, איז געווען א קאפריזנער, ער האט זיך אפטמאל געפיעסטשעט ווי א קליין קינד. אבער ביי זיינע תלמידים איז זיין גרויסקייט נישט געמינערט געווארען.

ווי גרויס עס איז געווען זיין פאפולאריטעט קאן דינען דער פאקט, וואס ביי זיין אנקומען אין אמעריקע האט זיך דא געגרינדעט א „בענסמאן אסאסיאיישאן" (געזעלשאפט), צו וועלכער עס האבען געהערט זיינע אמאליגע תלמידים פון די „הזמירס" אין פוילען.

אין דער צייט ווען בענסמאן האט זיך באשעפטיגט מיט די „הזמירס", האט ער אנגעהויבען שרייבען א נייע אפערע „עראמוס", צו וועלכער א פוילישער שריפטשטעלער האט פאר אים אנגעשריבען די ליברעטא. ער האט עס נישט פארענדיגט, און ווי ווייט איך וויים, האט ער נאר געהאט אנגעשריבען איין אקט צוזאמען מיט א באלעט, ווייל ער האט זיך אין מיטען דער ארבעט ווידער גענומען צו זיין „פאלעסטינא" און האט אנגעהויבען סטארען זיך, אז מען זאל זי אויפפירען.

נאך לאנגע מי און מאטערניש האט די ווארשעווער פילהאר־מאניע, וואס האט געהאט דעם געניאלען ז. בירנבאום אלס דיריגענט, איינגעשטימט אויפצופירען די סימפאניע „פאלעסטינא". דאס איז, דאכט מיר, געווען דער איינציגער מאמענט אין בענסמאנס אידישער

שאפונגס־ארבעט, ווען ער האט דערגרייכט צו עפּעס ממשותדיגעס און אפשר האט אים דאס אויך נישט צופרידענגעשטעלט. די, וואס האבען אים אין יענער צייט געזען אין דער פילהארמאָניע, האבען נאר אין זעלטענע מינוטען געקאנט באמערקען, ווי זיינע אויגען גלאנצען, ווייל גלייך האבען זיי זיך צוריק אויסגעלאָשען, און דער גרויסער קאָפּ, אויף וועלכען עס האט גערוט נאך א גרעסערער שטערען, האט זיך ערגעץ באהאלטען אין זיין ברייטען קערפּער.

די סימפאָניע „פּאלעסטינא" איז שפּעטער נאך צוויי מאָל אויפגעפירט געוואָרען אונטער בענסמאנס פּערזענלאכער לייטונג אין ווארשעווער פילהארמאָניע, און שפּעטער אויך אין לעמבערג, ווילנע און ביאַליסטאָק.

בענסמאן איז געקומען אין אמעריקע אין ענדע פון 1920 און גלייך האבען אים די שטיינערנע מויערען ארומגענומען און האבען אים געהאלטען פעסט געדריקט ביזן ענדע פון זיין לעבען. ער איז געווען זיכער, אז דאָ וועט מען אים געבען א מעגלאכקייט אויפצופירען זיין סימפאָניע לויט אלע מאָדערנע כללים פון מוזיק, אז דאָ וועט ער קאָנען שטעלען די סימפאָניע מיט אלע נויטיגע אינסטרומענטען און אויף אזא גרויסען און שטארקען אופן, וואס וועט אים צוריקקערען צו זיין אמאָליגער הויך און ער וועט זיך ווידער קאָנען אוועקזעצען און שאפען. עס האבען אָבער געפעלט ביידע: בענסמאנס גאנצקייט און די גוטע מענשען, וועלכע זאָלען אזא יאוש־קינסטלער שטיצען. האט ער זיך אָנגעשלאָגען אויף שפּיציגע פעלזען, אויף גרויסע מויערען און די שטיצע, וואס ער האט באקומען איז קוים געווען דעם טאָג דורכצולעבען און אמאָל דאס אויך נישט. גוטע, אָבער אָרימע מענשען האבען אים פּרובירט העלפען, מען האט געזוכט פּראָטעקציע און ענדלאך איז אונטערגענומען געוואָרען צו שטעלען די סימפאָניע „פּאלעסטינא" אין

קארנעגי האָל, מיט דעם פילהארמאָניק אָרקעסטער אויף שבת אָוועגט, דעם 18־טען מארטש 1922, אונטער זיין לייטונג. מען האָט געגעבען האנטגעלט, אָבער עס איז נישט געווען ווער עס זאָל דערצאָלען. דאָס שטעלען פון דער סימפאָניע איז אָפּגעלייגט געוואָרען אויף זונטאָג, דעם 9־טען אפּריל, אָבער אויך דאַן האָט געפעלט די סומע פון 150 דאָלער, און עס האָט זיך אַלץ נישט געזען פון וואַנען דער „גרויסער קאַפּיטאַל" זאָל קומען. בענסמאַנס הארץ האָט שטארק געשלאָגען פאר שרעק און צער. און דריי טעג איידער מען האָט די סימפאָניע געזאָלט שטעלען האָט דאָס הארץ אויפגעהערט קלאַפּען.

ער איז געשטאָרבען אין ניו־יאָרק, דאָנערשטאָג, דעם 6־טען אפּריל 1922, אין עלטער פון 43 יאָר, אָרים, שפל, מיט א טיף באַליידיגטער נשמה.

דער קאָנצערט, אויף וועלכען עס האָט געזאָלט אויפגעפירט ווערען די סימפאָניע „פּאַלעסטינאַ", איז פארוואַנדעלט געוואָרען אין א טרויער אָוועגט.

פרייהייטס-קעמפער
און פינאַנסיר

חיים
סאלאמאן

חיים סאַלאָמאָן

1.

חיים סאַלאָמאָן שטאַמט פון אַן אָנגעזעענער אידיש־בעלי הבתישער פאַמיליע פון פויזען, וועלכע האָט פאַרנומען אַ בכבודיגען פּלאַץ צווישען דעם דאָרטיגען אידענטום אין דער צייט, ווען פּוילען איז געווען איינע פון די גרעסטע מלוכות אין אייראָפּע און האָט געשפּילט אַ באַדייטענדע ראָלע אין דער וועלט.

חיים סאַלאָמאָן האָט באַקומען פון זיינע עלטערן אַ ליבעראַלע ערציאונג. שוין אין זיינע פריסטע יאָרען האָט ער אויסער פּויליש אויך גוט געקענט די פראַנצויזישע, רוסישע, איטאַליענישע און דייטשע שפּראַכען. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1740 אין ליסאַ, אַ פּראָווינץ־שטאָט פון פּוילען, און האָט זיך דאָרט באַטייליגט אין קאַמף פאַר פּוילענס אומאָפּהענגיגקייט איידער פּוילען איז צעטיילט געוואָרען אין יאָר 1772. ווען פּוילען האָט פאַרשפּילט דעם דעמאָלטיגען קאַמף און איז צעטיילט געוואָרען צווישען רוס־לאַנד, עסטרייך און פּרייסען, איז ער אַפּגעפאָרען נאָך אַמעריקע צוזאַמען מיט אַ סך פּראָמינענטע פּאָליאַקען, וועלכע האָבען נישט געקאָנט צוזען דאָס פּאַלען פון זייער גרויסער אָבער אומגליקלאַכער מדינה.

חיים סאַלאָמאָן, יונג און ענערגיש, אינטעליגענט און קולטורעל, האָט מיט זיך געבראַכט אין דער נייער וועלט אַ שטראָם פון אידעאַלען. ער איז אָנגעקומען אין דער צייט, ווען דזשאָרדזש וואשינגטאָן, דער דעמאָלטיגער הויפּט־אָנפירער פון די רעוואָלו־ציאָנערע לעגיאָנען און דער שפּעטערדיגער ערשטער פּרעזידענט פון דער נייער רעפּובליק, האָט מוטיג געקעמפט אויף דעם שלאַכט־

פעלד מיט די בריטישע סאָלדאַטען. ניו־יאָרק איז דאַן געווען אין די הענט פון די ענגלישע ראָיאַליסטען, אָבער סאָלאָמאָן, באַקענענדיג זיך מיט דער לאַגע, מיט די שטרעבונגען און אידעאַלען פון וואַשינג־טאָן און זיינע מיטקעמפער, האָט זיך אַנגעשלאָסען אָן די קאָלאָ־ניסטען און האָט זיי געהאָלפען מיט אַלע מעגלאַכקייטען.

די יעניגע וואָס זעען אין סאָלאָמאָנען בלויז אַ פינאַנסיר, וועלכער האָט געהאָלפען דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע נאָר מיט געלט, מאַכען אַ גרויסען טעות: חיים סאָלאָמאָן, דער פּאַטריאָט און רעוואָלוציאָנער, איז געווען פּונקט אַזוי גרוים און נאָבעל ווי חיים סאָלאָמאָן, דער פינאַנסיר, וועלכער האָט אַלס פילאַדעלפיער באַנקיר בריטוויליג געהאָלפען מיט זיין ריזיגען פאַרמעגען אין קאַמף פאַר אַמעריקעס אומאָפּהענגיגקייט.

אין סעפּטעמבער 1776, זייענדיג אין דינסט ביי דער קאָלאָ־ניאַלער רעגירונג, איז סאָלאָמאָן פון די ענגלענדער אַרעסטירט געוואָרען אַלס שפּיאָן. די ענגלענדער האָבען אָבער אָפּגעשאַצט זיין בילדונג און זיינע שפּראַכען־קענטעניסען, און, כאָטש זיי האָבען געוואוסט וואָס פאַר אַ גרויסע ראָלע ער האָט געשפּילט פאַר זייער שונא, האָבען זיי אים דאָך באַשטימט אַלס איבערזעצער אין דער תפיסה. אין אַרעסט־הויז אין ניו־יאָרק, איז סאָלאָמאָנען געלונגען, אַ דאַנק זיין אינטעליגענץ און פעאיגקייטען צו געווינען די סימפּאַטיע פון די טורמע־אויפזעער. נאָך אַ קורצער צייט ווערט ער באַפרייט. אין 1778 אַרעסטירט מען אים ווידער, אָבער דאָס מאָל שאַנעוועט מען שוין נישט זיין הויכע פּערזאָן און ער ווערט פאַרמשפּט צום טויט. אָבער סאָלאָמאָן איז נישט געווען פון די, וואָס גיבען זיך אַזוי גרינג אונטער דעם גורל — זיין פייערדיגע נשמה האָט געצויגען צו גרויסע טאַטען און דער באַוואוסטזיין, אַז ער האָט נאָך פאַר זיך גרויסע אויפגאַבען, האָט אים צוגעגעבען מוט צו אַנטלויפען. נישט יעדען אַרעסטאַנט וואָלט עס געלונגען

אָפּצונארען די וועכטער, אָבער סאָלאָמאָן האָט זיך ערוואָרבען אין דער תפיסה אַזוי פיל פריינט, וועלכע האָבען אים הויך געשעצט און געאַכטעט, אַז זיי האָבען אים געהאָלפען צו אַנטלויפען. ער האָט זיי טאַקע באַלד אָפּגעדינט, און ווען דער גאַנצער פּלאַן איז שוין געווען פאַרטיג, האָט ער אייניגע פון זיינע נייע פריינט, וואָס זענען צוזאַמען מיט אים געזעסען, מיטגענומען מיט זיך.

אַ דאַנק זיינע אויסערגעוועהנליכע פעאיגקייטען איז אים זאָגאַר אין געפענגעניש געלונגען צו מאַכען פארשיידענע פאַרבינדונגען מיט דער אויסערליכער וועלט און דאָס האָט אים צוגעהאָלפען צו אַנט־וויקלען אַלץ נייע פּלענער פאַר דער צוקונפט. אָבער די שווערע באַדינגונגען און די צוואַנג־אַרבעט האָבען וואַרשיינליך אָנגעגריפען זיין האַרץ, און עס איז אַ פאַקט, אַז זיין פּלוצלונגער שפּעטערדיגער טויט איז געווען אַ דירעקטע אורזאַך פון זיין פאַרברענגען אין געפאַנגענשאַפט.

נאָך אַ באַווייז, אַז סאָלאָמאָן איז געווען דער הייסער פּאַטריאָט און רעוואָלוציאָנער, זעען מיר אויך אין דעם פאַקט, דאָס דעם 20־טען אויגוסט 1778 האָט ער אָפּגעגעבען אַ פּעטיציע צו דעם קאָנטינענטאַלען קאָנגרעס און געבעטען מען זאָל אים געבען באַשעפ־טיגונג ביי דער ניי־איינגעאָרדענטער רעגירונג. דערביי האָט ער אין דער פּעטיציע אויסגערעכענט אַלע זיינע פאַרדינסטען פאַר זיין נייער היימאַט. דאָס צייגט, אַז זיין הויפּט־ציל אין לעבען איז געווען צו קעמפען פאַר אַמעריקעס אידעאַלען האַנט אין האַנט מיט אַלע אַנדערע פּאַטריאָטען אין דער צייט, ווען ער האָט נאָך נישט געקאָנט חלומען וועגען זיין שפּעטערדיגען גרויסען רייכטום.

2.

אין דער קורצער צייט וואָס חיים סאָלאָמאָן האָט פאַרבראַכט אין ניו־יאָרק, האָט ער זיך באַקענט און שפּעטער חתונה געהאַט

מיט א טאָכטער פון מאָזעס ב. פראַנקס, וועמענס זון אייזיק, איז געווען איינער פון די אדיוטאַנטען ביי וואשינגטאָן און האָט געשפּילט א באַדייטענדע ראָלע אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע.

ווען סאָלאָמאָן איז אַנטלאָפען פון ניו־יאָרק נאָך פילאַדעלפיע, האָט זיך אָנגעהויבען א נייע פּעריאָדע אין זיין לעבען. ער הייבט דאָרט אָן צו האַנדלען מיט פראַנצויזישע און האָלענדישע אַקציעס, און א דאַנק זיינע גרויסע פעאיגקייטען ווערט ער אין גיכען איינער פון די אָנגעזעענסטע פינאַנסירען אין זיין צייט. פון דעם ערשטען מאָמענט אָן, ווען דאָס מזל האָט אים אָנגעהויבען צו שיינען, האָט ער זיך געשטעלט אין דינסט פון די פּערזאָנען, וועלכע האָבען געהאָלפען פינאַנסירען די רעוואָלוציע. אַמבולטסטען איז זיין טעטיג־קייט אויף דעם געביט אין פאַרבינדונג מיט ראָבערט מאָריס, דעם סעקרעטער איבער די פינאַנסען פון דער קאָלאָניאַלער רעגירונג (געבוירען 1734 — געשטאָרבען 1806). אין מאָריסעס טאָג־בוך, וואו ער פלעגט פאַרשרייבען זיינע האַנדעלס טראַנזאַקציעס, איז פון אויגוסט 1781 ביז אַפּריל 1784, סאָלאָמאָנס נאָמען דערמאָנט 75 מאָל. ער איז געווען כמעט דער איינציגער אַגענט, וועמען ראָבערט מאָריס האָט באַשעפטיגט פאַר זיינע פינאַנציעלע אָנגעלע־גענהייטען. אין דער „באַנק אָוו נאָרטה אַמעריקאַ", וואָס ראָבערט מאָריס האָט געגרינדעט אַלס מיטעל צו באַקומען געלט כדי אויפצוהאַלטען די רעגירונג, איז סאָלאָמאָן געווען דער גרעסטער פּריוואַט־דעפּאָזיטאָר. זיינע טעגלאַכע דעפּאָזיטס פלעגען באַטרעפען פון 15,000 ביז 50,000 דאָלער. עס זענען פאַראַן דאָקומענטען, וועלכע באַווייזען, אַז סאָלאָמאָן פלעגט מיט אַמאָל אויסצאָלען ראָבערט מאָריס געלטער, וועלכע האָבען דערגרייכט ביז 200,000 דאָלער. אין דער צייט, ווען סאָלאָמאָן איז געווען פאַרבונדען מיט דער באַנק, האָט זיך מאָריס קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף פינאַנ־ציעלע שוועריגקייטען.

סאַלאָמאָן איז נישט געווען בלויז אַ טרוקענער געלט־באַרגער פאַר דער רעוואָלוציע, ער איז אויך אָפטמאָל געווען דער ראַט־געבער פון ראָבערט מאָריס. ווען נאָר די רעגירונג האָט זיך גענויטיגט אין גרעסערע סומען, האָט סאַלאָמאָן נישט נאָר געבאָרגט זיין אייגען געלט, נאָר ער האָט אויך געהאָלפען צו באַקומען געלט פאַר דער רעוואָלוציע פון אַנדערע קוואַלען.

וועגען דער דאָזיגער פעריאָדע פון סאַלאָמאָנס לעבען ווערט דערציילט אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע, וואָס איז געזוימט מיט לעגענדאַרישע שטריכען. איינמאָל, ווען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט זיך גענויטיגט אין אַ סומע פון 400,000 דאָלער כדי דורכצו־פירען גרעסערע סטראַטעגישע פּלענער, האָט ער זיך געווענדעט צו סאַלאָמאָנען. וואַשינגטאָנס שליח איז אָנגעקומען גראָד יום כפור ביינאַכט, ווען סאַלאָמאָן איז געווען אין שול. ווען מען האָט אים אָנגעזאָגט וועגען אָנקומען פון שליח, האָט ער, דער רעליגיעזער איד, פאַר ווען מען די כל נדרי נאַכט איז געווען זייער הייליג, צונויפ־גערופען עטלאַכע צענדליג פון זיינע אידישע פריינט און האָט זיי איבערגעגעבען וועגען וואַשינגטאָנס פאַרלאַנג. אין אַ באַגייסטער־טער רעדע האָט ער זיי געשילדערט דעם גרויסען פרייהייטס־קאַמף, וואָס ווערט איצט אָנגעפירט אויף די שלאַכט־פעלדער. ער האָט גערעדט מיט אַן אויסערגעוועגלאַכען ענטוזיאַזם וועגען די צוקונפ־טיגע דורות, וועלכע וועלען זייער פיל געווינען, אויב וואַשינגטאָן וועט זיגען. מיר מוזען — האָט ער אונטערגעשטראָכען — זאַמלען אַלע אונזערע קאַפּיטאַלען און געבען די שנעלסטע הילף. זיינע רירענדע רייד האָבען געווירקט. אַ צאָל פון די פאַרזאַמעלטע אידען האָבען פאַרלאָזען דעם מקום קדוש און זענען אין דערזעלבער נאַכט צוריקגעקומען מיט געלט, יעדער לויט זיינע מעגלאַכקייטען. סאַלאָ־מאָן אַליין, וועמענס פאַרמעגען האָט דאַן באַטראָפען 240,000 דאָלער, האָט איבערגעגעבען די גאַנצע סומע, און די איבעריגע האָבען

צוגעלייגט נאך 160,000 דאלער, און דאס געלט האט ארויסגערא־
טעוועט וואשינגטאנען און זיינע מיטקעמפער פון א שווערען אומ־
פארמיידלאכען קריזיס.

נישט אומזיסט ווערט דערמאנט אין דעם באריכט, וואס איז
אריינגעטראגען געווארען אין אמעריקאנער קאנגרעס אין 1850 פון
א גרופע קאנגרעסלייט, וועלכע האבען געפאדערט מען זאל בארען
סאלאמאנס נאמען.

„סאלאמאן פלעגט שטיצען די רעגירונג מיט א ברייטער
האנט און פלעגט זיי אויסצאלען געלטער, כדי אויפצוהאלטען
דאס מיליטער אין זייער קאמף פאר אומאפהענגיגקייט אין
א צייט, ווען דער ערפאלג פון דער מלחמה איז געווען אין
גאנצען אפהענגיג פון דער מאטעריעלער שטיצע“.

ליידער ווייסען מיר נישט גענוי די איינצעלהייטען בנוגע
סאלאמאנס פארשיידענארטיגע טעטיגקייטען און זיין אויסערגעווענ־
לאכער איבערגעגעבענהייט צו די פאראייניגטע שטאטען. מיר ווייסען
נישט די דאטומס און די סך הכלם פון דעם געלט, וואס ער האט
געבארגט און איבערגעגעבען צו די פארשיידענע דעמאלטיגע רעגי־
רונגס־פארשטייער. די אורזאכע דערפון איז, וואס אין יאר 1812,
ווען די ענגלענדער האבען פארנומען וואשינגטאן, זענען דאן א
גרויסע צאל וויכטיגע דאקומענטען פארלוירען געגאנגען פון די
ארכיוועו פון די פאראייניגטע שטאטען, און צווישען אנדערע זענען
אויך אוועקגעקומען א סך פון די סאלאמאן דאקומענטען. אבער עס
זענען אונז פארבליבען צעווארפענע בריף און טאג־ביכער ווי פון
דזשיימס ווילסאן (1742—1798), ראבערט מאריס, דזשיימס מעדי־
סאן און אנדערע, וועלכע רעדען מיט באוואונדערונג וועגען די גרויסע
מעשים פון דעם פויליש־אידישען אימיגראנט, וויל נאך פיל פריער,
איידער עס איז געוואונען געווארען דער קאמף פאר אומאפהענגיג־

קייט, אין יעדען מאמענט, ווען די לאגע פון די קאלאניסטען איז געווען א שלעכטע און עס איז פשוט נישט געווען קיין געלט אויס־צוצאלען די ארמיי־באאמטע און אנדערע רעגירונגס־מענשען, פלעגט סאלאמאן זיי שטיצען מיט א ברייטער האנט. צווישען זיי איז דאן אויך געווען דזשיימס מעדיסאן, דער פערטער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען, וועלכער האט אין יענער צייט געשריבען צו עדמונד ראנדאלף:

„די גוטסקייט פון אונזער נאענטען פריינט פון פראנט סטריט, נעבען דעם קאפע־הויז, איז א קוועלע, וועלכע וועט מיך אויסהיטען פון אומאנגענעמלאכקייטען, אבער איך קאן זיך מיט דער קוועלע קיינמאל נישט באנוצען אן גרויס פאר־דרוס, ווייל ער אנטזאגט זיך דורכאויס צו נעמען וועלכע עס איז באלוינונג. ער גלויבט, אז גרויסע פראצענטען פאר געלט זאל מען רעכענען נאר דארטען, וואו דאס געלט ווערט גענוצט פאר פראפיטירענדע ספעקולאציעס. דעלעגאטען, וועלכע נויטיגען זיך אין געלט, באזארגט ער פון זיינע פריי־וואטע פאנדען און אנטזאגט זיך עס צוריקצונעמען“.

סאלאמאן איז באקאנט געווען אלס איינער פון די גרעסטע באנקירען פון זיין צייט. ער איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט די רעגירונגען פון שפאניען און פראנקרייך און אזוי ארום פאר־שפרייט דעם איינפלוס פון אמעריקע איבער דער גאנצער וועלט.

די אלע, וואס האבען געשריבען וועגען סאלאמאנס לעבען און טעטיגקייט, זענען איינשטימיג אין זייער באגייסטערונג פאר יעדען טאט זיינעם, ווייל אלץ וואס ער האט געטאן אלס פינאנסיר איז געווען דורכגעדרונגען מיט פאראנטווארטלאכקייט, אידעאליזם און איבערגעגעבענהייט צום אמעריקאנער פאלק.

3.

אין דער געשיכטע פון די פאַראייניגטע שטאַטען איז סאַלאָ־מאָנס נאָמען פיל מאָל דערמאָנט געוואָרען. איינציגע היסטאָריקער, ווי: טשאַרלס איי. מערי בירד, מאַרעי, מאַרקין, פּיטער סטייוועזענט און אַנדערע, האָבען דערציילט וועגען זיינע מעשים. אָבער אין די טעקסט־ביכער פאַר די שולען און ענציקלאָפּעדיעס, וואו אַ סך קלענערע פאַר אים זענען דערמאָנט אַלס די פּאַטערס פון די פאַראייניגטע שטאַטען, איז זיין נאָמען נישטאָ. אַזוי, אַז אין באַוואוסטזיין פון די דורות איז סאָלאָמאָנס נאָמען נישט אַריינגע־דרונגען. אַזוי, למשל, איז אין דער „וואורלדס וואָירק“, אַן ענציקלאָ־פּעדיע, וואָס איז ערשינען אין אַ נייער אויסגאַבע אין יאָר 1924, און איז רעדאַקטירט פון אַמעריקאַנער און קענעדער היסטאָריקער, איז וועגען חיים סאָלאָמאָן קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט. אויך אין דער נייעסטער אויסגאַבע פון דער בריטישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס ווערט פאַררעכענט פאַר דער גרעסטער אין דער וועלט, געפינען מיר גאָרנישט וועגען אים אין דער צייט, וואָס פאַר ראָבערט מאָריס איז אָפּגעגעבען כמעט אַ גאַנצע זייט.

און גערעכט איז געווען דער פאַרשטאָרבענער קאָנגרעסמאַן פון קאַליפאָרניע, דזשוליוס קאַהן, ווען ער האָט געזאָגט אין קאָנגרעס ווערענד דער זיצונג דעם 13־טען מאַי, אין יאָר 1918:

„די לערער דערציילען די קינדער מיט פּאַטאָס, אַז מאָריס איז געשטאָרבען אין אָרימקייט און האָט נישט צוריק־באַקומען קיין איינציגען דאָלער פאַר דעם געלט, וואָס ער האָט געגעבען צו דער קאָלאָניאַלער רעגירונג. אָבער עס איז קיינמאָל נישט דערמאָנט געוואָרען, אַז אַ צווייטער פינאַנסיר, חיים סאָלאָמאָן, דער אידישער רעוואָלוציאָנער און פּאַטריאָט, האָט אויך געגעבען זיין גאַנץ פאַרמעגען פאַר דעמזעלבען

צוועק און צו דיזעלבע פערזאָנען. און אז אויך ער האָט קיינמאָל נישט צוריקגעקראָגען קיין איין דאָלער. איז מאָרים געווען א גרעסערער פּאַטריאָט, ווייל ער איז געווען א קריסט?"

נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק איז אָנגעגאַנגען אין אמעריקע א באוועגונג צו שטעלען א מאָנומענט פאר חיים סאלאָמאָן. אין יאָר 1850 איז אין קאָנגרעס אריינגעטראָגען געוואָרען א פאָרשלאַג, אז די רעגירונג זאָל אָפּצאָלען צו סאלאָמאָנס יורשים דעם חוב פון 650,000 דאָלער. (היינט צו טאָג וואָלט די סומע באַטראָפען אן ערך פון 650 מיליאָן דאָלער). אין 1893 איז אין קאָנגרעס ווידער אריינגעטראָגען געוואָרען א פאָרשלאַג פון א ספּעציעלער קאָמיטע, אז עס זאָל געמאַכט ווערען א גאָלדענער מעדאל אלם אָנער־קענונג פון סאלאָמאָנס פארדינסטען צו דער רעגירונג. סאלאָמאָנס יורשים האָבען דאן דייטלאך אונטערגעשטראָכען, אז זיי שענקען די סומע וואָס קומט זיי, אָבער זיי ווילען, אז זייער גרויסער זיידע זאָל אָפיציעל געערט ווערען פון די פאראייניגטע שטאַטען. אָבער אויך דערפון איז גאָרנישט געוואָרען. מיט איבער א צענדליג יאָר צוריק האָט א גרויסע קאָמיטע, וואָס איז באַשטאַנען פון אידען און נישט־אידען, אָנגעהויבען א באוועגונג צו שטעלען א מאָנומענט פאר חיים סאלאָמאָן אין וואשינגטאָן. אין 1911 האָט זיך געגרינדעט א קאָמיטע מיט דעם צוועק צו פאראינטערעסירען דעם קאָנגרעס פון די פאראייניגטע שטאַטען, אז עס זאָל אין וואשינגטאָן געגרינ־דעט ווערען אן אוניווערסיטעט געווידמעט צו דער אָנדענקונג פון חיים סאלאָמאָן. דאָס געלט דערפאר זאָל געבען די אמעריקאנער רעגירונג אלס אן אָפּצאָל פאר די סומען, וועלכע חיים סאלאָמאָן האָט געבאָרגט דער אמעריקאנער רעגירונג אין די צייטען פון איר קאַמף פאר אומאָפּהענגיגקייט. די קאָמיטע איז אָנגעפירט געוואָרען פון דער פעדעריישאָן אָוו דזשואיש אָרגאַניזיישאָנס אָוו ניו־יאָרק

סטייט, און אזעלכע פערזאנען ווי דער דעמאלטיגער גארווערנאר פון ניו־יארק סטייט, דיקס, דער דעמאלטיגער גאווערנאר פון ניו־דזשוירזי, און שפעטערדיגער פרעזידענט וואודראו ווילסאן, לואיס מארשאל און אנדערע, זענען געווען אין דעם פאראינטערעסירט. אבער נישט קוקענדיג אויף די אלע אנשטרענגונגען צו ערען סאלאמאנען, איז ביז איצט נישט פאראן אנצוצייגען אויף עטוואס פאזיטיוועס, מיט וועלכען זיין נאמען איז פאראייבינט געווארען אין דער געשיכטע פון אמעריקע.

אין אקטאבער 1924, האט די פעדעראציע פון די פוילישע אידען אין אמעריקע אנגעהויבען א באוועגונג, אז די אידען אין אמעריקע זאלען שטעלען א מאנומענט פאר חיים סאלאמאן אין דער גרעסטער אידישער קהלה אין דער וועלט — אין ניו־יארק. דער אנפאנג פון דער דאזיגער באוועגונג איז געקרוינט געווארען מיט גרויס ערפאלג. די פעדעראציע האט זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט א רייע וויכטיגע פערזענלאכקייטען איבערן לאנד, און אלע האבען פארשפראכען זייער הילף אין דער דאזיגער באוועגונג. עס איז געגרינדעט געווארען א חיים סאלאמאן מאנומענט קאמיטע, אין וועלכער עס זענען אויך ארייננעגאנגען גאווערנאר אלפרעד סמיטה, סענאטאר קאופלענד, דער פרעזידענט פון די פוילישע אידען אין אמעריקע, בענדזשאמין ווינטער, דער עקס־פרעזידענט פון דער פעדעראציע, אברהם ראזענבערג, און אנדערע. צו דער 140־טער יארצייט פון חיים סאלאמאן האט זיך אנגעהויבען דער קאמפיין צו זאמלען 100,000 דאלער פאר דעם מאנומענט. שפעטער האט די קאמיטע ארגאנזירט א קאנטעסט פאר דעם בעסטען מאדעל פאר א מאנומענט, אין וועלכען עס האבען זיך באטייליגט די סקולפטארען אברהם אייזענבערג, אלעקסאנדר צייטלין, אהרן גודעלמאן, בערנארד גארדאן און אנטאן שאאף.

דער פארק קאמישאנער פון דער שטאט ניו־יארק האט

באשטימט א פלאץ אויף מעדיסאן סקווער, א צענטער נאס אין ניו־יארק, וואו דעם מאנומענט צו שטעלען. די מאדעלען זענען איבערגעגעבן געווארען אין די הענט פון די קונסט־קאמישאנערס אין ניו־יארק, אבער פון ערגעץ א זייט איז ביי זיי ווידער אויפגע־שוואומען די פראגע צו סאלאמאן פארדינט, אז ער זאל האבען א מאנומענט אין אזא כרך ווי ניו־יארק, און איבער דעם קאפ פון טרוקענע פארמאליטעטען איז דער ענין ווידער אפגערוקט געווארען. דער קאמף איז אבער אויפגעהויבען געווארען אין פולען, נאכדעם ווי די חיים סאלאמאן מאנומענט קאמיטע, האט געשטויסען די קונסט־קאמישאנערס אנצונעמען אן ענדגילטיגען באשלוס, און דער ענטפער איז געקומען, אז זיי האבען איבערגעגעבן אויסצופארשען וועגען סאלאמאנס פארדינסטען פאר אמעריקע צו צוויי בארימטע אמעריקאנער היסטאריקער און אויך זייער רעזולטאט איז לויט אן אפיציעלער מעלדונג פון קונסט־קאמישאנער געווען — א נעגא־טיווע. לויט דעם באריכט פון די היסטאריקער אין דעם געדרוקטען סטייטמענט פון קונסט־קאמישאנער, איז נישט פאראן קיין שום באשטימטעס, אז סאלאמאן האט אנטייל גענומען אין דער רעווא־לוציע און געהאלפען מיט זיין געלט און פערזענלאכען אינטערעס צו געווינען די אומאפהענגיגקייט פאר די פאראייניגטע שטאטען.

די חיים סאלאמאן מאנומענט קאמיטע האט דעריבער אנגע־הויבען א געגען אטאקע. זי האט אויך אנגעשטעלט היסטאריקער, וועלכע זאלען פון זייער זייט נעמען זאמלען אלע מאטעריאלען בנוגע חיים סאלאמאנס טעטיגקייט, אום דאס צוצושטעלען אין געגענזאץ צו דעם מאטעריאל, וואס דער קונסט־קאמישאנער פון ניו־יארק האט געקליבען. ביים צונויפקלויבען די נייע נויטיגע היסטארישע פאקטען איז דער חיים סאלאמאן מאנומענט קאמיטע אויך צו הילף געקומען די היסטאריש־אידישע סאסייעטי אין אמע־ריקע, אין וועמענס יערלאכע אויסגאבען עס איז שוין צענדלינגער

מאָל געשריבען געוואָרען וועגען חיים סאלאָמאָן. און דער גאַנצער ענין האָט אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון אַ אידישען קאַמף געגען די אַלע, וועלכע האָבען בכיון אָדער שלא בכונה נישט געוואָלט אריינ־נעמען חיים סאלאָמאָן, דעם ערשטען פויליש־אידישען אימיגראַנט אין די פאראייניגטע שטאַטען, אין דעם אמעריקאנער פאַנטעאָן פון די אומשטערבלאַכע.

די אַרבעט פון דער חיים סאלאָמאָן מאָנומענט קאָמיטע האָט אָבער אויך אַזוי פיל געהאַט אַ ווירקונג, אַז כמעט יעדע אידישע און יעדע אידיש־ענגלישע צייטונג איבערן לאַנד האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען חיים סאלאָמאָן. זיין נאָמען איז ווידער דערהויבען געוואָרען. זיין אַמאָליגער רום איז ווידער אויפגעוואַכט געוואָרען, און אַ טייל פון דער ענגלישער פּרעסע האָט אָנגעהויבען ווייזען סמנים פון אינטערעס, אַז אַזאַ מאָנומענט פאַר סאלאָמאָן זאָל געשטעלט ווערען. די אַרבעט פון דער חיים סאלאָמאָן מאָנומענט קאָמיטע ביי דער פעדעראַציע פון די פוילישע אידען אין אמעריקע האָט געבראַכט צו דעם, אַז ווען די „דזשואיש טריביון" האָט געמאַכט אַן אַנקעטע, ווער עס זענען די גרעסטע צען אידען אין אמעריקע, איז צווישען די צען אויך אריינגעגאַנגען חיים סאלאָמאָן. ווען נישט־אידען האָבען גערעדט וועגען דער גרויסקייט פון אמעריקע און וועגען די פאַר־דינסטען פון די אַמאָליגע פּאַטריאָטען, האָבען זיי נישט געקאָנט אויסמיידען סאלאָמאָן, און ווען דער פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאַטען, קאַלווין קולידזש, האָט געהאַלטען זיין בארימטע רעדע ביים לייגען דעם גרונטשטיין פון אַ אידישען צענטער אין וואשינגטאָן, האָט ער וועגען חיים סאלאָמאָן געזאָגט דאָס פאָלגענדע:

„ראָמאַנטיש איז די געשיכטע פון דעם פוילישען איד חיים סאלאָמאָן, דעם פינאַנסיר פון דער רעוואָלוציע. אַ געבוירע־נער אין פוילען, איז ער גענומען געוואָרען אין געפענגעניש פון דער בריטישער מאַכט אין ניו־יאָרק, און ווען ער איז פון

דאַרטען אַנטלאָפען, האָט ער זיך גענומען צו ביזנעס אין פילאַדעלפיע. ער האָט דורכגעפירט פאַר ראָבערט מאָריס אַלע הלוואות וואָס זענען געמאַכט געוואָרען פון פראַנקרייך און האָלאַנד, האָט גאַראַנטירט מיט זיין וואָרט און אייגענטום פאַר אומגעהויערע גרויסע געלט סומען, און פלעגט פערזענלאַך אויסצאָלען גרויסע סומען צו אַזעלכע פּערזענלאַכקייטען ווי דזשיימס מעדיסאָן, טאָמאַס דזשעפערסאָן, באַראָן סטויבען, גענעראַל סט. קלעיר און אַ סך אַנדערע פּאַטריאָטישע פירער, וועלכע האָבען באַשטעטיגט, אַז אָן זיין הילף וואָלטען זיי נישט געקאָנט דורכפירען די פּלענער פון דער רעוואָלוציע".

חיים סאלאָמאָן האָט אויסער מיט לאַנדעס־אַנגעלעגענהייטען זיך אויך פאַרנומען מיט אידישע כלל ענינים. אַזוי איז ער געווען דער ערשטער מיטגליד פון דער קאָנגרעגיישאָן מקוה ישראל אין פילאַדעלפיע און אין יאָר 1783 איז ער ערוויילט געוואָרען אַלס איינער פון די גבאים פון יענער סינאַגאָגע.

סאלאָמאָן איז אין די לעצטע יאָרען פון זיין לעבען געווען אַ מיטגליד אין אַ גאַנצער רייע וואוילטעטיגע אידישע אינסטיטוציעס. אַלע טאַטען פון חיים סאלאָמאָן — סיי פאַר דער קאָלאָניאַלער רעגירונג און סיי פאַר דעם אידישען כלל — זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון גערעכטיגקייט און אמת, וואָס האָט באַשיינט זיין גאַנץ לעבען.

ווי ווייט ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם דעמאָלטיגען קליינעם אידישען קבוץ אַלס כלל באַווייזט דאָס פאָלגענדע:

דעם 23־טען דעצעמבער 1783, האָט ער געשיקט אַ פּעטיציע צו דעם קאָנסול אָוו סענזאָרס און האָט געצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט צו דעם פאַקט, אַז טראָץ דעם, וואָס די קאָנסטיטוציע פון סטייט ערקלערט, דאָס ציוויל באַאַמטע דאַרפען נישט דורכמאַכען קיין רעליגיעזען עקזאַמען, האָבען זיי דאָך ביים אָננעמען

פון אן אמט נעדארפט געבען א שבועה, דאס זיי גלויבען אין אלטען און נייעם טעסטאמענט. אזוי ווי אבער אזא שבועה האט אפגע־האלטען די גלויביגע אידען פון אנצונעמען אן אמט ביי דער רעגי־רונג, האט די פעטיציע געבעטען, אז דער דאזיגער פונקט פון דער קאנסטיטוציע זאל אפגעשאפט ווערען. די אינטערווענץ פון סאלא־מאן האט געהאלפען אפצושאפען די דערמאנטע באגרענעצונג, ווען די קאנסטיטוציע איז מיט א צייט שפעטער רעווידירט געווארען.

ווענען די לעצטע טעג פון זיין לעבען גייט ארום די פאלגענדע לעגענדע: די דעמאלטיגע רעגירונג האט באפוילען צוצוגרייטען א גענויען חשבון פון אלע חובות, וואס סאלאמאן האט געהאט געבארגט צו דער רעגירונג. דער דאקומענט האט גענדארפט צוגע־שטעלט ווערען דער רעגירונג צו באשטעטיגען, און סאלאמאן האט דאס פריער גענדארפט דורכקוקען און אונטערשרייבען. מען האט עס אים אבער געבראכט אום שבת און צוליב דעם האט ער זיך אנטזאגט עס אונטערצושרייבען און זונטאג איז ער געשטארבען.

זיין טויט איז געקומען פון א הארץ־שלאג צוליב א הארץ־פעלער, וואס ער האט באקומען פון דער צייט, ווען ער איז געזעסען אין געפענגעניש אין ניו־יארק אלס פארמשפטער צום טויט אין קאמף געגען די ענגלענדער. ער איז געשטארבען אין פילאדעלפיע דעם 6־טען יאנואר, אין יאר 1785, און האט איבערגעלאזט אן אלמנה מיט צוויי קליינע קינדער יחזקאל און חיים מ. דער לעצטער האט אין די שפעטערדיגע יארען אויך געשפילט א גרויסע ראלע אין די רעגירונגס־קרייזען פון לאנד.

סימבאָלישע פּערזענלאַכקייט

אַביש

זיי מיר מוחל, טייערער אַביש, וואָס איך נעם דיך היינט אויף מיין פעדער. עס איז נישט מיין שולד. דיין לויטער געזיכט, דיין ליכטיג יוגענט־פּנים לאָזט מיך די לעצטע טעג נישט רוען און ווי אַמאָל מיט יאָרען, יאָרען צוריק, שטייט פאַר מיינע אויגען לעבעדיג דיין הויז, דיין שטוב, וואו דו האָסט געלעבט צוזאַמען מיט דיינע עלטערען.

זיי מיר מוחל, אַביש! איך גלויב, אַז איך וועל מיט דעם מקדש השם זיין און שטילען מיין בענקשאַפט נאָך יענעם ווינקעל, וואו דו האָסט פאַרבראַכט די ליכטיגע טעג פון דיין יוגענט־טרוים.

אַביש! ווי שיין ער איז געווען, ווי הערלאַך האָבען זיינע אויגען געפינקעלט. אַ צאַרטקייט האָט שטענדיג גערוט אויף זיין שטערען, פון וועלכען עס האָט ווי געשלאָגען מיט לבנה־שטראַלען.

זיין שמייכעל, וואָס איז געקומען פון גאַנצען געזיכט, האָט אריינגעגעבען זאַפט אין די ביינער. אַבישעס שמייכעל! ווי דער זיסער וויין איז ער געווען. דאָס איז נישט געווען קיין שמייכעל, וואָס מען וויקעלט דערביי איין די ליפּען און מען בויגט איין די קינבאַקען, נאָר דאָס איז געווען אַ שמייכעל, ווי ער וואָלט אַזוי מיט דעם געבוירען געוואָרען. אויב יעדען מענשען גיט דער מלאך — לויט דער לעגענדע — אַ שנעל אין נאָז, ווען ער ווערט געבוירען, האָט ער אַבישען אַ שמייכעל געגעבען אויף זיין פּנים.

אויף זיין געזיכט האָט גערוט אַ ליכטיגקייט, אין וועלכער מען האָט זיך געקאָנט שפּיגלען און אַז מען איז געווען מיט אים צוזאַמען, האָט זיך געדאַכטען אַז מען איז אין אַ גאָרטען מיט

דופטענדרע בלומען. אז מען זאל האבען געזאגט אויף אבישען: די שכינה האט אויף אים גערוט, איז עס דער אמת, וואס די ווערטער דריקען אויס. עס איז אויף אים געווען אויסגעגאסען עפעס הימלישעס און דאס ערדישע, וואס איז מיט דעם געווען פאראייניגט, האט אין זיך געהאט דאס שענסטע, וואס איז פאראן אויף דער ערד.

אביש האט געהאלטען אין איין לערנען, אין איין באקענען זיך מיט דער וועלט און אירע מענשען. האט ער געהערט א מענשען רעדען אויף א שפראך, וועלכע ער האט נישט פארשטאנען, איז ער אוועק אין די ביבליאטעקען און די שפראך שטודירט. וויפיל שפראכען ער האט אזוי ארום געקענט איז שווער צו וויסען. פילמאל האט זיך געדאכטען, אז אביש פארשטייט אפילו די שפראך פון די פויגעל, ווייל ווען אביש איז געשטאנען ביים פענסטער אין א זומערדיגען פרימארגען, ווען אלץ איז געווען איינ־געפאסט ווי אין א גאלדענער רייף, זענען אויף זיין ליכטיגען בליק די פויגעל געקומען צו פליען צו זיין פענסטער און בנעימות געגעסען די ברעקלאך, וואס ער האט אנגעווארפען פאר זיי. אביש האט אלעמען אין זינען געהאט.

אביש האט געהאט איינגעטיילט זיין טאג אויף משמורים. אין איין משמור האט ער אליין תורה געלערענט, געלערענט און געחזרט און איינגעזאפט אל־דאס־גוטע, וואס איז פאראן אויף דער וועלט, כדי דאס נאכהער ווידער ארויסצוברענגען. אין א צווייטען משמור האט ער מיט אנדערע געלערענט, געלערענט נישט ווי א פראפעסאר, נאר ווי א גוטער איד, וואס לערענט דערביי לשמה, פאר זיך און פאר יענעם, אז דער צוהערער זאל אויך דערוואקסען ווערען צו דער הויכער מדרגה פון לערנען לשמה. ביי דעם משמור האט פון אבישעס מויל האניג געטריפט. ער האט די לערע, וואס ער האט געמאכט לערנען, זיסער און באטעמטער געמאכט.

אין א דריטען משמור האָט ער מיט זיינע עלטערען פארבראכט, מיט זיי געלאכט און מיט זיי זיך אונטערגעהאַלטען. און אביש האָט ניט געלאכט מיט דעם געוועגלאכען מענשלאכען געלעכטער. יעדעס אבער האָט ביי אים געלאכט, די אויגען זענען געווען ארומגענומען מיט א פליסענד געלעכטערל און האָבען זיך דערביי אזוי געשפּיגעלט ווי א רואיג, שטיל, לויטער טייכעל, וואָס ווערט באַרירט פון א צאַרט ווינטעל. בפרט נאָך, ווען אביש האָט זיך ווירקלאך אונטערהאַלטען, ווען אביש האָט ווירקלאך געלאכט. און מיט וועמען? מיט זיינע עלטערען. אביש האָט אזוי ליב געהאַט זיין טאַטע־מאַמע, ווי די צווייגען פון בוים האָבען ליב זייער שורש. אביש האָט דעם כבוד אב נישט געלערענט פון דער תורה, נאָר פון זיין אייגענעם הארצען. ער האָט די מאַמע־און פאָטער־ליבע א באזונדערען היכל אין זיין הארצען אויסגעבויט. דאָרטען האָט ער א גן־עדן זיך געפלאַנצט, וואו מען קאָן נאָר אריינגעמען דאָס טייערסטע און שענסטע און פון דאָרטען האָט זיין ליבע צו זיין טאַטע־מאַמע געפלאַסען. האָט ער טאַקע פאַר זיי א באזונדערען משמור באשטימט און זיי אונטערהאַלטען, ווייל זיי זענען נישט געווען אזוי גרוים און ליכטיג שיינענד ווי אביש, זייער קינד. זיי האָבען נישט מער געוואוסט, ווי ארבעטען און פארדינען דאָס שטיקעל ברויט מיטן שווייס פון זייער געזיכט. זיי האָבען מיט שמאַטעס געהאַנדעלט און זייער הויז־געזינט מפרנס געווען און אויף אבישען זענען זיי מבינים געווען, מער מיטן געפיל ווי מיטן פארשטאַנד. און אביש האָט זיי מער פארשטאַנען און האָט זיך מיט זיי אין איין משמור פון זיין טאָג אונטערהאַלטען, זיי פרייען געמאַכט און ליכטיג געמאַכט זייער אָרים זיין. זענען זיי טאַקע אויך שיין און הערלאָך געווען אין זייער פשטות, אין זייער אייגפאַכקייט, אפילו ווען זיי האָבען די שמאַטעס געקליבען אין דער זעלבער שטוב, וואו אביש, זייער זון, האָט מיט זיי געוואוינט.

און נאך א משמור האט אביש געהאט, ווייל זיין טאג און נאכט זענען געווען איינגעטיילט אין פיר משמורים. נאר וואס ער האט געטאן אין לעצטען משמור, האב איך איצט אויסגעפונען, אין די טעג, ווען די וועלט איז געווען ארומגערינגעלט מיט פייער און שווערד, ווען אלע טייכען ארום די שטעטלאך, וואו אביש האט געוואוינט, זענען געווארען פול מיט בלוט, מענשלאך בלוט, ווען אלע שפאצירגאנגען ארום אונזערע שטעטלאך זענען געווארען פול מיט קברים, מיט ברידער־קברים.

איך האב אויסגעפונען, אז אביש האט אין יענעם משמור געטראכט וועגען די אייביגקייטס פראבלעמען, וועגען דעם מענש און זיין פארפולקאמונג און וועגען רעכט און גערעכטיגקייט, וועגען דעם אייביגען יושר און בארמהארציגקייט פאר אלע, וואס לעבט און באוועגט זיך, און אין יענעם משמור האט ער גרויסע ווערק געשריבען איבער די אלע פראגען, פאנאנדערגעפלאכטען די צווייגען פון זיין געניאלען געדאנק און זיי ווידער פארפלאכטען מיט זיינע ווערטען, ווייל אביש איז א גרויסער מענש געווען.

צווישען די שמאטעס, צווישען דעם שטויב, האט ער די פראגען פון אייביגקייט געפרואווט פארענטפערען, צווישען די שמאטעס האט ער נייע און ווערק אנגעזאמעלט, און זיי געלערענט און אליין ספרים געשריבען.

איז אנגעקומען דער גרויסער וועלט־קריג, מענשען האבען מענשען געקוילעט, מענשען האבען מענשען פארצוקט נאך ערגער ווי חיות, ברידער געגען ברידער, גאטס באשעפעניש געגען גאטס באשעפעניש. און אביש האט אנגעהויבען ווערען אומרואיג. ער האט אנגעהויבען דערפילען, אז זיין ליבע, מיט וועלכער ער איז געווען באשאנקען, וועלכע ער האט אין צווייטע אריינגעגעבען, די צווייטע נאך צו צווייטע און די צווייטע צו דער גאנצער וועלט, הייבט אן אויסרינען. ווי באלד מענשען קאנען זיך אזוי שעכטען,

קוילען און מאָרדען — האָט ער ביי זיך געטראַכט — טאָ וואָר־זשע איז די אייביגע ליבע, וואָס דאַרף פירען די וועלט צו פאַרפולקאָמונג? און אַז ער האָט אָנגעהויבען אַזוי טראַכטען, האָט ער דעם שלאָף פון זיינע אויגען פאַרלוירען, ווייל גאַנצע נעכט האָט ער וועגען דעם געטראַכט. אַביש, דער גרויסער, אַביש מיט דעם נעבוירענעם שמייכעל אויף די ליפּען, וואָס האָט אַזוי פיל זאַכען פאַרשטאַנען, האָט נישט געקאָנט תופס זיין, פאַר וואָס מענשען שעכטען זיך. זיין האַרץ פול מיט ליבע, זיין מח פול מיט לעבענס־געדאַנקען, האָבען זיך געטראָפען פנים אל פנים מיט דעם מענש־לאַכען האַס.

און איינמאָל, ווען אַרום זיין שטאָט, וואו ער האָט געוואוינט, זענען די קוילען געפלויגען און האָבען אַלץ נייע מענשלאַכע לעבענס אומגעבראַכט, איז ער פון זיין שלאָפלאָזען געלעגער אויפגעשטאַנען און אוועקגעשטעלט זיך ביים בעט פון זיין מאַמען. הייסע טראָפּענס טרערען זענען פון זיינע אויגען געלאָפען. אַבישעס אויגען, וואָס האָבען שטענדיג אַזוי געלויכטען און געשמייכעלט, האָבען איצט באַגאָסען מיט הייסע טרערען דעם קערפּער פון זיין מאַמע. אַביש האָט געוויינט.

האָט די מאַמע די נאַסקייט פון די טרערען אויף איר קערפּער דערפילט און זיך אויפגעכאַפּט, און אַז זי האָט דערזען שטיין אַבישען לעבען זיך, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקען, אַרומגענומען אים און געפרעגט: „אַביש, מיין קינד, וואָס וויינסטו? דו, אַביש, וואָס דו לאַכסט שטענדיג און מאַכסט מיך לאַכען, וואָס וויינסטו היינט?“ און אַביש האָט מיט טרערען אין די אויגען געענטפערט:

„מאַמע! טייערע מאַמע! הער אוים די רייד פון דיין זון אַביש. איך האָב באַשלאָסען אויפצוהערען לערנען די ביכער און שרייבען ביכער וועגען רעכט און גערעכטיגקייט, ווייל רעכט און גערעכטיגקייט זענען היינט אַ ליגען. ווען מענשען קאָנען זיך

איינס דאָס אַנדערע אַזוי קוילען און מאָרדען, איז מיין לערנען און מיין לערע אַ שקר, דעריבער האָט דיין זון אַביש באַשלאָסען אַוועק־צוגיין און ווערען אַן ערד־אַרבעטער. איך וועל אַקערען און זייען די ערד און אויסקלייבען וועל איך אַזאַ שטיקעל ערד, וואָס ליגט אין אַ וויסטע, פון מענשען קיינמאָל נישט באַזעסען. מאַמע! איך וועל גיין פאַרזייען אַ נייַ שטיקעל ערד, אַביש וועט אַ נייַע וועלט באַשאַפען"...

און אַז אַביש האָט דאָס אָפּגעזאָגט, האָט דער מאַמעס קערפּער ווידער דערפילט הייסע, גליענדע טרערען.

גיי איך אַזוי איינמאָל אויפן גאַס, גיי איך אַזוי און עס הייבט מיר אָן טונקעל ווערען פאַר די אויגען. איך פיל, אַז דאָס האַרץ פאַלט מיר אַרויס און אַז דאָס חיות גייט מיר אויס. שוואַרצע רעדער טאַנצען פאַר די אויגען און די צונג ווערט טרוקען. וואָס זע איך? אַביש גייט, יאָ, אַביש, און ער גייט איינגעהילט אין שמאַטעס מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. אויף דעם אַמאָליגען אַבישעס פּנים רוט נאָך אַ שמייכעל, אָבער עס איז נישט דער זעלבער שמייכעל, עס זעט גיכער אויס ווי אַ גוסס גרימאַסע. פיל איך ווי די אויגען ווערען מיר פייכט פון טרערען און גיי צו צו אַבישען און טו אים אַ פרעג:

„אַביש, וואו גייסטו דאָס אַזוי? און פאַרוואָס זענען דיינע קליידער אין אַזאַ שטאַנד? און וואָס טראָגסטו דאָרטען אין דיין זעקעל?"

צעשמייכעלט זיך אַביש, דער אַמאָליגער אַביש, און דאָס פּנים ווערט נאָך מער צעקרימט, און ער ענטפערט בזה הלשון:

„וואָס הייסט, וואו איך גיי? ווייסטו דען נישט? איך גיי אַוועק אין די וויסטע, וואו קיין מענשען וואוינען נישט און דאָרטען וועל איך צעאַקערען די ערד און אַ נייַע וועלט באַשאַפען... און אין

מיין זעקעל האָב איך אַלע מכשירים אָנגעגרייט די נייע ארבעט אָנצוהויבען. אַביש גייט אַ נייע וועלט באַשאַפען"...

בין איך אַוועק פון אַבישען און זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד און פאַר מיר איז אַלץ קלאָר געוואָרען.

אינהאַלט:

זייט

אויף דער שוועל — 5
דר. שמואל אברהם פּאָזנאַנסקי — 19
דר. לודוויג לאַזאַרוס זאַמענהאָף — 37
פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן — 53
יצחק גרינבוים — 67
דר. נח דאַווידזאָהן — 83
י. ל. פּרץ — 111
יאַנוש קאָרטשאַק — 125
ע. נ. פרענק — 137
דר. גרשון לעווין — 147
מתתיהו בענסמאַן — 157
חיים סאַלאָמאָן — 173
אַביש — 183